STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06184

DI BOYMAYSTER FUN LEBEN

A. Bookstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בוקשטיין

די בוימייסטער פון לעבען

ראָמאַן
פון אידישען סטודענטען-לעבען
אין דער שווייץ

ניו יאָרק, 1926

אָריאָם פּרעס, אינק., 54 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק.

Copyright — 1926
by
A. BOOKSTEIN
Brooklyn, N. Y.

מיין פרוי הדסה —
א טרייען און מוטיגען קאמעראד
אין לעבענסקאמף — געווידמעט
מיט דאנק און ליעבע.

דער רויטער הירש

ערשטער קאַפּיטעל

1.

אויף יענער זייט זיינען די אַלפּען נאָך געשטאַנען מיט זייערע גרייז־גראָהע קעפּ, אַזוי ווי פערשלאָפען און געהילט אין וואָלקען...

דער „רויטער הירש“, אַ רעסטאָראַן אין בערנער אָבערלאַנד, איז נאָך געלעגען פערהילט אין שאָטען און אונטער זיינע ליידיגע וועראַנדעס מיט די איבערגעקעהרטע בייַנקלעך האָט אַרום 12 אַ זייגער נאָך געלויערט דער קיהלער פריהלינגס־מאָרגען...

אָבער פון די אָפענע פענסטער האָט זיך שוין געטראָגען אַ גערויש און אַ געזאַנג פון אַ פרעהליכער געזעלשאַפט... מען האָט געזונגען „גוידעאַמוס“ און אַנדערע סטודענטען־ליעדער. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון אַ שווייצארישער סטודענטען־קאָרפּאָראַציע און פון זייער גרויסען שכור'ן טומעל האָט מען געקענט פאַרשטעהן אַז זיי האַלטען שוין ווייטער פון דעם ערשטען ביערקופּעל...

דער ווייסער שנעע פון די אַלפּען־שפּיצען האָט זיך אָבער באַלד אַנגעצונדען פון אַ זונענשטראַהל, האָט אָנגעהויבען צו בליאַסקען און צו פינקלען מיט מיליאַרדען ברענענדע דימענטען און אַ גרויסער שטראָם פון ליכט און גלאַנץ האָט זיך אָנגעהויבען פון די בערג־שפּיצען גליטשען אַרונטער, ניעדריגער און ניעדריגער אין טאָהל אַריין און האָט אויף זיין וועג פערכאַפּט אויך דעם ווינקעל פון דער דריי־עקיגער וועראַנדע פון „רויטען הירש“ און האָט איהם פאַרפלייצט מיט אַ כוואַליע זונען־ליכט.

איינעם, פון די איינציגע צוויי געסט, אויף דער וועראַנדע, וועלכע זיינען שטיל געזעסען נעבען אַ קליין טישעל מיט אַ פּאָר ליידי־

גע טאַסען פאַר זיך, האָט דער גרויסער ליכט־שטראָם אָנגעהויבען צו בעאונרוהיגען און נערווירען. דאָס איז געווען אַ יונגער מאַן פאַר דרייסיג מיט אַ קייליכדיג געשאָרען, בלאָנד בערדעל און מיט אַ פאַר־גליווערטען טויטען בליק פון אַ פּאָר בלינדע אויגען אונטער בלויע ברילען...

זיין קערפּער האָט אָנגעהויבען נערווען צו ציטערען. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען צו טאַפּען אַרום זיך מיט זיינע לאַנגע אויסגעטריקענטע פינגער, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט שוץ פון דער ליכט־פערפלייצונג...

די שוועסטער זיינע, אַ הויך געוואַקסענע, שעהנע שאַטענקע מיט אַ רייכען הויפען האָר אויפ'ן קאָפּ מיט שטאָל־גרויע אויגען און מיט עטוואָס שטאַלץ־בייזע געזיכטס־ציגע, האָט זיך שטיל אויפגעהויבען פון איהר אָרט און מיט אַ רוהיגער בעוועגונג אָפּגערוקט דאָס טישעל טיעף אין שאָטען אריין...

דער בלינדער האָט צוגערוקט זיין בענקעל צום טיש, האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אַ בערוהיגטער און ווידער אָנגעהויבען שטום און בעוועגלאָז קוקען פאַר זיך מיט אַ טויטען פערגליווערטען בליק.

די שוועסטער אָבער האָט זיך ניט געזעצט צוריק אויף איהר אָרט... זי איז געבליבען שטעהן אין מיטען ליכט־שטראָם, בעגאָסען פון איהם, אויסציהענדיג די אָרעמס און דעם גאַנצען עלאַסטישען קערפּער איהרען...

איהר פעסט געבויטע ברוסט האָט זיך דערביי וועלענאַרטיג בע־וועגט און געהויבען, דורשטיג געציטערט און געפּלאַטערט אַנטגעגען דעם שטראַהלען־שטראָם, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט דעם גאַנצען ברייטען לויף זיינעם אַריינגענעהמען אין זיך און איהם דורשטיג איינ־שלינגען אין איהר יונגפרוילִיכער, ליידענשאַפטליך־פּלאַטערענדער ברוסט, אָדער אויסבאָדען אין זיין ליכט איהר גאַנצען פעסטען אָבער אויך שלאַנק געבויעטען קערפּער...

— עס וועט היינט זיין אַ הייסער טאָג — האָט זיך דער בלינדער אָנגערופען, אומדרעהענדיג דעם קאָפּ אין דער זייט, וואו זיין שוועס־טער איז געשטאַנען.

פלאַרא האָט דערויף גאָר ניט געענטפערט, זי האָט נאָר אויפגעציטערט מיט דעם גאַנצען קערפּער, אזוי ווי זי האָט געוואָלט איהם נאָך איין מאָל אונטערטוקען אין זונען־ליכט...

זי האָט זיך נאָך אַמאָל אויסגעצויגען און אויסגעגלייכט מיט אַ מעכטיגער, אָבער צו גלייך גראַציעזער און עלאַסטישער בעוועגונג פון אַ יונגער פּאַנטערע, צונויפגעלייגט די הענד אויף'ן בוזעם און אָנשפּאַרענדיג זיך אויף איינעם פון די וועראַנדע סלופּעס, האָט זי געוואָרפען אַ בליק אין דער ווייטקייט, אַהין, וואו דער „מאָנבלאַן" האָט געהויבען צום הימעל זיין פערנעבעלטען, גרייז־גרויען קאָפּ.

— ווי שעהן, ווי הערליך! — האָט זיך ארויסגעריסען מיט בעוואונדערונג פון איהר ברוסט.

זי איז געבליבען שטעהן בעוועגלאָז און פערגליווערט ווי אַ שעהנער געדאַנק, פאַרקערפּערט אין מאַרמאָר, ווי אַ זיסער פרויען־טרוים, אויסגעגאָסען אין בראָנז.

—יאָ, עס וועט זיין אַ הייסער טאָג היינט — האָט זיך נאָך אַמאָל אָנגערופען דער בלינדער, דערפיהלענדיג, אַז די זון וועט באַלד פערכאַפּען דעם נייעם פּלאַץ איהרען.

פלאַרא האָט אויפגעציטערט און אומגעדרעהט צום בלינדען איהר פּנים. דער געדאַנק, אַז דער בלינדער ברודער איהרער האָט דאָס אַלעס אין לעבען ניט געזעהן, אַז זיין נשמה איז אויף אייביג פערמויערט אין אַ טיפען, פינסטערען קעלער, וואוהין קיין איינציגער זונענשטראַהל קען ניט דורכדרינגען — דער געדאַנק האָט באַלד באַדעקט איהר פּנים מיט אַ טרויעריגען, שוואַרצען וואָלקען...

אויף דעם שמאָלען, קרומען שטעגעל, וואָס האָט געפיהרט פון טהאָל פאַרביי דעם „רויטען הירש" ארויף, צום אָבערלאַנד האָבען זיך בעוויזען צוויי הויזירער, טראָגענדיג פאר זיך אויף רימענע פּאַסען זייערע קעסטלאַך.

זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט פאר דעם רעסטאָראַן און זיך איבערגעסוקט. נאָך אַ קורצער איבערלייגונג זיינען זיי ארויף אויף דער וועראַנדע.

אוועקשטעלענדיג זייערע קעסטלעך אויף א בענקעל ביי אן אפע־נעם פענסטער, האבען זיי זיך אוועקגעזעצט ביי א טישעל אנטקעגען דעם בלינדען און האבען א רוף געטהאן דעם קעלנער.

די צוויי פארשוינען אין זייערע ארעמע אבגעטראגענע קליידער האבען דעם קעלנער, ווייזט אויס, זעהר ווייניג אינטערעסירט, ווייל ער איז אויף זייער קלונג צוגעגאנגען מיט פוילע טריט, קוים, קוים א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ און א בורטשע געטהאן מיט א גלייכ־גילטיגען, לאנגווייליגען און אונפריינדליכען טאן דאס געוועהנליכע „זיי ווינשען?"

— מיר ווינשען... כע, כע, כע,—ווען איהר זאלט וויסען וואס מיר ווינשען — האט זיך אנגערופען איין הויזירער, א יונגער מענש, מיט א גלאט געגאלטען אינטעליגענטען פנים אהן וואנצעס און אין פענסנע, אנשטעלענדיג אויף דעם קעלנער א סארקאסטישען בליק אי־בער זיינע ברילען...

— צום ביישפיעל? — האט געפרעגט דער קעלנער שוין מיט א איראנישען שמייכעל אונטער זיינע גרויסע, געפלעקטע און פארדרעהטע וואנצעס.

— ווען איהר, מיין העררה, זאלט וויסען אונזער וואונש... טא. טא... דאז, דאז...

— דאז? — האט איבערגעפרעגט דער קעלנער און זיין איראנישער שמייכעל האט זיך צוגאסען ברייטער איבער זיינע ליפען.

— דאז, מיין העררה, וואלט איהר אונז מעהר רעספעקטירט!

— אה, ביטע געפעליגסט! — האט זיך דער קעלנער איראניש פאר־בויגען פאר זיינע נייע געסט — מיין גרעסטע האכאכטונג, מיינע העררן! רעספעקט וועט אייך דא, אין „רויטען הירש" קיין מאל ניט פעהלען...

— בעמיהען זי זיך, — העררה אבער! — האט געזאגט דער הויזירער מיט א קעניגליכער האנדבעוועגונג און דערביי טעאטראליש שטאלץ פערריסען דעם קאפ — איהר מוזט וויסען מיט וועמען איהר האט צו טהאן...

— דאס זעהט מען שוין...

— ניכט וואהר? דאס בין איך און דאס איז מיין פריינד טאפף!

— האט ער פארגעשטעלט זיין חבר.

— איך האב די עהרע... עס פרעהט מיך זעהר — האט זיך דער קעלנער ווידער פערבויגען פאר זיינע געסט מיט אן איראנישען ערנסט.

— האט איהר דעם נאמען טאפף קיין מאל ניט געהערט?

— איך בעדויער זעהר...

— ווי איז דאס מעגליך?

— יא, ווי זאל איך איך דאס ערקלעהרען — האט דער קעלנער זיך ענטשולדיגענד, צופיהרט מיט די הענד.

— מיין פריינד טאפף איז א גרויסער, שטילער דענקער — האט מיט א טרויריגער ווירדע באמערקט דער הויזירער.

— אך, זא!... מיינע גרעסטע האכאכטונג! און איהר, אויב איך קען פרעגען?...

— איך בין א דומער שטיינקער — האט ער געזאגט שטילערהייד דעם קעלנער אויפ'ן אויער און האט זיך צולאכט פון זיין אייגענעם וויץ.

— יא, יא, איהר שיינט מיר צו זיין א גרויסער שפאס־פויגעל... עס איז זעהר שעהן... אבער וואס זאל עס זיין?... האט געפרעגט דער קעלנער שוין מיט א פריינדליכען, פאמיליארען טאן — ווינשען, די הערען, צו פרישטיקען?

— אויב מיר ווינשען... כא, כא, כא... דאנער וועטער! דאס איז אונזער הייסטער וואונש...

— אלזא, וואס שטעהט אייך אין וועג?

— וואס אונז אין וועג שטעהט?... הם... — האט זיך אנגעהויבען צו קראצען אין דער פאטעלנעצע דער שפאס־פויגעל — וואס שטעהט אונז אין וועג, טאפף?

— אך, לאז מיך צורוה מיט דיינע פוילע וויצען... — האט זיך אונצופריעדען און בייז אבגעקעהרט טאפף.

— אונז פעהלט ממתקים... גאנץ איינפאך ממתקים, — האט א מאך געטהאן דער וויזירער מיט א פאר פינגער — ווייסט איהר, הערר אבער, וואס בעדייטעט אזוינס ממתקים?

— דאס וועל איך שוין וויסען — האט גאנץ ערנסט א זאג געטהאן דער קעלנער און האט א ווארף געטהאן א בליק אויף די פעדערלערס קעסטלער, — איהר געהט דאך אהין?... אינ'ם אבערלאנד? הויזירען? ניכט וואהר?

— יא, אינ'ם אבערלאנד.

— וועט איהר צוריקוועגס בעצאהלען... איך וועל שוין פאר אייך גוטזאגען.

— א, עדעלער מענש, נאבעלעס הארץ! גרויסער פילאנטראפ! — האט ארומגעכאפט דער פעדלער דעם קעלנער מיט זיינע אָרעמס.

— שעהן, שעהן, וואס ווינשט איהר צו עסען? — האט געפרעגט דער קעלנער, בעפרייענדיג זיך פון פעדלערס אָרעמס מיט א גוטמוטיגען שמייכעל.

— אלע נאהרהאפטע שפייזען זענען אונז ווילקאמען... און הויפטזעכליך ברויט, א גרויסע פארציאן ברויט!...

— פיליכט ווארימע ווארשטלעך מיט קארטאפעל־סאלאט?

— זאל זיין ווארשטלעך מיט קארטאפעל־סאלאט.

— און צו גלאז ביער?

— און צו גלאז ביער.

— העללעס?... דונקעלעס?...

— העללעס... דונקעלעס... מיר טרינקען אלעס!

— שעהן... עס קומט באלד — און דער קעלנער איז פערשוואונדען אין רעסטאראן מיט שנעלע טריט.

— טאפף! גליק, גליק! מיר וועלען היינט האבען פיעל גליק... — האט זיך געפרעהט דער הויזירער, און טאפף האט זיך צופריעדען געשמייכעלט אין דער גרויסער שווארצער באָרד אריין...

— יעצט זאל דער שטילער דענקער זאגען, אז וואסערמאן איז נישט קיין גרויסער דיפלאמאט, קיין גרויסער מענשענקענער... הא?

— האט וואסערמאן א שטארקן טרייסעל געטהאן דעם חבר זיינעם ביי די פלייצעם.

— אה, עס טהוט וועה! — האט זיך א קניימש געטאן טאפף.

— אדרבא, זאג שוין דו אליין, טאפף, — האט געזאגט וואסערמאן, אויסשרייענדיג דעם טאפף מיט א בעזונדערער בעטאנונג.

— שא! ווארף אוועק דיינע אקטיארסקע שטיק... עס זיינען דאך דא מענשען! — האט זיך אנגערופען טאפף א פארשעמטער.

וואסערמאן האט זיך אומגעקוקט.

דער סארקאסטישער שמייכעל וואס האט שטענדיג געשוועבט אויף זיינע ליפען, איז פלוצלונג פערשוואונדען, און זיין נערוועזער בעוועגליכער אקטיארסקער פנים האט זיך אויסגעצויגען און איז פערגליווערט געווארען אין אן אויסדרוק פון בעוואונדערונג און איבעראשונג.

אויף זיי האט מיט אן איראנישער נייגיר געקוקט פלארא.

מיט דעם רייכען קאשטאנעווען קאפ הארר, וועלכער איז געווען פערוואָרפען און אנגעשפארט אויף א ווערענדע־סלופ, מיט איהרע איבער דער ברוסט געקרייצטע הענט, און מיט דעם לייכט־שפאטישען שמייכעל אויף די ליפען, האט איהם די אונבעקאנטע איבעראשט און כמעט איבערגעשראקען...

אזוי איבערשרעקען זיך מענשען ווען זיי בעגעגענען פלוצים אין דער ווירקליכקייט א שעהנעם חלום.

דער שפאס פויגעל און ציניקער, האט דעם שטריינגען, קאלטען בליק פון דער שטאלצער שעהנהייט ניט אויסגעהאלטען און דער ערשטער זיך אבגעקעהרט.

— הם... ווי געפעהלט דיר, הא? האסטו שוין אזוינס געזעהן?

— האט געמורמעלט וואסערמאן צו זיין חבר.

טאפף האט פארשעהמט ארונטערגעלאזט זיינע אויגען. זיין חבר'ס באציהונגען צו פרויען האבען דעם צנוע תמיד פערשאפט בושה און פיין...

אז וואסערמאן האט זיך נאך אמאל אומגעדרעהט איז די אומבעקאנטע שוין געשטאנען אויסגעדרעהט צו איהם מיט דער פלייצע

און האט ווידער געקוקט פאר זיך אויף די שנעע־בעדעקטע אלפען־שפיצען.

דער קעלנער האט אינצווישען זיי דערלאנגט דעם פריהשטיק.

ניט קוקענדיג אויף זיין הונגער, האט וואסערמאן גענעסען זיין פריהשטיק צוטראגען און אפט אומגעדרעהט דעם קאפ אין דער זייט, וואו די אונבעקאנטע איז געשטאנען. איהר געזיכט האט אויף איהם געמאכט אזא שטארקען איינדרוק, אז ער האט עס געוואלט זעהן נאך אמאל.

און ער האט אבזיכטליך אנגעהויבען ריידען הויך אין דער האפ־נונג, צו ציהען איהר אויפמערקזאמקייט און בעוועגען זי נאך אמאל אויסצודרעהען צו איהם דעם פנים.

— פע, טאפף, ווער עסט אזוי? ס'איז אונעסטעטיש!...

ער האט באלד פערשטאנען, אז זיין בעמערקונג איז ביליג און באנאל, און אז דערמיט קען ער נאר פערליערען אין איהרע אויגען, און דאס בלוט איז איהם ארייין אין פנים.

טאפף'ן אבער האט זיין חבר'ס הילכיגע בעמערקונג אזוי דער־שראקען, אז ער איז געבליבען זיצען מיט א פולען מויל און צוויי שטאר אויסגעגלאצטע אויגען, אזוי ווי מען וואלט איהם געכאפט ביי א גרויסען פארברעכען.

ער האט אויסגעזעהן אזוי קאמיש אונבעהאלפען, אז וואסערמאן האט אויסגעבראכען אין א שטורמישען געלעכטער.

2.

דער שיכור'ער טומעל פון דער פרעהליכער געזעלשאפט אין דעם „רויטען הירש" איז געוואקסען.

— פריץ! פריץ! קאם מאל היער, פריץ! וואוהין געהסטו — האט זיך אבגעטיילט פון טומעל א קול.

— איך מוז לופט כאפען! — האט געענטפערט פריץ, און זיין צושניטענע מארדע פון א גרויסען בולדאג האט זיך שוין געשאקעלט אויף זיין דיקען אקסען־האלז פאר דעם אפענעם פענסטער. ער האט

בעטראַכט די צוויי הויזירער מיט אַ בליק פון אַ בייזען הונט, וואָס קלייבט זיך עמיצען צו בעפאַלען.

—זאָגען זי מיר... זי... וואָס מאַכט איהר דאָ? — האָט געפרעגט פריץ מיט אַ שכור'ן שלוקערץ.

— וואָס געהט זי אָן? — האָט פון זיין זייט קאַלטבלוטיג גע־פרעגט וואַסערמאַן.

— וואָס? עס געהט מיך שוין אָן... איך זאָל דאָס באַלד וויסען!

— האָט אַ האַווקע געטאָן דער שכור'ער סטודענט מיט אַ קול פון אַ אַלטען הייזעריגען בולדאָג. זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט.

— מיר הויזירען דאָ אין אַבערלאַנד... האָט דערשראָקען באַמערקט טאַפּה.

— וואָס? הויזירען? ווער האָט עס אייך ערלויבט? — האָט געדונערט פריץ. — די פערפלוכטע יודען! די גאַנצע שווייץ האָט איהר מיר פערפּעסטעט!

— האַלט דאָס מויל! — איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט וואַסער־מאַן, ציטערנדיג מיט דעם גאַנצען קערפּער פון ווילדען כעס און פון אַ פּיעבערהאַפטען מוטה, וועלכער איז גאָר ניט געווען אין זיין נאַטור.

— וואָס? בליי־בלויער דאַנער וועטער! — האָט אַ ברום געטאָן פריץ און מיט אַ האַסטיגער בעוועגונג אַ שליידער געטאָן פון זיך דעם ביינקעל מיט די צוויי קעסטלעך.

די גאַנצע קראַם, פינגערלעך, קייטעלעך, זייגערלעך און אַנדערע גאַלאַנטערע־אַרטיקלען האָבען זיך צושאָטען און צוקייקעלט איבער דער ווערענדע מיט אַ קלאַנג און קראַך פון צושמעטערטען גלאָז.

אין אַנדערסמאָל וואָלט דער הויזירער און איך דעם גוי אפשר פערשוויגען...

אויף איהם האָט שוין אָבער ווידער געקוקט די אומבעקאַנטע און איהר נייגיריגער און עמפּערטער בליק האָט איהם פערוואַנדעלט אין אַ נייעם, פרעמדען מענשען...

וואסערמאַן איז מיט איין שפּרונג שוין געווען ביים אָפענעם פענסטער און מיט זיינע נעגעל אָנגעכאַפּט דעם שכור'ן סטודענט פאַר'ן גאַרגעל.

אַ פּאָר סעקונדעס זענען אַריבער אין אַ טויטען שטיל־שווייגען... באַלד האָט זיך דערהערט אַ פערשטיקטער כראָפּען און אַ פּייף פון פּריץ'ס דיקען האַלז, וועלכער איז געווען איינגעקלאַמערט אין וואַ־סערמאַנ'ס נעגעל, ווי אין אַ צוואַנג.

אין „רויטען הירש" איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה. עטליכע פּאָר הענט האָבען אַרויסגעריסען דעם שכור'ן קאַמעראַד פון וואַסערמאַנ'ס נעגעל און האָבען דעם פּעדלער אַ שליידער געטאָן ווייט צום טיש. איינינגע האָבען זיך געריסען מיט איהם שלאָגען, אַנדערע האָבען זיי אָבגעהאַלטען.

וואַסערמאַן איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן טיש, ציטערענדיג פון שטאַרקער אויפרעגונג און בלייך ווי אַ מת.

אַז ער האָט אָבער דערזעהן טאַפּ'ן, וועלכער איז אַ צופּאַטעל־טער ארומגעקראָכען אויף אַלע פיער, צונויפקלייבענדיג מיט דעם קעלנער'ס הילף זייער אָרימע קראַם, און ווען ער האָט זיך בעגעג־נענט מיט דעם אירָאַנישען און קאַלטען בליק פון דער אונבעקאַנטער מיידעל, איז וועלכען ער האָט דערזעהן מער פעראַכטונג ווי מיטלייד, האָט וואַסערמאַנ'ען אָנגעכאַפּט אַ ווילדער כעס.

ער האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען אין טיש און שרייען:

— פּאָליציי! פּאָליציי! רופט מיר פּאָליציי!

ער האָט אָנגעהויבען צו לויפען איבער דער וועראַנדע ווי אַ פער־וואונדעטער לייב. זיין כעס איז איבערגעגאַנגען אויך צו טאַפּ'ן און יענער האָט אויך נאָכגעקלאַפּט:

— פּאָליציי! פּאָליציי! רופט מיר פּאָליציי!

די גאַנצע געשיכטע האָט אויף דעם בלינדען זיך אָבגערופען אויף אַ שוידערליכען אויפן. ער איז געשטאַנען אַ פּאַראַליזירטער מיט אַן אָנגעשטרענגטען טויטען בליק, און דער לאַנגער, דאַרער קערפּער זיינער האָט קאָנוואולסיוו געציטערט.

ווי תמיד אין אזעלכע פעלע, האט ער אונרוהיג געטאפט פאר זיך מיט די לאנגע, ציטערנדע פינגער און געזוכט מיט זיינע לעבעדיגע אויגען זיין באשיצער.

— פלארא, פלארא! וואו ביסטו?

— זעץ זיך און בערוהיג זיך — האט די שוועסטער זיך אנגערופען אין רוסיש, מיט א גלייכגילטיגען און רוהיגען טאן, וועלכער האט געקלונגען ווי א בעפעהל. — די גאנצע געשיכטע געהט דיך און מיך זעהר ווייניג אן.

— איהר האט א טעות, מאדעמואזעל — האט איהר צארניג געענטפערט וואסערמאן אויך אין רוסיש. די געשיכטע געהט אייך אן אזוי פיל ווי מיר.

— פאר וואס? — האט פלארא געפרעגט דעם הויזירער, אויפהויבענדיג אויף אים א קאלטען, שטאלענעם בליק.

— ווייל איהר זייט אידען, גלייך ווי מיר.

יא, יא... עס איז א געמיינהייט, פלארא! איהר רופט די פאליציי. ווי גרויס איז אייער שאדען? — האט געפרעגט דער בלינדער, אומדרעהענדיג דעם קאפ אין דער זייט, וואו דער הויזירער איז געשטאנען.

— ווער רעדט פון שאדען!... דא געהט ניט אין שאדען!

— יא, ריכטיג, איר האט רעכט! — האט איר ווייניגסטענס אלעם צונויפגעקליבען? — האט ווידער געפרעגט דער בלינדער, און האט דערביי געמאכט א באוועגונג, ווי ער וואלט וועלען זיך אראפלאזען אויף דר'ערד און העלפען צונויפקלייבען די צושאטענע זאכען.

פלארא האט איהם אבער רוהיג גענומען ביי דער האנד, איהם אוועקגעזעצט צוריק אויף זיין ארט און קאלטבלוטיג אפגעווענדעט איהר בליק צו די אלפען־שפיצען, אזוי ווי זי וואלט געוואלט דערמיט בעווייזען, אז די גאנצע געשיכטע געהט איהר ווירקליך זעהר וועהניג אן.

דער בלינדער האט דאס דערפילט און אום צו פאריכטען דעם שלעכטען איינדרוק, וואס זיין שוועסטער'ס האנדלונג האט געקענט

מאכען, האט ער זיך ארייגעלאזט מיט דעם הויזירער אין א פריינד־ליכען שמועס.

— איהר הויזירט שוין לאנג דא אין לאנד?

— ניין, דאס איז אונזער ערשטער דעביוט...

— איהר זייט ערשט געקומען אהער אין לאנד?

— אה, ניין... אין לאנד זענען מיר שוין לאנג...

— מיט וואס האט איהר זיך ביז איצט בעשעפטיגט?...

— וואס איז דיין עסק? — האט איהם שטרענג און בייז איבערגע־האקט די שוועסטער — וואס פאר א מאנירען!

— ענטשולדיגט... פיליכט בין איך צודרינגליך... איך פרעג דאס בלויז אלס לאנדסמאן, — האט זיך פארענטפערט דער בלינדער, און אנגעהויבען אונרוהיג צו טאפען ארום זיך.

— אה, ביטע געפעליגסט... איהר זייט מיר ניט צודרינגליך — האט איהם בערוהיגט דער הויזירער און זיך אוועקגעזעצט צוריק אויף זיין ארט און איז אנטשוויגען געווארען, בעטראכטענדיג זיינע צוויי בלייכע, ציטערנדיגע הענט.

דער אקטיאר איז אבער באלד געקומען צו זיך און האט געגעבען דעם גאנצען אינצידענט א נייע קאמישע ווענדונג.

— גרויסער דענקער, שטעה אויף! אזא מאן ווי דו דארפסט זיך ניט וואלגערן אויף דר׳ערד און קלייבען גראשענע סחורות! הויב אויף הויך דיין קאפ, טאפף! — האט זיך געווענדעט צו אים וואר־סערמאן מיט א טעאטראלען טאן.

טאפף האט אויפגעהויבען פון דר׳ערד זיין קאפ און א קוק געטאן מיט א פאר שווארצע אויגען פריהער אויף זיין חבר דערנאך אויף די אונבעקאנטע לאנדסלייט. ער האט זיך פארשעהמט ווי א קליין אונבעהאלפען קינד, וועלכעס מען כאפט ביי א שטיפעריי.

— שוין אלעס צונויפגעקליבען... נור די טאפלעס זענען צובראָ־כען — האט זיך טאפף אזוי ווי פארענטפערט.

פלארא׳ן איז דער אונבעהאלפענער, ווילד־בעוואקסענער הויזירער, ווייזט אויס, נעפעלען געווארען, ווייל זי האט איהם געשענקט א מע־

לאנכאלישע, פריינדליכע בליק, וועלכער האט זיך צוגאסען איבער איהר שטרענגע און קאלטע געזיכט אין א ליבלאכען און גוטען שמייכעל.

— איך ווייס ניט צו אייער קאמעראד איז א גרויסער דענקער, אבער איך בין זיכער, אז ער איז זעהר א שלעכטער הויזירער — האט זיך געווענדעט פלארא צו וואסערמאנ'ען מיט דעם זעלבען גוטען שמייכעל.

— אה, איך בעט אייך אין מיין קאמעראד'ס דענקונגס־קראפט ניט צו צווייפלען! ער איז גרוים.. אומענדליך גרוים — האט גע־שפאסט וואסערמאן מיט אן אקטיארסקען ערנסט.

— אין וואס האט זיך זיין גרויסקייט אויסגעדריקט? — האט געפרעגט פלארא מיט א לייכטען איראנישען שמייכעל אויף איהרע דינע ליפען.

— אין וואס? וואס איז שייך אין וואס? אין וואס האט זיך טאפף, אויסגעדריקט דיין גרויסער דענקען? אין אלעם!

— אך, הער שוין אויף... עס ווערט איהם גאר ניט נמאס — האט געזאגט טאפף מיט א קאנוואולסיווע ציטער איבער'ן גאנצען קערפער.

— איר זעהט? די גרויסע דענקער זענען תמיד בעשיידען... לאַ־מיר נעמען צום בייששפיל דיין מוזיק פון שווייגען. נו, איז זי ניט גרוים?

— ווי קען זיין א מוזיק פון שווייגען? — האט איבערגעפרעגט פלארא און אין איהרע אויגען האט שוין געפינקעלט אינטערעס צו די צוויי קאמעראדען.

— ווי עס קען זיין? זיין קען עס ניט זיין, נאר ביי אים איז עס דא.

— אך, וואס ער קען אייך אנפלוידערען... גענוג! לאמיר געהן...

— און טאפף האט זיך, שעהמעדיג, אבגעקעהרט צום ארויסגאנג פון דער ווערצנדע.

— זייט איהר א מוזיקער? — האט געפרעגט דער בלינדער.

— איך ניט, נור מיין קאמעראד איז א קאפאזיטאר.

— אזוי... אזוי... — האָט זיך אויפגעהויבען דער בלינדער פון אָרט אין אַ פרעהליכער אויפרעגונג — אויף אַזאַ אופן זענען מיר דאָך כמעט קאָלעגען!

— אָבער וואַסערמאַן! וועסטו אויפהערען? אָט געה איך אַוועק!

— האָט טאַפּף אויפגערעגט פּראָטעסטירט געגען זיין חבר'ס טעאַט־ראַלישע שטיק.

— ער קאָמפּאָנירט די מוזיק פון שווייגען... די מוזיק פון דער צוקונפט — האָט באַמערקט וואַסערמאַן מיט אַ קאָמיש טרויריגען ערנסט.

— אַה, די מוזיק פון שווייגען? דאָס איז זעהר אָריגינעל... עס מוז זעהר גרויס זיין... גרויסאַרטיג! — האָט אויסגערופען מיט בע־גייסטערונג דער בלינדער און האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַן אויס־געשטרעקטער האַנד אויפצוזוכען און צו דריקען די האַנד פון דעם נייעם קאָמפּאָזיטאָר. — מיין נאָמען איז סאָלאָווייטשיק, וויאָלאָניסט סאָלאָווייטשיק... איר האָט מיין נאָמען מסתמא געהערט...

— סאָלאָווייטשיק? זייט איהר דער בעריהמטער סאָלאָוויי־טשיק? — האָט אויסגערופען טאַפּף מיט ווילדער פרייד.

— גיט נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ פרייד! — האָט זיך געווענדעט וואַסערמאַן צו פלאָראַ'ן און האָט זיך הויך צולאַכט.

— אַך, שוין יאָהרען לאַנג, אַז איך טרוים אייך איינמאָל אין לעבען צו הערען שפּילען! זייט איהר דער סאָלאָווייטשיק?... — האָט טאַפּף אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך פון איבעראַשונג.

— מאָרגען קאָנצערטירען מיר אין בערן. איהר וועט מיך אין מיין שוועסטער מאָרגען קענען הערען... זייט איהר שוין מיט אייער קאָמ־פּאָזיציע פאַרטיג? — האָט געפרעגט דער בלינדער, ניט אַרויסלאָזענ־דיג די האַנד פון דעם מוזיקאַלישען הויזירער.

— אַה, ניין! איך טראַכט נור דערפון, אָבער געשריבען האָב איך דאָס נאָך ניט! — האָט געענטפערט טאַפּף און אויף זיין פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אַזאַ טיפער און שמערצליכער וועהטאָג, אַזוי ווי מען וואָלט זיך צוגעריהרט צו אַן אַלטער אונפערהיילטער וואונד.

— אזוי... אזוי... און איך האָב געמיינט אַז איר האָט עס שוין אנגעשריבען — האָט געזאָגט דער בלינדער מיט אַן ענטוישטען טאָן און זיך אומגעקעהרט צו זיין פּלאַץ.

— פיהלט איהר זיך אין קראַפט עס צו שאַפען? — האָט געפרעגט פלארא.

— איך ווייס... איך בין דאָך ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער מוזי־קער... איך בין בלויז אַ דילעטאַנט — האָט געענטפערט טאַפּ מיט אַראָבגעלאָזטע, פארשעהמטע אויגען.

— זייט איר ניט ביידע סטודענטען? — האָט ווידער געפרעגט פלארא.

— יאָ, סטודענטען... ווי אזוי האָט איר דאָס פערשטאַנען? — האָט געפרעגט וואַסערמאַן.

— איך האָב עס באַלד בעמערקט, אזוי ווי איר זייט ארויפגעקו־מען אויף דער וועראַנדע. מסתמא אַ פּאָר אַלטע פערלודערטע סטודענ־טען... מען זעהט עס באַלד! כאַ, כאַ, כאַ!...

— אבער פלארא! — איז אויפגערעגט אויפגעשפּרונגען דער בלינדער מוזיקאַנט — ווי קען מען עס? ווי ערלויבסטו זיך?!

פלארא האָט אָבער אזוי הערצליך און שעהן געלאַכט, די טרעלען פון איר געלעכטער האָבען געקלונגען איבער דער ווערנדע מיט אזא שעהנער, מונטערער און קינדערשער גוטהערציגקייט אז ניט נאָר וואַסערמאַן, אויך דער פערכמורעטער טאַפּ האָט אויסגעבראָכען אין אַ שטורמישען געלעכטער. אפילו דער טאָל פון אונטען און די הויכע בערג פון ווייטענס האָבען זיך אָפּגערופען מיט אַ פרעהליכען און אַ לאַכענדען ווידער־קול...

— אבער פלארא, וואָס איז מיט דיר? — האָט זיך געערגערט איהר ברודער.

— לאַכט... לאַכט פון אונז... — האָט געזאָגט וואַסערמאַן.

— אַך, עס בעליידיגט אייך! ענטשולדיגט... איך בעט אייך. איך האָב שוין לאַנג, לאַנג אזוי ניט געלאַכט... כאַ, כאַ, כאַ!

— אבער פלארא, דו מאַכסט מיך קראַנק!...

— נו, נו, איך וועל שוין מעהר ניט לאַכען — האָט איהם בערו־

היגט די שוועסטער, אונטערברעכענדיג דעם געלעכטער און איז גע־ווארען ערנסט.

— ווארום? לאכט, לאכט... — האט זי געבעטען וואסערמאן.

— איר בעליידיגט זיך ניט?

— אומגעקעהרט... איך וואלט אייביג געזעסען און צוגעהערט אייער געלעכטער...

— ווארום? — האט געפרעגט פלארא און האט בייז א גלאנץ געטאן אויף איהם מיט איהרע שטאל־גרויע אויגען.

— איך לאכט אזוי שעהן... אזוי שעהן!... זעהט, מיט אייך לאכט דאך די גאנצע נאטור... די בערג און דער טהאל... אלעס האט זיך דער־פרעהט מיט אייער געלעכטער און האט געענפערט מיט א יובעלענ־דען ווידער־קול.

— יא... יא... איר לאכט אזוי שעהן... אזוי שעהן... — האט גע־מורמעלט טאפף.

— אה, איהר מאכט קאמפלימענטען! דאס איז שוין גאנץ ביליג און באנאל.

א בייזער וואלקען האט פלוצים פארכמורעט איהר פנים און איהם באצויגען מיט אן אויסדרוק פון בייזען קאלטען שטאלץ.

— איך מיין עס ערנסט... איך מאך נישט קיינע קאמפלימענטען — האט זיך פארענטפערט וואסערמאן.

פלארא אבער האט זיך פלוצלונג אומגעדרעהט צו איהם מיט דער פלייצע און ווידער געווארפען איהרע בליקען אויף די אלפען.

3.

אין 15 מינוטען ארום האבען די צוויי הויזירער פארגעסען זייערע צושמעטערטע קראמען, וועלכע זיינען געלעגען פארשעהמט אן א זייט, אין די צובראכענע קעסטלעך. זיי האבען פערגעסען דעם צוזאמענ־שטויס מיט דעם שיכור'ן פריץ און דאס גאנצע אבערלאנד, וואוהין זיי האבען זיך געקליבען צו הויזירען און מאכען געלד פאר דעם קו־מענדען סעמעסטער.

וואסערמאן איז געזעסען ביים טישעל מיט דעם בלינדען סאלא־וויטשיק און זיין שוועסטער און האט געשאטען מיט וויצען און פא־ראדאקסען וועגען ליטעראטור, קונסט און וויסענשאפט.

זיין פילזייטיגער גייסט האט ארומשפאצירט אין די גרויסע און לאנגע לאבירינטען פון מענשליכען וויסען. פריי, מיט א פרעך־פער־ריסענעם קאפ און מיט די הענד אין די קעשענעס, אזוי ווי ביי זיך אין צימער.

זיין סארקאזם און צו בייזען שפאס געניגטער, אנאליטישער שכל, האט פארשטאנענע אויפצודעקען און צו געפונען איבעראל נור די שא־טענזייטען, ווידערשפרוכען און פאראדאקסאלע געגענזאצען, אויסצור־לאכען און אויסצושפאטען, דאס גרויסע צו פארקלענערען און צו פארשפריצען מיט דער ביטערער גאל פון זיין פערגיפטעטער נשמה.

וואסערמאן איז געשפרונגען פון איין טעמא צו דער צווייטער, ווי א געשיקטער אקראבאט שפרינגט און פליהט אין דער לופט. זיינע בעוועגליכע געזיכטסציגע זיינען מיטגעשפרונגען און ער האט געשא־טען און געשאטען...

דער בלינדער איז געזעסען אונטער א האגעל פון וויציגע פארא־דאקסען און בליץ־ארטיגע סאטירען און זיין פינסטערע, פערטרויערטע נשמה האט זיך געפילט אזוי ווי אטאקירט און בעשאסען פון א גרוי־סער, פיינדליכער און צושטערענדער מאכט...

ער איז געווארען אונרוהיג און נערוועז, ער האט אנגעהויבען נער־וועז צו דרעהען זיך אויף זיין שטוהל און צו טאפען ארום זיך מיט די פינגער...

דער הויזירער האט זיך אריינגעריסען אין זיין שטילער בלינדער וועלט, א וועלט פון מעלאנכאלישער רעזיגנאציאן און הארמאניע ווי אן אראגאן...

דער גרויסער פיעדעל שפיעלער האט סתם ניט געקענט פארטרא־גען קיין הויכע, שרייענדע טענער און וואסערמאן, ווערמענ'ס פנים און מימיק ער האט ניט געקענט זעהן, וועמענ'ס נאטור ער האט דער־פאר ניט געקענט אנטאפען מיט זיינע זעהענדע פינגער, איז פאר'ן

מוזיקער געווען בלויז א שרייענדע און שלעכטע מוזיק, א שרעקליכע דיסהארמאניע.

אבער אויך פלארא, די רוהיגע און באלאנסירטע שוועסטער זיי־נע, וועלכע האט צוערשט הערצליך און גוטמוטיג געלאכט פון וואַ־סערמאנ'ס וויציגע פאראדאקסען, איז אין פערלויף פון געשפרעך גע־ווארען אלץ ערנסטער און ערנסטער.

דער וויזירער האט צושפרייט פאר איר זיין פארביטערטען און צורשטערענדען גייסט, זיין ברייטע בילדונג און אריגינאליטעט, זיינע נשמה־אוצרות ווי א קרעמער צושפרייט פאר'ן קונה זיין קראם...

ווי א קרעמער, וואס קריכט פון דער הויט צו פארקויפען זיין סחורה, איז וואסערמאן געקראכען פון דער הויט צו באווייזען זיין אריגינאליטעט, זי צו בלענדען און איהר צו געפעלען.

איהר ברודער'ס אומרוהע האט זיך אויך איהר מיטגעטיילט און זי איז אויך פלוצים געווארען אומרוהיג, מיד... איהר געזיכטסציגע זיינען דערפאר געווארען שטריינג, איהרע גרויסע, גרויע אויגען האבען אנגע־הויבען בייז און אונפריינדליך צו פינקלען, דער גאנצער שעהנער פנים האט באקומען דעם פריהעריגען פיינדליכען אויסדרוק, מיט וועלכען זי האט צום ערשטען מאל באגעגענט די צוויי אקאדעמישע הויזירער.

דער שעהנער פנים האט דערפאר פארלוירען פיעל פון זיין רייץ און חן...

— ווי לאנג שטודירט איהר שוין ? — האט איהם פלוצים אונטער־בראכען פלארא.

— דעם פופצענטען סעמעסטער.

— דעם פופצענטען סעמעסטער ? אזוי לאנג ? — האט אוים־גערופען סאלאווייטשיק פארוואונדערט.

— וואס שטודירט איהר אזוי לאנג ? — האט איהם שטריינג גע־פרעגט פלארא.

— וואס ? אלעס ! אלעס ! א איד וויל און מוז אלעס שטודי־רען : פילאסאפיע, נאטור־וויסענשאפט, שפראכען און דערפאר קען

ער אַלעס און אייגענטליך גאָר ניט... דאָס איז ניט וויסענסדורשט, נאָר וויסענסגייץ... ער וויל באַזיצען, אָבער ניט וויסען... כאַ, כאַ, כאַ.

— דאָס איז מיט אונז אידען דאָס טרויעריגסטע... מען מוז האָבען אַ פאַך, איצט איז אַלעס ספּעציאַליזירט — האָט געערגערט באַמערקט דער פיערדעל שפּיעלער.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט אַ מיעדער און גענעצענדער, דער הויזירער האָט איהם פאַרשאַפט גרויסע און טיעפע עמאָציעס, ער האָט איהם אין זיינע רעדעס גענומען פיעל ערנסטער ווי יענער אַליין האָט זיך גענומען. אַ ווילד פרעמדער האָט איהם פאַרטשעפּעט, אויפגערעגט, כמעט ערשיטערט און ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס. די געזעלשאַפט איז איהם געוואָרען שווער צו לאַסט און האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי פון איהר פּטור צו ווערען.

— פאַר וואָס־זשע קלייבט איהר זיך ניט אויס קיין באַשטימטע פאַך? — האָט איהם פלאַרא געפרעגט מיט אַ שטראָפענדען טאָן.

— איך האָב עטליכע בעשטימטע פאַכען! כאַ, כאַ, כאַ. איצט אָבער איז מיין פאַך עקספּלאָדירענדע שטאָפען כאַ, כאַ, כאַ.

— זייט איהר אַ כעמיקער? — האָט איהם געפרעגט דער בלינדער.

— יאָ, איך בין אויך אַ כעמיקער... איצט אַרבייט איך אויף עקספּלאָדירענדע שטאָפען.

— וואָס ווילט איהר אויפרייסען? — האָט איהם איראָניש געפרעגט פלאַרא.

דער אַקטיאָר האָט אַזוי ווי געוואַרט אויף דער רעפּליק.

— די וועלט! די וועלט! — די גאַנצע וועלט! — איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט וואַסערמאַן אין אַ טעאַטראַלישע פּאַטעטישע פּאָזע און האָט געוואַרט אויפ'ן עפעקט.

— איך בין דיאַלעקטיש, דורך לאָגישע שלוסען געקומען צו אַזאַ סיטואַציע, אַז מען וועט קענען פון דאַנען אויפרייסען פולווער מאַגאַזינען אין ענגלאַנד, רוסלאַנד, איבער דער גאַנצער וועלט.

אין דער טיראַדע האָט געשטעקט מעהר פּוסטער גלאַנץ, באַרימעריי, ווי ערנסטעס דיינקען אָדער שטרעבען... פלאַרא'ן האָט עס שוין כמעט געערגערט... זי האָט שוין געקוקט אויף איהם מיט צוזאַמענגע־

פרעסטע ליפען, מיט קאלטע, שטאהלענע בליקען, כמעט מיט אנטי־פאטיע. דער פרעמדער הויזירער איז איהר שוין ניט געווען פרעמד און גלייכגילטיג... ער האט זי גערייצט און געערגערט ווי אן אייגענער אויף פארלארענע און שלעכטע וועגען... דער מענש מיט זיין שארפ־זייטיגער נשמה, מיט זיין דערנעריש שפּיציגער נאטור האט זי אויך פארטשעפּעט, זיך ארייננעריסען ווי א דארן אין איהר לעבעדיג פלייש. אן אינסטינקטיווער שרעק עפּעס האט צונעדריקט איהר הארץ ווי א שווערע לאסט, דער אינסטינקט פון זעלבסט שוץ האט זיך פּלוצים געשטעלט אויף דער וואך...

אזוי, אזוי, מערקווירדיג! — האט זיך אנגערופען דער בלינדער מיט בעוואונדערונג און צו גלייכער צייט האט ער פארזיכטיג זיך אבגערוקט פון דעם געפעהרליכען בעמיקער.

וואסערמאן האט באמערקט די פארזיכטיגע באוועגונג.

— וואס רוקט איהר זיך אב? — איהר האט מורא פאר אן עקס־פּלאזיאן? כא, כא, כא פארלויפיג בין איך ניט אומשטאנד אפילו א פליג אויפצורייסען כא, כא, כא דאס עקזיסטירט בלויז אין מיין געדאנק, אין קאפּ... אין מאטעמאטישע פארמולען... לעת עתה איז נאר מיין קאפּ, מיין מארך אויפגעריסען און פארברענט.

ער האט טיעף ארונטער געלאזט דעם קאפּ אויף זיין ברוסט און אין הארצען אליין געלאכט פון זיין פאטעטיש טרויעריגער פאזע... ער איז אבער באלד אויפגעשפּרונגען פון ארט און קלאפּענד אין טיש געשריהען:

— די שטראהלען, די וואסערמאנשטראהלען, די עקספּלאדירענדע מאכט אבער מוז און וועט פון מיר געשאפען ווערען! איך וועל זי שאפען!...

האט ער געוואלט איבערשרייען זיין אייגענעם צווייפעל?

— צו וואס טויג עס אייך? די וועלט אויפרייסען... — האט איהם ענגסטליך געפרואווט אבריידען דער בלינדער מוזיקאנט.

— די וועלט זאל אויפגעריסען ווערען! וואסערמאן דער אידישער סטודענט, דער פילאסאף, דער עסטעטיקער און הויזירער, דער נאטור פארשער און אנארכיסט א. ז. וו. וועט זיצען דא אין בערן און מיט

א פאאר וואסערמאן שטראהלען וועט ער אויפרייסען דעם צאר'ס פאלאץ, פעטערבורג, מאסקווע, די גאנצע וועלט! ער וועט אלעם חרוב מאכען! תמות נפשי עם פלשתים! — האט געסטראשעט דער הויזירער פון בערנער אבערלאנד. זיינע אויגען האבען געגלאנצט מיט א בלוטיגער ראכע דורשט, האבען געפלאקערט ווי א גהינום פון צעשטערענדער גרויזאמקייט.

אין דעם מאמענט איז ער אויך איהר געפעלען געווארען... ער איז געוועזען מיט זיך אליין, מיט זיין אייגענער דורשטענדער נאטור, ער האט נישט געשפיעלט...

זי האט זיך אויפגעהויבען פון ארט אן אויפגערעגטע און פערכאפטע פון זיין גרויסען האס צו דער וועלט, פון זיין גרויסער ליידענשאפט.

— גלויבט איהר אז איהר וועט עס טהאן? אז איהר וועט ענטדעקען די וואסערמאן שטראהלען? — האט זי, די רוהיגע און געלאסענע, איהם געפרעגט מיט א פערכאפטען אטעם, א ציטערענדע מיט איהר גאנצען קערפער.

דער אקטיאר איז שוין אבער געקומען צו זיך.

— אויב איך גלויב? כא, כא, כא, — האט ער שוין ציניש און מיאוס געלאכט.

— איהר גלויבט? ענטפערט! איך פערלאנג, אז איהר זאלט מיר ענטפערן! — האט זי שוין געקלאפט אין טיש.

און ער האט דערויף געלאכט, טעאטראליש געלאכט... פאר איהם איז איהר ליידענשאפטליכער באגעהר, אז ער זאל אין זיך גלויבען, געוועזען בלויז א רעפליק, אויף וועלכע דער אקטיאר דארף ענטפערן מיט א רעפליק, מיט פאסענדע זשעסטען און מימיק...

אה, לאכט ניט אזוי! אה, ווי העסליך ער לאכט! — האט זי זיך געווענדעט צום ברודער אין פערצווייפלונג.

— ניין, מיין פריינד! דאס איז דאך מיין אומגליק, וואס איך גלויב ניט... ווען איך זאל גלויבען... כא, כא, כא, — האט טרויעריג ווי צו זיך אליין געלאכט וואסערמאן און אין הארצען געלאכט פון זיין טרויער און פון זיין אייגענעם געלעכטער.

— איהר גלויבט ניט? וואס פאר א ווערטה האט איהר, אז איהר גלויבט ניט?

זי האט איהם אבגעגאסען מיט אזא פעראכטונג, מיט אזא כעס... און איהם איז דאס געווען אזוי אנגענעהם! איז דען איהר פעראכטונג ניט געווען א שטיק שפיעל, א רעפליק? דאס שפיעל איז געגאנגען פארטרעפליך!

באלד אבער איז זי געקומען צו זיך...

— וואס געהט ער זי אן? ער איז דאך א פרעמדער. צו וואס האט זי זיך ערנידריגט צו רעדען מיט דעם הויזירער? ווי טאקטלאז זי איז היינט! גאט, וואס טהוט זיך מיט איהר? זי איז קיין מאל דאך ניט געווען אזוי... זי, די אויסגעהאלטענע, רוהיגע... ער האט זי אבער אזוי פארטשעפעט... אה, נאך אלעמען איז ער איהר גלייכגילטיג... אבסאלוט גלייכגילטיג...

און זי האט זיך אבגעווענדעט פון איהם מיט פעראכטונג און זיך ווידער פארקוקט אויף די אלפען... איהר ברודער איז געזעסען אין זיין שטוהל, א צוזאמענגעדרעהטער, מיט'ן קאפ געשטיצט אויף די עלענבויגען געזעסען אומעטיג ווי א געפאנגענער און הילפלאזער...

אין „רויטען הירש" איז דער שיכור'ער טומעל געוואקסען שטארקער און שטארקער...

טאפף איז געווען דער היפוך פון זיין חבר...

וואס האט די צוויי חברים פאראייניגט און געבונדען צוזאמען? אך, ווי יענער האט געהאסט די פראזע, דעם זשעסט! ביי וואסערמאן אבער איז אלעס געווען פראזע און זשעסט! דער בונד צווישען די צוויי עקסטרעמע נאטורען, צווישען דעם טיעף פיהלענדען, שווייגענדען, מיידליש-צנוע'דיגען און שעהמעוודיגען טאפף און זיין חבר וואסערמאן איז מעגליך געווען בלויז צוליעב דעם היפוך פון זייערע כאראקטערען, צוליעב דער עקסטרעמיטעט...

טאפף איז די גאנצע צייט אונבעמערקט געשטאנען אן א זייט, אין ווינקעל פון דער וועראנדע און האט זיך אין געשפרעך אפילו מיט איין ווארט ניט בעטייליגט. דאס צוזאמענטרעפען מיט דעם בעריהמטען פיעדלער, פון וועלכען ער האט יאהרען לאנג געטרוימט און וועלכער האט

איהם געבראכט אזא ווילדע פרייד, אדער פיליכט די געשטאלט פון זיין שעהנער שוועסטער האט איהם אויפגעהויבען און אריינגעבראכט אין אן אנדער וועלט. דאס איז געווען די וועלט פון פאנטאסטישער מוזיק און טענער, די מוזיק פון שווייגען — א רייכע און גלענצענדע צויבערוועלט, א וועלט געשאפען פון אן ארעמען, אלטען סטודענט מיט דעם נאמען טאפף.

טאפף איז געשטאנען אין ווינקעלע מיט דעם קאפ פערריסען צום הויכען מאנבלאן און זיינע הענד און דער רעכטער פוס האבען דיריזשירט דעם גרויסען ארקעסטער, וועלכער האט פאר זיינע גייסטיגע אויגען ערגעץ אין דער הויך, צווישען די לייכטע וואלקענס און שנעע־ווייסע אלפען־שפיצען, געשפיעלט זיין קאמפאזיציע, די מוזיק פון שוויי־גען, די צוקונפטס־מוזיק, וועלכע האט געלויכטען ביי איהם אין קאפ און פערכאפט זיין נשמה, זיין גאנץ לעבען.

אט האבען זיינע הענד געשוואומען לייכט און לאנגזאם, אזוי ווי די לייכטע פוכאווע וואלקענס פון אויבען, אין א צארטען און לייכטען שטראם פון א שטילער און זאנפטיגער מעלאדיע, און זיין קערפער האט דערביי געציטערט מיט א לייכטען, קוים בעמערקבארען שוידער.

און אט האבען די הענד און דער גאנצער קערפער זיינער זיך גע־שלאגען און געראנגעלט מיט א מעכטיגער פערפלייצונג פון קולות און טענער, פלאקערענד מיט זיינע גרויסע שווארצע אויגען, וועלכע האבען געברענט ווי צוויי שטורקאצען אין א פינסטערער נאכט.

מיט דעם גרויסען קאפ שווארצע, צופאטעלטע האאר און דעם וויל־דען, בעוואקסענעם פנים, האט דער דיריזשירענדער טאפף אויסגעזעהן ווי א מאניאק וואס איז אנטלאפען פון א משוגעים־הויז. וואסערמאן האט איהם ענטדעקט און זיך דערפרעהט מיט איהם. מיט דער ענט־דעקונג האט ער געקענט ווידער אנקניפען זיין געשפרעך מיט פלארא, קוקען אין איהר שעהנעם פנים.

— זעהט נור! זעהט נור! — האט אויף איהם אנגעוויזען דער חבר זיינער.

פלארא און וואסערמאן זיינען געשטאנען איינגע מינוטען שטיל און בעוועגלאז און פערפאלגט אלע זיינע בעוועגונגען מיט אזוי פיעל

רעספעקט און טיעפען ערנסט, אזוי ווי עס וואלט געשפיעלט פאר זיי א גרויסער וועלט-בעריהמטער דיריזשאר, אדער מוזיקער.

וואסערמאן האט אבער לאנג ניט געקענט פערבלייבען ערנסט. שפאס איז געווען זיין סטיל. ער האט תמיד געמוזט שפיעלען דעם לאכענדען סאטיר.

— טאפף, אוי, טאפף! כא, כא, כא! — האט ער אויסגעבדראכען אין א ווילדען געלעכטער.

זיין חבר האט זיך איבערגעשראקען... באלד איז ער געשטאנען פאר זיי מיט אן אראבגעלאזטען קאפ און מיט א בלוט-רויטען פנים, אונבעהאלפען און פערשעהמט ווי א גרויס קינד, וואס מען האט גע־כאפט ביי א פערברעכען.

ווארום האט איהר איהם אונטערבראכען?... עס איז געמיין! — האט זיך פלארא געבייזערט. אויף וואסערמאן'ען.

— פלארא! וואס איז מיט דיר היינט? — האט געפרעגט איהר ברודער, וועלכער האט זיך שטארק געערגערט איבער איהר אונהעפ־ליכען טאן.

— אך, די מענשען רעגען מיך אויף צום טויט! איך האב אלעס פערשטאנען... יעדע בעוועגונג... — האט געזאגט פלארא מיט א גוט־הערציגען שמייכעל צו טאפף'ן, דריקענדיג איהם זיין האנד.

— אלעס האסטו פערשטאנען? — האט זיך געוואונדערט איהר ברודער, אויפהויבענדיג זיך פון זיין פלאץ.

— אלעס... אלעס!

— איז דאס שעהן?

— געטליך! געטליך!...

— הערר טאפף! קומט היינט צו אונזער קאנצערט. איהר קענט איבערהויפט צו אונז קומען. פלארא גיב זיי אונזער אדרעס — האט געזאגט סאלאווייטשיק, זוכענדיג דעם צוקונפטיגען קאמפאזיטאר מיט דער אויסגעשטרעקטער האנד אום איהם נאך אמאל צו בעגריסען און צו גראטולירען.

טאפף איז אבער געבליבען שטעהן אין ווינקעל צוטומעלט און פער־לענגט, מיט צושטראטענע בליקען, אזוי ווי מען וואלט איהם אויפגע־וועקט פון א היהנער־פלעט...

— — — — — — — — — — — — —

4.

די סאלאווייטשיקעם האבען געוואוינט אין „רויטען הירש", עט־ליכע מייל פון שטאדט, אויף'ן וועג צום בערגער אבערלאנד.

די רוסישע קאלאניע האט שוין דאן ביי די תושבים געהאט א שם רע. די אגאנסען וועגען „צימער צו פארמיעטען" האבען שוין דאן גע־ווארנט: „קיינע רוסען"... די ארטיסטען האבען זיך דערפאר גע־האלטען ווייט פון דער שטאדט, וואו מען האט אויף יעדען שריט און טריט באגעגענט לאנדסלייט, וועלכע זיינען תמיד געגאנגען אין כנופיות, האבען הויך גערעדט רוסיש און געמאכט מיט די הענד אויף אידיש...

עס האבען זיך אבער באלד אנגעהויבען די פריהלינג־וואקאציעס און די זעלבע כנופיות האבען אנגעהויבען צו מאכען „אויסציגע" אין אבערלאנד... די קאלאניע איז ארויס פון איהרע ברעגען און האט פערכאפט דעם „רויטען הירש", וועלכער איז געווארען א לאקאל פאר פארשיעדענע פערזאמלונגען און עכטע רוסישע דעבאטען.

אין געגענווארט פון די „רוסען" פלעגען שוין די שווייצער זיפען זייער ביער שטיל און סטאטעטשנע ווי געסט אין א פרעמד הויז, און איבערגעבען איינער דער צווייטער זייערע בעמערקונגען אויפ'ן אויער, ווי א סוד...

— — — — — — — — — — — — —

אין א וואלד ארום זיינען אין א פריהמארגען אויף דערזעלבער וועראנדע געזעסען וואסערמאן און טאפף. די הויזירער האבען זיך אומגעקעהרט פון זייער טור אין אבערלאנד. די קראם איז גע־ווען פארקויפט און זיי זיינען געגאנגען אין שטאדט אריין נאך א נייער. דער קעלנער האט געקראגען זיין חוב באצאהלט און מיט א שעהנעם טרינק געלד אלס צוגאב.

די חברים זיינען געזעסען שטום ביי א רייכען פריהשטיק, האבען אבער ביידע געגעסען צושטרייט און אהן אפעטיט. ביידע האבען זיך ארומגעקוקט און געזוכט אימעצען מיט די אויגען... ביידע האבען ער־ווארטעט צו באגעגנען אויף דער ווערא נדע די סאלאווייטשיקעס, באטש איינער דעם צווייטען וואלט זיך געשעהמט אין דעם מודה זיין...

דאס באנעגניש און די בעקאנטשאפט מיט דער שעהנער פיא־ניסטקע, וועלכע האט אויף ביידע געמאכט אזא שטארקען און אוי־סערגעוועהנליכען איינדרוק, האט די צוויי חברים פון אנהויב אן אזוי ווי צוטיילט עפעס מיט א געפיהל פון בושה און האט זיי ענטפרעמדט איינער דעם צווייטען... פאר דער גאנצער וואך איז וועגען איהר צווי־שען זיי א ווארט ניט אויסגערערט געווארען. צוליעב איהר איז די גאנ־צע אינטימיטעט צווישען די חברים פארשוואונדען געווארען און איצט אויף דער ווערא נדע פון „רויטען הירש" האט וואסערמאן שוין גע־קוקט אויף טאפף פון אונטער'ן שטערען, פיינדליך און בייז, ווי אויף א לאסט.

די לאסט האט איהם געהינדערט אויסצופרעגען דעם קעלנער וועגען דער שעהנער פריילין...

— — — — — — — — — — — — —

אויף דער ווערא נדע איז ארויף מיט א טומעל א מיטעלוואוקסיקער מענש מיט א גרויסען רייך־בעוואקסענעם קאפ, א ברייטען, גע־גאלטען פנים און א הויכען שטערען. זיינע געדיכטע, געקרויזעלטע שווארצע האאר זיינען ביי איהם ארונטערגעפאלען אויף די אקסלען אין גלעקלאך און האבען געטאנצט און זיך געטרייסעלט צוגלייך מיט זיין גאנצען קיילעכדיגען קערפער, וועלכער האט זיך בעוועגט מיט שפרונגען, אונטערטאנצענדיג ווי אויף שפרונגדזשינעס... נאך פון ווייטענס האט ער אנגעהויבען מאכען מיט די הענד און שרייען:

— טאפף! וואסערמאן! גוט מארגען! גוט מארגען! גוט וואס איך האב אייך געטראפען, ווי איך בין א איד... די באנדע איז נאך ניטא? ניין? דאס איז געמיין, איהר פערשטעהט? אויף 10 א זייגער א פערזאמלונג און קיינער איז נאך ניטא... ווייסטו, וואסערמאן,

וואס אונז פעהלט? פינקטליכקייט! דייטשע פינקטליכקייט!... ניט מיר א מיליאן אידען, א מיליאן איז צופיעל! ניין, הונדערט טויזענד אידען און די דייטשע פינקטליכקייט און איך גיב דעם אידישען פאלק פאלעסטינא. גאנץ פאלעסטינא!... מיט א טשארטער, מיט הכל אשר בכל... פארשטעהסט?

— דאס איז אונזער אומגליק, וואס מיר, אידען, זענען ניט פינקט־ליך. אוי, בטלנים! א פאלק פון גאלע בטלנים... בית־המדרש'ניקעס, ישיבה־בחורים, תהילים־זאגער, משניות־לערנערס! געה מאך עפעס מיט אזא פאלק! אה, אין אונזער נאציאנאלען אומגליק זענען מיר אידען אליין שולדיג, — האט געבראכען דער פארשוין פערצווייפעלט מיט די הענד, — דאכט זיך מיר א קליינינקייט... אום 10 אוהר א פער־זאמלונג און קיינער איז נאך נישטא! נו, ווי געפעהלט עס אייך? געה באמבארדיר מיט אזא ארמעע ירושלים... אה, אחד העם האט רעכט, פאלשטענדיג רעכט! — פריהער קולטור, צוערשט א צענטער, א קולטור־צענטער... דאס פאלק זאל צוערשט ערצויגען ווערען, געשולט ווערען... און דאן וועט ערשט קומען די גאולה... דיסציפלין מוז געשא־פען ווערען! דייטשע דיסציפלין! און מיר, דער יונגער דור, די בוי־מייסטער פון אידישען לעבען, דארפען ברייגנען די דיסציפלין פון דייטשלאנד, פון די דייטשע אוניווערזיטעטען. יא, צוערשט קולטור, דאס איז קודם כל! די פראגע מוז אויף דער היינטיגער פערזאמלונג דיסקוטירט ווערען!... גענוג געווארט! א סוף צו די בטלנות... היינט ווערט געלייגט דער ערשטער שטיין. איהר ווייסט דעם צוועק פון אונ־זער היינטיגער פערזאמלונג? — איך האב אייך געשיקט א פראגראם, האט איהר עס ניט געקראגען? גזלנים! איך האב דאך אייך עקסטרא איינגעלאדען... איבערהויפט טאפף'ן, אלס פאכמאן... טאפף!

— טאפף! — האט אויסגערופען דער בוימייסטער פון אידישען לע־בען, נעהמענדיג טאפ'ן ביים קנעפעל — מיר גרינדען אין יפו א קאנ־סערוואטאריום פאר די מוזיקאלישע ערציהונג פון אידישע טאלאנ־טען. גענוג זיך געוואלגערט! זאלען אונזערע מוזיקער ווי טאפף, קריגען א היים! — האט ער פאטעטיש געענדיגט זיין לאנגען און שנעלען מאנאלאג.

— ווער גרינדעט דאס די היים? — האט געפרעגט וואסערמאן, און איבער זיין אקטיארסקען פנים האט זיך צוגאסען א גיפטיגער, סאר־קאסטישער שמייכעל.

— וואס הייסט ווער? איך!...

— ווער איז דער איך?

— איך... משה גלעקעל.

— יא, יא, איך! ווייסטו וואס ביי פיכטע'ן איז דער „איך“? — די גאנצע וועלט! דו זאלסט ניט לאכען — האט געשאטען משה גלע־קעל. — איהר מיינט, אז איהר סקעפטיקער וועט עטוואס אויפטהאן? — גאר ניט! איהר זייט פויל... פויל! די סקעפטיקער האבען אין דער געשיכטע גארניט געשאפען מיט זייער געלעכטער! נא דיר א גראשען פאר וואלטער'ן מיט דיר אין איינעם... פאר יומען מיט דער גאנצער סקעפטישער פילאזאפיע! די וועלט איז איך! איך בין די וועלט... „די וועלט“, זאגט שאפענהויער, „איז ווילען און פארשטעלונג“. מען דארף נאר וועלען, דער ווילען זאל פערלאנגען און עס ווערט בע־שאפען! ווייטער האב איך צוגעצויגען צו זיך קוגעל'ן, כץ'ן... כץ איז אפילו אביסעל נאך א סאציאליסט און שטעקט נאך מיטביידע פים זיינע אין דעם מארקסיזם, נאר איך בין שוין באלד מיט איהם פאר־טיג. פארקעהרט, ערשט אין פאלעסטינא וועלען מיר דאך קענען פער־ווירקליכען דעם סאציאליזם... — האט כמעט געיובעלט גלעקעל — און אז מיר אידען וועלען איהם דארטען ניט פערווירקליכען, וועט איהם קיינער ניט פערווירקליכען, ווי איך בין א איד! איך שרייב דעריבער א רעפעראט. ווייטער האב איך צוגעצויגען א פאר חער־צעל'יסטען. זיי שטעקען נאך אפילו מיט איין פוס אין טשארטאריזם, נאר איך בין מיט זיי שוין באלד אויף א לאד... ס'הייסט, האבען הא־בען מיר פרינציפיעלע, ס'הייסט פראגראם־דיפערענצען, דאס קען מען ניט אפלייקענען, נור ביי פראקטישער ארבייט מוזען די דיפערענצען פערשווינדען. היינט וועט די געשיכטע ערליידיגט ווערען! צווערשט א קאנסערוואטאריום, מיין גאט! וויפיעל מוזיקער, גרויסע מוזיקער זיינען אונז פערלוירען געגאנגען — האט ווידער פערצווייפעלט גע־בראכען די הענד משה גלעקעל — א היים! א היים זאל פאר זיי

געשאפען ווערען אין ארץ ישראל... נעהמט אונזערע לויים, וואס פאר א גרויסער מוזיקער זיינען זיי געווען! אה! טאפף! דו קריגסט א היים, דיר מאכען מיר פאר א דירעקטאר...

דעם וואסערפאל פון גלעקעל'ס שנעלער און נאאיווער שפראך האט אונטערבראכען דאס ערשיינען פון בלינדען וויאלינסט, געפיהרט אונ־טער'ן ארים פון זיין שוועסטער.

די סאלאוויטשיקעס האבען זיך אומגעקעהרט פון א שפאצירגאנג. פלארא האט זיך אבגעשטעלט אויף די טרעפ מיט א כמורען, אונ־צופריעדענעם בליק אויף די דריי מאנסבילען ביים טישעל און האט אזוי ווי געמאכט א באוועגונג זיך אויסצודרעהען און פארקערעווען...

וואסערמאן איז שוין אבער געשטאנען אויף זיינע פיס און זי פיקסירט מיט א פרעך ארויסרופענדען בליק פון זיינע קורצזיכטיגע אויגען...

זיין הארץ אבער האט זיך געווארפען אין דער ברוסט פון א העלער, קינדישער פרייד, א פרייד וואס איז געווען אזוי ניי, אזוי איבעראשענד ניי פאר זיין קאלטען ציניזשען שכל!...

ווען האט ער איבערלעבט אזא העלע, אזא הייליגע פרייד? אין זיין יוגענד? איז ער דען אמאל געווען יונג?

נאך א מאמענט און ער שפרונגט צו צו דעם שעהנעם, שלאנקען מיידעל, פאלט פאר איהרע פיס, קושט דעם שטויב פון איהרע ברוינע בערג־שיך און צוואויינט זיך ווי א קליין קינד, וואס דערזעהט פאר זיך פלוצים די לאנג פערייזטע מוטער, נאך וועלכער דאס קינדישע הערצעל האט אזוי געביינקט!...

דער בליקען דועל האט אבער געדויערט בלויז א פאר רגע'ס. פלארא האט אויפגעציטערט מיט איהרע אקסלען...

פארקערעווען? צו וואס? ער קען עס נאך אויסטייטשען אלס א זיעג... ווי פרעך ער קוקט אויף איהר!

און זי איז ארויף אויף דער וועראנדע מיט איהר ברודער.

און באלד האט זיך וואסערמאן גענומען שפאטען און זיך וויצ־לען איבער זיינע חברים... מיט שרעק און מיט פארגליווערט בלוט האט ער געפיהלט אז ער איז באנאל און וואולגאר, אז ער דארף עס

ניט טהאן... ער האט זיך אבער ניט געקענט באוועלטיגען... די אויערען זיינע האבען געפלאקערט. דאס גאנצע בלוט האט געשלאגען אין קאפ און זיין הארץ האט זיך אזוי געווארפען!...

טאפף א דירעקטאר? כא, כא, כא, א שעהנער דירעקטאר! וועט ער דארט האבען ווארימע וואורשטלעך מיט קארטאפעל סאלאט? ער האט זיי אזוי ליעב... א יא טאפף?

טאפף האט איהם אבגעגאסען מיט א האס פון זיינע צוויי גרויסע שווארצע אויגען, האט אויף איהם א בליאסקע געטהאן מיט צוויי שורות ווייסע ציין פון א בייזען וואלף...

וואסערמאן אבער האט עס ניט געקענט באמערקען... וואס האט איהם איצט אינטערעסירט דער טאפף?

וועט זי זיך צוזעצען ביי א טישעל? אדער וועט פארבייגעהן און ווידער פארשווינדען פון זיין לעבען ווי א שעהנער טרוים, לאזענדיג נאך זיך אזא בייגקעניש, אזא הונגער נאך א ניי לעבען, נאך אן אנדערער וועלט?

גאט זיין דאנק! זי האט אוועקגעזעצט דעם ברודער ביי א טישעל אנטקעגען זיי... זאל ער צוגעהן און זיי בעגריסען? זאל ער וואגען, ווען זי קוקט אפילו ניט אויף איהם?

און טאפף האט זיך אויך געקאכט... אויך ער האט געוואלט עפעס פארשרייען אין זיך, פארשרייען זיינע מאדנע געפיהלען, זיין מיידעלשע שעמעוודיגקייט מיט די געפיהלען און דערפאר האט ער אויך גערעדט דאס, וואס ער האט ניט געוואלט...

פארוואס גראדע מיך אלס דירעקטאר? איך בין קיין מוזיקער... איך בין קיין מוזיקער! — האט ער געטרייסעלט מיט א קולאק פאר גלעקעל'ס פנים און געטופעט מיט די פיס, אזוי ווי יענער וואלט איהם באליידיגט — אט האסטו גרעסערע מוזיקער... אט איז דער באריהמטער סאלאווייטשיק און זיין שוועסטער.

סאלאווייטשיק האט זיי אלע באגריסט מיט זיין הוט, האט אויסגעשטרעקט די האנד אין דער לופט און האט זי צוריק צוגעכאפט...

פלארא האט צוגעווארפען א שמייכעל בלויז צום בייזען טאפף.

— סאלאווייטשיק?! אה, דאס איז פאטאל... איך מוז ווערען א פאטאליסט! — און משה גלעקעל האט זיך א ווארף געטאן צו די בעריהמטע מוזיקער מיט א שטורמישער פרייד. — ערלויבט מיר זיך פארצושטעלען... משה גלעקעל, קאנדידאט דער אידישען ארכעאלאגיע! דאס בין איך דער, וואס האט פארגעלייגט אויף דעם באזעלער קאנ־גרעס... — איך האב עס ניט פארגעלייגט — איך האב עס פערלאנגט, אז מען זאל מיר געבען 1,000,000 פראנק צו גראבען אידישע אלטער־טהימער אין פאלעסטינא און משה רבינו'ס קבר... אין דער גמרא שטעהט, אז מען ווייסט נישט וואו משה רבינו איז בעגראבען, און איך האב זיך אונטערגענומען צו געפינען זיין קבר... אה, ווען איך זאל געווען קריגען דאס געלד!... נו, ווי געפעהלט אייך מיין פלאן, מאסיע סאלאווייטשיק? איהר, אלס מוזיקער, וועט דאך פעסט צו אונז צו־שטעהן? מיר וועלען אייך מאכען פאר א דירעקטאר. די סטאטוטען זיינען שוין אויסגעארבייט... אט האט איהר זיי! — האט געשאטען משה גלעקעל, ווייזענדיג א העפט מיט געשריעבענע סטאטוטען — אלץ איז דא בעשטימט, ביז א קלייניגקייט! 5 פערזאן נעהען אריין אין דירעקטאריום. אין גאנצען דארף מען האבען איין מיליאן פראנק. אה, וואס איז א מיליאן פראנק? א קלייניגקייט, א גארנישט! יעדער איך גיט 5 סענטים און מיר האבען א מיליאן פראנק. 5 סענטים וועט דאך יעדער געבען. אה, וואס דענקט איהר, מאסיע סאלאווייטשיק? היינט שרייב איך א בריעף צו ראטשילד'ען. איך בין אפילו געגען די גבירים מיט זייער פילאנטראפיע, אבער ביי פראקטישער ארבייט מוזען אלע פערזענליכע אנטיפאטיעס פערשווינדען. עס קען זיין אז אונזער פעראיין זאל שיקען א דעפוטאציע קיין פאריז. ניין, איך פאהר אליין קיין פאריז! יא, יא, אלזא, עס איז אבגעמאכט! איהר שטעהט צו, מאסיע סאלאווייטשיק? איהר אלס מוזיקער!

סאלאווייטשיק איז געזעסען איבעראשט פון דער אונערווארטעטער אטאקע און האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן און ווי תמיד האט ער אנגעהויבען אונרוהיג צו טאפען ארום זיך מיט די הענד און צו רופען די שוועסטער.

— זי ווינשען? — האָט זיך געווענדעט דער קעלנער צו משה גלעקעל, וועלכער האָט זיך צוגעזעצט צו סאָלאָווייטשיק'ס טישעל.

— איך ווינש, איך ווינש... — האָט אין אַ פערלעגענהייט גע־מורמעלט משה גלעקעל, טאַפּענדיג אין די קעשענעס — וואַסערמאַן, לייה מיר אַ פראַנק! איך וויל עפּעס עסען... — האָט זיך געווענדעט צום הויזירער דער בוימייסטער פון אידישען לעבען אהן אַ מינדעס־טער פאַרלעגענהייט.

— וואו זאָל איך נעהמען אַ פראַנק? נעהם אראָפּ פון דעם מיליאָן פראַנקען איין פראַנק וועסטו פרישטיקען. איין פראַנק מעגסטו אראָפּ־נעהמען, אויף מיר די עברה.

וואַסערמאַן האָט זיך ווידער איבערגעשראָקען פאַר זיין נארישען וויץ און דערפאַר וואָס ער האָט צוליעב אַ ביליגען וויץ אָבגעזאָגט אַ חבר אַ פראַנק...

דאָס מאָל אָבער איז דער וויץ געלונגען... די סיטואַציע פון בוי־מייסטער פון אידישען לעבען איז געווען קאָמיש גענוג...

פלאָרא האָט אויסגעשאָסען מיט אַ ווילדען, הילכיגען געלעכטער און מיט איהר צו גלייך האָט שוין געלאַכט די שעהנע אַלפּען־נאַטור, וואַסערמאַן, טאַפּף, דער קעלנער און אפילו משה גלעקעל, וועלכער איז תמיד געווען צופיעל בעשעפטיגט מיט נייע גרויסע פּראָיעקטען און קיינמאָל ניט צייט געהאַט צו לאַכען.

— אַה, דו, מיט דיינע וויצען... שפּעטער, שפּעטער... פאַרלויפיג נאַרניט — האָט משה גלעקעל געפּרואווט זיך אָבטשעפּען פון קעל־נער. — טאַפּף, אפשר האָסטו 20 סענטים?

— לייהט ביי מיר, איהר ווילט? — האָט אָנגעבאָטען פלאָרא, נעהמענדיג איהר האַנד־בייטעל מיט אַ גוטהאַרציגען, ליעבליכען שמייכעל.

— ביי אייך? אָבער נאָר איין פראַנק... איך לייה קיינמאָל ניט מעהר ווי אַ פראַנק, דאָס איז מיין פּרינציפּ — האָט ווירדיג געזאָגט גלעקעל, נעהמענדיג פון פלאָרא'ן מיט צוויי פינגער אַ פראַנק, מיט אַזאַ גלייכגילטיגע און גרינגשעצענדע מינע, אזוי ווי ער וואָלט איהר דערמיט געטאָן אַ גרויסע טובה.

— קעלנער! א פּאָר וואורשטלעך מיט קאַרטאָפּעל סאַלאַט און א דונקעלעס, און א גרויסע פּאַרציאָן ברויט — האָט שטאָלץ בעשטעלט משה גלעקעל, מיט א טאָן פון א מאַן, וואָס איז געווען געוואוינט צו בעזוכען רעסטאָראַנטס און צו בעדיענט ווערען פון א קעלנער. דער קעלנער האָט אַנגענומען די בעשטעלונג מיט א איראָנישער פּער־בויגונג.

— אָבער פאַר דאָס ברויט מוזען זי עקסטרא בעצאָהלען... זי וויסען, מיר קענען ניכט זאָ פיעל ברויט געבען... נור די רוסען עסען זאָ פיעל ברויט — האָט זיך געווענדעט דער קעלנער צו פלאָרא'ן.

— זאָל זיין עקסטרא!

— עס קומט גלייך — און דער קעלנער איז פערשוואונדען.

ביי משה גלעקעל אין קאָפּ איז אין דער צווישענצייט געבוירען געוואָרען א נייער פּראָיעקט, א גרעסערער ווי דער ערשטער.

— שטעלט אייך פאָר ווען יעדער איד גיט א פראַנק, נור איין איינציגען פראַנק! וואָס איז א פראַנק? און אין איין טאָג קריגען מיר 12 מיליאָן פראַנק... — האָט געטראַכט אויף'ן קול דער בוימייסטער פון אידישען לעבען, און איז אזוי ווי פערגליווערט געוואָרען אויף זיין אָרט, איבעראַשט פון דער גרויסקייט פון דער נייער אידעע, וועלכע האָט אויפגעפלאַקערט אין זיין פאַנטאַסטישען מוח.

— טאַפּף! א גרויסער געדאַנק, א קאָלאָסאַלע אידעע! — און משה גלעקעל איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און האָט אַנגעהויבען צו לויפען איבער דער וועראַנדע. — יעדער איד זאָל געבען א פראַנק... נור איין איינציגען פראַנק! יאָ... יעדער איד וועט געבען א פראַנק, אונ־בעדינגט! און מיט 12 מיליאָן פראַנק נעהם איך זיך אונטער צו קויפען פּאַלעסטינא מיט סיריען, מיט הכל אשר בכל... איך וויים עס פון א זיכערער קוועלע... איך טאָר אייך די פּערזאָן יעצט ניט אָנרופען, עס איז נאָך לעת עתה א גרויסער סוד... איך בין זיכער אז ווען מען כאַפּט זיך יעצט אַראָפּ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט א 12 מיליאָן פראַנק אין קעשענע, קען מען אָפּקויפען ביי אַבדול האַמיד פּאַלעס־טינא מיט סיריען מיט הכל אשר בכל... עס וועט נאָך אפשר קאָסטען איין מיליאָן פראַנק מעקלעריי... מען וועט עס מוזען געבען אַז אָר־

מענער, אבדול האמיד'ס א מעקלער... אהן דעם ארמענער ווערט אין אילדיז קיאסק גארנישט געטהאן. יא, יעצט, אידען, איז דער שעת הכשר... גוואלד! וואו נעהמט מען יעצט 12 מיליאן פראנק! — האט פארצווייפעלט געבראכען די הענד משה גלעקעל און האט געשפרייזט פון איין טישעל צום צווייטען, — דאס איז א גערעגעק, א קאלאסאלע אידעע!...

פלארא האט געקוקט אויף איהם ווי אויף א וואהנזיניגען.

— נעהם צונויף פריהער דעם מיליאן פראנק, זיי א סוחר! דער־נאך וועסטו זיך נעהמען צונויפקלייבען די 12 מיליאן פראנק... אלעס מיט אמאל קען מען דאך ניט — האט איהם וואסערמאן פרובירט ערנסט איינרעדען, און אונטער דעם ערנסט האט געשטעקט נאך א גרעסערער שפאט ווי אין געלעכטער.

— ניין... ניין! מיר וועלען פערליערען דעם שעת הכשר!... אך, דער ארמענער! ווען איך קום יעצט צום ארמענער מיט די מזומנים אין קעשענע... — האט געמורמעלט משה גלעקעל, און מען האט גע־קענט זעהן אויף זיין פערוואלקענטען פנים, אז די שווערע לאסט פון די 12 מיליאן פראנק האבען צוגעדריקט זיין מח און פארלאשען זיין פלאקערענדע פאנטאזיע.

דער צושטאנד האט ביי איהם לאנג ניט געקענט דויערען. די פער־לאשענע פאנטאזיע האט אויפגעפלאקערט מיט א נייעם פראיעקט, און האט ווידער העל בעלויכטען זיין פנים.

— איך פאהר צו דער איק"א, וואסערמאן! — האט ענטשלאסען נעזאגט משה גלעקעל, און האט אנגעהויבען צונויפשפיעלען די קנעפ פון זיין אלטער וויזיטקע. — וואו איז באראן הירש'ס מיליאנען? הא? דאס געלד געהער דעם פאלק! זאלען די גבירים געבען פון באראן הירש געלד די 12 מיליאן פראנק! וואסערמאן, דו שרייבסט דאך גוט פראנ־צויזיש? שרייב מיר היינט אן א בריעף צו ראטשילד'ען. ניין, איך שרייב איהם אין לשון קודש, עס וועט זיין אריגינעלער, הא?...

— יא, יא, אין לשון קודש איז שעהנער. „לידידי היקר הנדיב מ"ר ראטשילד יחיה..." פיעל אריגינעלער... — האט וואסערמאן פאטא־קעוועט.

— ניט אזוי? א ידידי־בריוועל... אַן איינפאַכען ידידי בריוועל! אַ פראַנצויזישען בריעף וועט ער ניט לייענען, און אַ ידידי־בריוועל יאַ... האַ? אַ טייערער געדאַנק, ווי איך בין אַ איד!

פון דער ווייטענס איז ערשיענען פריילין ראַבינאַוויטש, אַ קליין און מאַגער ווייבליכעס בעשעפעניש, מיט אַ קליין קלייענדיג פּנים'ל און קורץ־געשוירענע האָאר, וועלכע האָבען אַרויסגעשטעקט פון אונ־טער אַן אַלטען, שטרויענעם הוט.

משה האָט זיך אויף איהר אַ וואָרף געטאָן ווי אַ בייזער וואָלף.

— דאָס איז פּינקטליכקייט? גזלנים! נעה מאַך מיט אַזאַ פאַלק! אוי, בטלנים, משניות־לערנערס!

ראַבינאַוויטש, ווייזט אויס, איז שוין געווען געוואוינט צו גלע־קעל'ס פאַרווירפע. זי האָט איהם גאָרניט געענטפערט און האָט זיך געווענדעט צו וואַסערמאַן'ען און טאַפּף'ן.

— אָה, סערוואוס טאַפּף, וואַסערמאַן!

— האָט איהר די סטאַטוטען מיט דעם פּראָטאָקאָל פון פריהעריגער פערזאַמלונג איבערגעשריעבען?... — האָט זי געפרעגט גלעקעל.

— יאָ, יאָ! אָט איז עס! — האָט איהם געענטפערט ראַבינאַוויטש נערוועז און אונצופריעדען, אַזוי ווי ער וואָלט איבערגעריסען איהר אייגענעם געדאַנקען־לויף, וועלכער איז געווען ווייט פון משה גלעקעל מיט זיינע סטאַטוטען.

— דער סעקרעטער פון דעם פעראיין מוז דאָך וועניגסטענס פּינקטליך זיין! בטלנים! — האָט זיך אַלץ געבייזערט משה גלעקעל. — קומט, לאָמיר אַלעם צוגרייטען. עס איז שפּעט. אָבער וואו זיינען זיי? דער רוח זאָל זיי נעהמען! — האָט פערצווייפעלט געבראָכען די הענד גלעקעל. — פּאַפּיער האָט איהר?

— איך האָב ניט געהאַט קיין געלד אויף פּאַפּיער.

— וואָס? איהר האָט ניט קיין פּאַפּיער? וועה איז מיר! וואָס זשע וועלען מיר טהאָן? — און משה גלעקעל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט פערלוירען אַ שלאַכט, אָדער די 12 מי־ליאָן פראַנק, וואָס ער האָט שוין בעטראַכט אַלס געזאַמעלט. — וואַרט,

איך וועל אפשר אין רעסטאראן קריגען פאפיער. — און זיין קיי־לעכדיגער גוף האט זיך א שליידער געטהאן איבער דער ווראנדע ווי א נעווארפענער באל און איז דארט פערשוואונדען.

ראבינאוויטש האט זיך אנגעשפארט אן דער ווערנדע און גע־ווענדעט א פערקלעהרטען בליק צו די אלפען־שפיצען.

אבער ניט די שעהנע אלפען־נאטור האט געצווינגען איהר אויפ־מערקזאמקייט. איהר גליקזעליגער, פערקלעהרטער שמייכעל, וואס האט געבלאנזשעט אויף איהרע טרוקענע בלוטלאזע ליפען איז ניט געקומען פון דרויסען און איז ניט געווען קיין אבשיין פון דעם בעצויבערטען אבערלאנד, וועלכעס האט געגלאנצט און געשטראהלט אין זיין גאנ־צער פריהלינגס־פראכט.

ראבינאוויטש האט בעלאנגט צו די אידישע גייסטער, פאר וועלכע די אויסערע נאטור עקזיסטירט ניט און וועלכע געהען פארביי איהר און בעמערקען זי ניט.

זיי לעבען און בעוועגען זיך אין זייער אינערער וועלט, אין דער וועלט פון געדאנקען און אידעען.

וואסערמאן האט זיי אלע געקענט. די גאנצע קאלאניע מיט אלע איהרע מיטגליעדער.

— ווי געהט עס , ראבינאוויטש, מיט אייער קאנט־שטודיום?— האט זי וואסערמאן אנגעצויגען, איינלאדענדיג פלארא׳ן מיט א וואונק, צו בעטראכטען דעם נייעם קרבן פון זיין גיפטיגער סאטירע.

— אך, וואסערמאן, קאנט האט מיר די אויגען געעפענט. מיין גאט, איז ער געניאל! אה, יעצט זעה איך ווי גרויס קאנט איז! — האט אויסגערופען ראבינאוויטש און א שמייכעל פון שטילער בע־גייסטערונג און גליק האט בעלויכטען דאס קליינע קלייענדיגע און מיאוס׳ע פנים׳על.

— פארשטעהסט, טאפף? אן און פאר זיך איז טאפף ניט טאפף און ראבינאוויטש איז ניט ראבינאוויטש... כא, כא, כא! דאס איז געניאל!..

— וואס זאגט איהר טאפף, הא? טאפף, דער מאנבלאן איז ניט דער מאנבלאן, נאר אין מיין גייסט איז דאס א בארג... כא, כא, כא! די וועלט

איז גאר ניט קיין וועלט... כא, כא, כא! — האט ראבינאוויטש גע־לאכט מיט א שטילען גליקזעליגען געלעכטער.

— ראבינאוויטש, ראבינאוויטש! איך האב שוין פאפיער! — האט געשריען משה גלעקעל פון רעסטאראן, קומט!

— איך געה... איך געה! — היינט דער „קאטעגארישער אימפע־ראטיוו"... בארעכענט נאר, טאפף, דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו!— האט ענטציקט אויסגערופען די סטודענטקע, וועלכע האט געפונען איהר לעבענס־פרייד ניט אין ליעבע, נאר אין א קאטעגארישען אימפעראטיוו. זי איז פערשוואונדען אין רעסטאראן, לאזענדיג הונטער זיך א שטי־מונג פון טרויער און טיפען מיטלייד...

— איך בעט אייך, ווער איז דער סוביעקט און ווער איז דאס באשעפעניש מיט דעם „קאטעגארישען אימפעראטיוו"? — האט פלא־רא זיך געווענדעט צו טאפף'ן, ווי צו אן אלטען גוטען באקאנטען

— דאס איז משה גלעקעל, וועלכער רופט זיך דער בוימייסטער פון אידישען לעבען... און דאס איז געווגג... עס איז א מענש, וואס וויל אבקויפען ביי אבדול האמיד פאלעסטינא און סיריען פאר 12 מיליאן פראנק — האט איהר געענטפערט וואסערמאן און האט זיך צולאכט.

— אה, לאכט ניט, — האט שמערצליך אויסגערופען פלארא — דער מאן האט דאך גלויבען אין דעם וואס ער וויל און זאגט.

— ניט לאכען? כא, כא, כא! וואס־זשע איז עס אויב ניט קיין געלעכטער?

— ענטהוזיאסטען זיינען ניט לעכערליך... זעהט איהר, איהר מיט אייער סקעפטיציזם און געלעכטער זייט מיר לעכערליכער ווי דער גלעקעל — האט בייז געזאגט פלארא און האט מיט אזא כעס א גלאנץ געטאן אויף איהם מיט איהרע שטאלענע אויגען, אזוי ווי זיין סקעפ־טיציזם וואלט איהר פערזענליך געטאהן א גרויסע עולה.

— א מאדנעם געשמאק האט איהר! — האט בעליידיגט בע־מערקט וואסערמאן מיט א קרומען, בייזען שמייכעל אויף די ליפען.

— איז דער הערר אוועק? — האט געפרעגט דער קעלנער, וועל־כער האט געבראכט דעם פריהשטיק פאר משה גלעקעל.

— יא, ער איז אין רעסטאראן — האט געענטפערט וואסערמאן.

— ער וועט וואהרשיינליך דארט עסען. — און דער קעלנער האט אוועק־געטראגען דאס עסען צוריק אין לאקאל.

דערוויל איז אויף דער וועראנדע ארויף א גאנצע כנופיא פון אידישע סטודענטען און סטודענטקעס.

אן דער שפיצע איז געגאנגען דער סטודענט מייזעל, א קליין דאר מענשעלע, מיט א גרינעם פנים און א פענסנע אויף א לאנגען, האר־באטען נאז.

ער האט געפיהרט אונטער'ן האנד א יונגע, געלע מיידעל מיט א קיילעכדיגען פנים, וועלכע האט איהם אויסגעהערט מיט א טיעפען אויסדרוק פון אן ערנסטער, פליסיגער און רעספעקטפולער שילערין.

מיט דער פרייער האנד האט ער געמאכט קרייזען אין דער לופט און האט גע'טענה'ט:

— הויפטזעכליך דער שטאנדפונקט... צוערשט מוז דער שטאנד־פונקט קלאר זיין... און דאס פערפאלג איך אין מיין שרייבען... היינט די שפראך... מיין שפראך... עס איז דאך פערל! אן עפאכע אין דער העברעאישער ליטעראטור!... איך האב דאך אזא זאנפטע פען...

— אה, וואסערמאן, טאפף! שלום! שלום־! ווי קומט איהר אהער? — האט אויסגעשריען דאס קליין, גרין מענשעלע מיט דער זאנפטער פען, בעטראכטענדיג די אונבעקאנטע און שעהנע פלארא מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען.

פלארא האט זיך אבגעקעהרט מיט פעררדרוס.

— סערוואוס! סערוואוס! שלום, שלום!... — האבען זיך אלע נענענזייטיג בעגריסט און האבען רוישיג פערנומען פלעצער נעבען די טישלעך און געמאכט בעשטעלונגען ביי צוויי קעלנער, וועלכע זיינען באלד געקומען פון רעסטאראן.

— ווער איז די חברה? — האט פלארא געפרעגט ביי וואסער־מאן'ען מיט א מילדען טאן, אזוי ווי זי וואלט איהם געוואלט פאר־גיטיגען פאר איהר פריהער אונפריינדליכקייט.

— בוימייסטער... אלע בוימייסטער פון אידישען לעבען!...

— וואס בויט אט דער... דער קליינער מיט די ברילען?

— דערווייל גאר ניט... זיין שטאנדפונקט איז נאך ביי איהם ניט קלאר...

— וואס הייסט?

— אט וועט איהר באלד הערען! מייזעל, איהר זייט אויך גע־קומען צו דער פערזאמלונג?

— יע, נאך דעם... פון וואס פאר א שטאנדפונקט מיר וועלען עס בעטראכטען — האט איהם געענטפערט מייזעל, אויסווישענדיג די פענסנע מיט א טיכעלע, און קוקענדיג אויף זיין געלע קאמפאניאנקע און אויף פלארא מיט א קורצזיכטיגען קאקעטירענדען בליק.

— אה שטאנדפונקט... צוערשט קומט דער שטאנדפונקט... — האט איהם אנגעצויגען וואסערמאן.

— געוויס... צוערשט מוז זיין א שטאנדפונקט... אן אויסגאנגס־פונקט — האט קאקעטירט מייזעל מיט זיין טיעפזיניגען, קורצזיכטיגען בליק. — דאס איז געווען ביז איצט דער אונגליק פון דער העברעאישער ליטעראטור, וואס די אידישע קריטיק האט ניט געהאט קיין אויס־גאנגס־פונקט... זי האט ניט געהאט קיין מאס פון ליטערארישען ווערטה, און האט ניט געוואוסט וואס אייגענטליך זי וויל... דערפאר איז אלעס — דאס גאנצע שרייבען, געווען א מין בטלנות און מעהר גאר ניט. און איך בין געווען דער ערשטער וועלכער האט אריינגע־טראגען אין דער קריטיק א שטאנדפונקט, אן עסטעטישע און מא־ראלישע מאס...

— יא, יא! איהר זייט דער ערשטער... ריכטיג! — האט איהם כלומרשט פאטאקעוועט וואסערמאן.

— ניט אזוי? איהר האט געלייענט מיין לעצטען ארטיקעל אין „הצפירה"?

— ניין, ליידער...

— אוואו! שאדע!... ווי קומט עס? — האט זיך געערגערט מייזעל.

— איך בעדויער עס ווירקליך... האט איהר פיליכט דעם אר־טיקעל ביי זיך?

— ניין, אבער איך וועל איהם אייך געבען... איהר זאָלט איהם נאָר ניט פערלירען! איך האָב מעהר ניט ווי איין איינציגען עקזעמפּלאַר. שאַ, מיין אַרטיקעל „על הבמות“ האָט איהר דאָך געלעזען?

— אָה, דעם האָב איך געלעזען!...

— נו, ווי געפעהלט ער אייך?

— גרוים, גרויסאַרטיג!

— ניט אמת? — האָט אויפגעשטראַהלט מייזעל — אָה, דער אַרטיקעל איז אַן עפּאָכע! איך שלאָג דאָרט איין אַ נייעם וועג... ביז מיר האָט נאָך קיינער אַזוי ניט געשריעבען...

— אַ זאַנפטע פעדער! — האָט איהם אַליץ פאַטאַקעוועט וואַסערמאַן.

— פּסס... אַ פעדער... אַ בלומענשפּראַך!

— איהר ווייסט מיט וועמען איך וואָלט אייך פאַרגלייכט?

— מיט וועמען? — האָט געפרעגט מייזעל, זיך שמעלצענדיג פון פערגעניגען און זעלבסט-צופריעדענהייט.

— מיט טען'ען, מיט דעם פראַנצויזישען טען!... איהר זייט דער טען פון דער העברעאישער ליטעראַטור.

עס איז געוועזן שוין געכאַפּט איבער דער מאָס, צופיעל...

— מיט טען'ען... מיט טען'ען... — האָט זיך פערטראַכט מייזעל.

— הם... עס קען זיין אַז וואַסערמאַן האָט רעכט... מיר האָבען עהנליכקייטען, גלייכע שטאַנדפּונקטען... — האָט זיך געווענדעט מיט טריאומף מייזעל צו זיין געלער פערעהרערין. — יאַ, איהר האָט רעכט וואַסערמאַן! מיר האָבען עהנליכע שטאַנדפּונקטען.

און דאָס קליין מענשעלע האָט אַריינגעלעגט די הענד אין די קעשענעס און האָט אָנגעהויבען מיט אַ פאַררימען קעפּעל צו שפּאַצירען הין-און-צוריק איבער די ווערענדע ווי אַ יונג העהנדעלע, וואָס הויבט אַן צו שפּילען די ראָלע פון אַ דערוואַקסענעם האָהן צווישען די היהנער...

טאַטע, וואָס איז ביז איצט געזעסען שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, האָט מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און איז פּלוצלונג אויפ־

געשפרונגען פון זיין ארט מיט א ווילדען כעס אין זיינע גרויסע אויגען.

— טפו זאלסטו ווערען מיט דיין שטאנדפונקט! — האט ער אויסגעשפיגען מיט הארץ — שטאנדפונקט... שטאנדפונקט... דו מיינסט דו ביזט א שרייבער? א שוסטער ביזטו, ניט קיין שרייבער! האסטו געהערט! טען... א אידישער טען! — ער האט זיך געקרימט און כמעט אזוי ווי געציטערט פון כעס.

— איך בין מעהר שרייבער ווי דו מוזיקער! — האט איהם געענטפערט מייזעל מיט א געמאכטער גלייכגילטיגקייט, און האט נאך מעהר פעררייסען דעם קאפ.

ער האט פערביסען די ליפען און זיין גרינער פנים איז געווארען נאך גרינער פון כעס.

— איך בין ניט קיין מוזיקער! איך האב קיינמאל ניט געזאגט, אז איך בין א מוזיקער! — האט געשריען טאפף און האט געטרייסעלט פאר מייזעל'ס פנים מיט די קולאקעס.

— משוגע'נער! וואס איז מיט דיר היינט!? — האט איהם וואסערמאן גענומען אונטער דער האנד און האט איהם אוועקגעפיהרט אן א זייט. — וואס ארט דיך אז א מענש האט א שטאנדפונקט?

— אוועק פון מיר! אוועק פון מיר! — און טאפף האט א בליאסקע געטאן מיט א פאאר שורות ווייסע ציין ווי א וואלף.

— וואו איז מיין פרישטיק? קעלנער! קעלנער! אה, מייזעל! כע! שלום, שלום, חברים! אזוי שפעט? — האט ווידער געשאטען גלעקעל. — אך, ווען אונזער פאלק זאל בעזיצען דייטשע פינקטליכקייט! גוואלד, גיט מיר הונדערט טויזענד יונגע אידען, אידישע קעפ, און דייטשע פינקטליכקייט, וועט איהר זעהן, א רוח אין אייערע ביינער אריין, וואס איך וועל מאכען!... יעדער איך קריגט דאן ביי מיר אן אייגענעם וויינשטאק און 100 אקער ערד, ווי איך בין משה גלעקעל!

— גלעקעל, גלעקעל! — האט געשריען ראבינאוויטש פון רעסטאראן.

— איך געה! איך געה!... פארגעסט ניט, חברים, אז אום 3 א זייגער האבען מיר נאך א פראטעסט-פערזאמלונג... חברים! מיר

מוזען פראטעסטירען אין מאסען געגען די ברוטאליטעט, וואס די טערקישע רעגירונג בעגעהט געגען די ארמענער! מיר דארפען ווייזען אבדול האמיד, אז מיר זענען געגען די ווילדע, בארבארישע, גרויזאמע און ניעדערטרעכטיגע שאנדטהאטען פון דער טערקישער רעגירונג! מיר, אידען, זענען אפילו יאהרהונדערטע אין די בעסטע בעציהונגען מיט דעם טערקישען פאלק, אבער מיר — דאס אידישע געוויסען, דארפען פראטעסטירען! — האט גלעקעל געשריען אין אזא ווילדען פאטאס, אז באזוכער פון „רויטען הירש" זענען צוגעלאפען צו די אפענע פענסטער.

— גלעקעל! גלעקעל! — האט איהם אלץ גערופען ראבינאוויטש.

— איך געה, איך געה! — און גלעקעל האט זיך א טראג געטאן ווי א בייזער ווינד.

דער קעלנער האט ווידער געבראכט אויף דער ווערענדע זיין פריהשטיק.

— מיין ליעבער הערר! איך בין ניט פעפליכטעט אייך נאכצויאגען! — האט זיך געבייזערט דער קעלנער, כאפענדיג דעם פליהענדען גלעקעל ביי דער פאלע פון זיין וויזיטקע.

גלעקעל האט איהם אבער קוים באמערקט און איז פארשוואונדען, איז באלד געלאפען צוריק צו די חברים מיט א גלעקעל אין דער האנד און האט שוין געעפענט די פארזאמלונג, וועלכע האט געזאלט לייגען דעם ערשטען שטיין פון זיינע גרויסע קולטור־פלענער אין ארץ ישראל.

— מיינע העררן! די פערזאמלונג איז ערעפענט. סעקרעטער ראבינאוויטש, פארנעהמט אייער פלאץ! האט בעפוילען דער פארזיצענדער מיט א מאיעסטעטישער האנד־בעוועגונג פון א קעניג, וועלכער געהט עפענען זיין פארלאמענט מיט א טראן־רעדע.

— און איהר, מיינע העררן, זייט איינגעלאדען אלס ווילקאמענע געסט! — האט זיך גלעקעל גנעדיג פערבויגען אין דער זייט וואו עס זענען געזעסען פלארא און דער בלינדער סאלאווייטשיק.

פלארא האט זיך קוים איינגעהאלטען אום ניט אויסצושיסען מיט א געלעכטער.

חברים! דא זענען פערטראַטען די צוויי גרויסע שטראָמען, וואָס בילדען דעם גרויסען אָקעאַן פון דער גרעסטער פאָלקס־בעוועגונג אין דער אידישער געשיכטע! — האָט אָנגעהויבען גלעקעל, מיט אַן אַקאַדעמישען טאָן, זיך אָנשפּאַרענדיג מיט ביידע הענד אויף'ן טיש, מיט אַ בעוועגונג אין וועלכע ער האָט קאָפּירט דעם פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע — איך זעה פאַר מיר דאָ „הערצל'יסטען" און „אחד־העמ'יסטען"... די טעאָריע און די פּראַקטיק — און גלעקעל האָט אוועקגעלעגט צוויי פינגער פונקט ווי עס פלעגט טהאָן אויף זיינע פאָרלעזונגען דערזעלבער פּראָפעסאָר און זיין שטימע איז דערצו געוואָרען העכער און מעכטיגער.

— מיר זיינען אפילו דאָ וועניג... אַ קליינער הויפען פון מענשען — און זיין שטימע האָט זיך ביי דעם אָנבליק פון דער קליינער צאָל נאָכפאָלגער אָראָפּגעלאָזט אויף עטליכע טענער. — דאָס דאַרף אונז נישט אָבשרעקען... אַלע גרויסע בעוועגונגען האָבען זיך אַזוי אָנגעהויבען — האָט געטרייסט די פערזאַמלונג גלעקעל, און זיין שטימע צו גלייך מיט'ן גרויסען ווילד־בעוואַקסענעם קאָפּ, האָבען זיך ווידער אויפגעהויבען. — אַ פּאָאַר אידעאַליסטען... טרוימער..., הויפּטזעכליך אָפּטימיסטען און ניט קיין פּעסימיסטען, ווי אונזער וואַסערמאַן, — האָט גלעקעל אריינגעוואָרפען אַ שטיין אין וואַסערמאַן'ס גאָרטען. — זיי האָבען קיין מאָהל נאָך ניט געשאַפען... די טרוימער האָבען זיך פערזאַמעלט אַזוי ווי מיר דאָ...

— ריכטיג, זעהר ריכטיג! — האָט בעמערקט פלאָרא, און האָט צוגעוואָרפען וואַסערמאַן'ען אַן ערנסטען בליק פון איהרע שטאָהל־גרויע אויגען.

גלעקעל האָט אונטערגעכאַפּט די באַמערקונג און דעם ערנסטען בליק, און האָט געענדיגט מיט פּאַטאָס.

— און די טרוימער האָבען אָנגעצונדען די גרויסע פאָלקס־בעוועגונגען!

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבען אַפּלאָדירט די סטודענטקעס און אפילו מייזעל'ס גאָלע פערעהרערין.

מייזעל האָט גלעקעל׳ס ערפאָלג שוין ניט געקענט איבערטראָגען. זיין פּענסנע האָט שוין געשפּרונגען פון זיין נאָז און ער האָט אונגע־דולדיג געשריען:

— צור זאכע! צור זאכע! פאָרזיצענדער! מיר דאַרפען אַ שטאַנדפּונקט און ניט קיין פראַזען!

— יאָ, יאָ, צור זאכע! צור זאכע! — האָבען געשריען די אי־בעריגע מענער.

— באַלד, באַלד! געדולד! — האָט זיי בערוהיגט גלעקעל.

— קוק נאָר אַן... ער האָט קיין צייט ניט! — האָט זיך פּלוצ־לינג ווידער אָנגערופען טאַפּף פון זיין ווינקעל, און האָט אַ קנאַק געטאָן מיט זיינע ווייסע ציין.

דער גאַנצער ערנסט פון דער פערזאַמלונג איז פערשוואונדען גע־ווארען. צוערשט האָט זיך צולאַכט פלאָרא און איהר געלעכטער איז אוועק צו די בערג און צום טהאָל און איז געקומען צולויפען באַלד צוריק מיט אַ גליקליכען ווידערקול.

געלאַכט האָבען אַלע, אפילו מייזעל.

— מיינע הערען, מיינע הערען! זאָל זיין שטיל! — האָט גע־קלונגען משה גלעקעל. — מיר האָבען זיך פערזאַמעלט צו לייגען דעם ערשטען שטיין פאַר אונזער קולטור־ארבייט אין פּאַלעסטינא. איך האָב אויסגעאַרבייט די סטאַטוטען פאַר אַ קאָנסערוואַטאָריום אין יפו... סעקרעטאַר ראַבינאָוויטש וועט זיי אייך פאָרלעזען! מיר מוזען שאַ־פען אַ היים פאַר אונזער נאַציאָנאַלער מוזיק... גענוג האָט זי זיך גע־וואַלגערט איבער די גאַנצע וועלט... מעערבער׳ס, מענדעלסאָן׳ס, הלוי׳ס, טאַפּף׳ס, צוריק אין אייער אַלטער היים! — האָט געשריען גלעקעל — דאָרט וואו אונזערע לוים האָבען געזונגען... אייערע זיסע טענער זאָלען קלינגען אויף די בערג און די טהאָלען פון ארץ ישראל.

— עס איז געמיין... עס איז נידערטרעכטיג — האָט זיך ווידער געקאַכט טאַפּף, האַלטענדיג שוין אַ ביינקעל אין דער האַנד.

— וואָס איז געמיין? וואָס קאָכסטו זיך? — האָט איהם גע־פרעגט וואַסערמאַן.

ווי וואגט ער מיך צו שטעלען נעבען הלוי'ן און מענדעלסאָנ'ען? דאס איז דאך א חילול הקודש... א בעליידיגונג פאר די מוזיק... ווער בין איך? עס איז דאך א געלעכטער.

— די גרויסע מענער זיינען תמיד בעשיידען... איהר זעהט? — האט זיך וואסערמאן געווענדעט צו פלאָרא'ן.

— דו געהסט אוועק, צו ניין? — און טאָפף האט אויפגעהויבען דאס בענקעל אויף וואסערמאן.

— שאַ... משוגענער! — און וואסערמאן האט אויסגעריסען ביי איהם דאס בענקעל, — וואס וויל מען דען? מען וויל, אז דיינע טע־נער זאלען קלינגען צווישען די בערג און טאָהלען פון אונזער הייליג לאנד... א יאָ, גלעקעל?

— איך פראָטעסטיר... איך פראָטעסטיר...

— מען קען זיין פראָטעסט אריינטראָגען אין פראָטאָקאָל, — האט נעזאגט גלעקעל.

— למען השם, למען השם טראָגט עס אריין — האט אלץ איראָ־ניזירט וואסערמאן.

— סעקרעטאר, טראָגט אריין טאָפף'ס פראָטעסט אין פראָטאָקאָל, — האט איז גרעסטען ערנסט בעפוילען גלעקעל.

— וואס זאל איך אריינטראָגען? — האט ניט פערשטאַנען ראבינאוויטש.

— טראגט אריין, אז טאָפף איז בעליידיגט פאר די מוזיק, — האט צו איהר געזאגט וואסערמאן.

— יאָ, יאָ... טראגט עס אריין, — האט צעשטרויט געהייסען גלע־קעל, וועלכער האט זיך ווידער געטראָגען אויף די כוואליעס פון דער גרויסער פאלקס־בעוועגונג, — אלזא, דער אינצידענט איז ערלעדיגט, מיינע הערען און דאמען! די היים זאל געשאפען ווערען... אז אונזער נאציאָנאלע מוזיק וועט קריגען א היים, וועלען מיר שאפען א היים פאר אונזער וויסענשאפט...

— שאפט עטוואס פאר דער בעמיע, פאני גלעקעל! טאָפף קריגט א היים, זאל איך אויך קריגען א מקום מנוחה... אט האב איך ניט צו בעצאהלען פאר'ן לאבאראטאָריום און מען לאזט מיך שוין ניט

— טאַפּ? א יאָ, טאַפּ... אריין... אַהין מיר פּאַהרט טאַפּ סיי ווי סיי ניט... האָט זיך אַלץ ביליג און באַנאַל גע׳חכמ׳עט וואסערמאַן.

— לאַך ניט, לאַך ניט, מיר וועלען שאַפען... אַלעס מאַכען... אַז אוניווערזיטעט מיט הכל אשר בכל... אונזערע וואסערמאַנס וועלען זיך ניט ארומוואַלגערען מעהר אין אייראָפּאַ און פּוילן אונטער דעם איינ־פלוס פון דער אייראָפּעאישער סקעפּטישער קולטור... מיר דאַרפען געזונטע און ניט קיין קראַנקע, פוילע צופּאַלענע גייסטער, — האָט פּאַ־טעטיש געענדיגט גלעקעל.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָבען אַפּלאָדירט די סטודענטקעס, געזונטע און ניט קיין קראַנקע, פוילע גייסטער, — האָט פּאַטעטיש געענדיגט גלעקעל.

— איהר הערט? איך קריג שוין אויך אַ היים, — האָט זיך גע־ווענדעט וואסערמאַן צו פלאַרא׳ן. — אַלזאָ? בין איך און די בעמיע שוין אויך פערזאָרגט?

— גענוג אייך שוין, — האָט שוין נישט געקענט אויסהאַלטען פלאַרא און זיך אַבגעווענדט פון איהם מיט פּאַראַכטונג.

מייזעל איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט:

— מיינע הערען! איך געפין וואסערמאַנ׳ס איראָנישע בעמער־קונגען פאַר העכסט בעליידיגענד פאַר אונזער פערזאַמלונג... פון שטאַנדפּונקט...

— אַה, שטאַנדפּונקט... שטאַנדפּונקט... פערפלוכטער שטאַנד־פּונקט — האָט איהם אונטערבראָכען וואסערמאַן.

— אט וועט איהר זעהן, אַז איך וועל איהם היינט פּלעטען דעם קאָפּ מיט זיין שטאַנדפּונקט, — האָט זיך ווידער אָנגערופען טאַפּ.

עס האָט געשמעקט מיט אַ סקאַנדאַל.

גלעקעל האָט דאָס געוואָלט פערהיטען און ער האָט געשריען:

— אין פּראַטאָקאָל! אַלעס, מיינע הערען, וועט אריינגעטראָ־גען ווערען אין פּראָטאָקאָל.

— איך בעט דאָס וואָרט, — האָט זיך געמעלדעט אַ סטודענט פּאַסטערנאַק.

— איך בעט דאָס וואָרט, גיט מיר דאָס וואָרט, — האָבען אַלע מיט אַ מאָל פערלאַנגט דאָס וואָרט.

די געסט פון רעסטאָראַן זיינען געשטאַנען אין די פענסטער און האָבען בעטראַכט די רוסען, ווי מען האָט זיי געדופען אין דער שווייץ, ווי משוגעים. גלעקעל האָט געקלונגען מיט אַלע כחות און געשריען:

— רוהיג! אָרדנונג! אָרדנונג!

עס זיינען פאַרביי עטליכע מינוט ביז עס איז צוריק שטיל געוואָרען.

— דאָס וואָרט האָט דער חבר פאַסטערנאַק, — האָט זיך אָנגע־רופען גלעקעל נאָך אַ לאַנגען, ערנסטען שטילשווייגען.

— איך מוז צוערשט פראָטעסטירען געגען דעם, וואָס גלעקעל האָט מיך שוין פעררעכענט צווישען זיינע חסידים און נאָכפאָלגער, — האָט אָנגעהויבען פאַסטערנאַק.

— קוק איהם נאָר אָן... עס קאָסט איהם געלט! — האָט זיך אַ קרים געטאָן גלעקעל.

— מיין וועלט־אַנשויאונג ערלויבט מיר ניט, — האָט פאָרטגע־זעצט פאַסטערנאַק, קאָפירענדיג די זעלבע דעקלאַמאַטאָרישע בעווע־גונגען פון דעם פּראָפעסאָר דער פילאָזאָפיע, און ביים וואָרט „וועלט־אַנשויאונג“ האָט ער פעררייסען דעם קאָפּ, — יאָ, מיין וועלט־אַנשויאונג ערלויבט מיר ניט צו צושטימען צו אַ פּראָיעקט, וועלכער שטרעבט דעם אידישען גייסט איבערזעצען פון אייראָפּאַ נאָך אַזיען. מיינע העררען! איהר דאַרפט ניט פערגעסען, אַז מיר אידען האָבען אַ הייליגע ציוויליזאַטאָרישע מיסיאָן אויף דער וועלט... מיר מוזען בלייבען דאָ צווישען די פעלקער, זיי לערנען יושר און גערעכטיגקייט...

— אַ קלאָג איז צו אונז, טאַטע! מיר בלייבען שוין ווידער אָהן אַ היים, — האָט וואַסערמאַן אויסגעשריען מיט אַ געמאַכטער פער־צווייפלונג.

גלעקעל האָט פאַסטערנאַק'ס וועלט־אַנשויאונג געטראָפען ווי אַ מעסער אין הארצען און ער האָט זיך פון וועהטאָג אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ.

— וועה איז מיר, — האט ער זיך געקרימט, אזוי ווי עס וואלטען איהם אנגעכאפט בויכקרעמפפען, אדער א שטארקער צאהן־וועהטאג. — דו ביסט דאך א געפעהרליכער מיסטיקער, ווי איך בין א איד! פערברענען דארף מען דאך דיך... אויף דעם פייער, זאל איך אזוי לע־בען... אוי, א פאלק! א פאלק פון מיסטיקער און בעלי חלומות, גע־הרג'עט זאלט איהר ווערען — האט זיך גלעקעל געשאלטען ווי א מארק אידענע. צו דעם סטיל פלעגט ער איבערגעהן כסדר אין סאמע ברען פון א דעבאטע. —ווארט! איך שרייב יעצט א רעפעראט וואו איך צוקלאפ אייער הייליגע מיסיאן אויף טויט...

— ער שרייבט ערשט... כא, כא, כא, — האט זיך אויסגעלאכט מייזעל, — איך האב שוין די הייליגע מיסיאן לאנג צוקלאפט און עס איז שוין פון איהר לאנג קיין שריד ופליט ניט געבליבען... זעהט מיין ארטיקעל אין הצפירה...

און אזוי האט זיך אין מיטען העלען טאג אויף דער וועראנדע פון „רויטען הירש“ צופלאקערט א דעבאטע, איינע פון די דעבאטען, וועלכע האבען אויסגעמאכט א טייל פון קוריקולום פון די סטודענטען און אפשר דעם וויכטיגסטען טייל, ווייל אויף די דעבאטען איז פאר־שווענדעט געווארען מעהר צייט און שוויים ווי אויף'ן שטודיום...

יעדער האט געוואלט באווייזען, אז ער האט זיין אייגענעם שטאנד־פונקט, אז ער איז אריגינעל... און אריגינעל האט געמוזט זיין יעדער בחור, וויניגסטענס אין די אויגען פון זיין מיידעל...

אויב דער פאולין שטאלצירט פאר דער פאווע מיט די שעהנע פעדערען פון זיין עק ווארום זאל א בחור ניט שטאלצירען פאר זיין מיידעל מיט זיין אריגינעלען שטאנדפונקט?

אין שטורם אבער פון דער היציגער דעבאטע האבען גלעקעל'ם שיפען געליטען איין אווארייע נאך דער צווייטער... און זיינען דען זיינע חברים געקומען מיט איהם מסכים זיין?

ארימער גלעקעל! אפילו דאס שילטען האט איהם ניט געהאל־פען... יעדער אויסברוך פון זיינע ווייבערשע רעפליקען און טיראדען האבען בלויז ארויסגערופען א בייזען, שפאטישען געלעכטער ביי די

חברים און חברות און געשארפט דעם שלאגענדען וויץ פון זיינע געגנער...

זיינע פשוט'ע אידישע קללות האבען איהם געקענט געבען די רע־פוטאציע פון א גרויסען פאלקס־מענש, האבען איהם אבער געמאכט פאר'ן קלענסטען און ארימסטען דעבאטירער...

זיינע ארגומענטען זיינען תמיד געווען נאאיוו, ווי זיינע גרויסע פראיעקטען...

און אז דער סטודענט כץ האט זיך גענומען אויסלעגען זיין שטאנד־פונקט, וועלכער איז געווען דער שטאנדפונקט פון א סאציאלער רע־וואלוציאן, וועלכע וועט שוין לייזען אלע פראגען און וועלט פראב־לעמען, האט זיך גלעקעל שיעור ניט צו וויינט פון פערצווייפלונג.

— וועה איז מיר, גזלנים! איהר האט דאך מיט מיר שוין אלע מסכים געווען, טא וואס א רוח האט אייך געבראכט אהער? אוי, בטלנים! תהלים זאגער! און ווי איז דער דין, אז דאס אידישע פאלק האט שוין נישט קיין כח צו ווארטען ביז איהר סאציאליסטען — א מגפה אויף אייך, רבונו של עולם, און דאס א גיכע — וועלען לעזען די סאציאלע פראגע?

— עס וועט שוין לאנג ניט געדויערען, ווער זעהט דען ניט, אז מיר שטעהען שוין אויף דער שוועל פון א סאציאלער רעוואלוציאן?

— האט פערזיכערט כץ.

— זאלסטו מיר אזוי לעבען מיט דעם סאציאליזם דיינעם אינ־איינעם, רבונו של עולם!

— א קלאג איז צו אונז, טאפף, עס האלט שלעכט... קרחת וועלען מיר האבען און ניט קיין היים... אלזא, מיר מוזען שוין ווייטער הווי־זירען.

וואסערמאן, דער אקטיאר און אבשפאטער האט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאלטען.

פערכאפט פון דעם ספעקטאקעל, וועלכער איז געווען אזוי קאָ־מיש, האט פלארא אין גאנצען פארגעסען אין זיין עקזיסטענץ און אפילו ניט רעאגירט אויף אלע זיינע סארקאסטישע און קלוגע באַ־מערקונגען און צווישענרופען אין דער דעבאטע...

עס האָט זיך אין איהם אַנגעצונדען אַן אייפערזוכט... דער אַק־טיאָר אין איהם האָט איהם ווייטער תמיד געטריבען צו די עקסטרע־מען, וועלכע האָבען תמיד זיך געגרענעצט מיט סקאַנדאַל...

ער האָט געכאַפּט אַ קעסטעל און האָט עס שנעל אַנגעטאָן טאָפּף׳ן אויף דעם האַלז, דאָס צווייטע אויף זיך, און האָט אַנגעהויבען אויס־צושרייען:

— קעמעלער, בייטעלער, פינגערלער, מעסערלער, זייגערלער... אַלעס ביליג, ביליג, קויפט, קויפט...

דאָס אַלעס איז געשעהן אַזוי שנעל און אַזוי אונערוואַרטעט, אַז אַלע זיינען געבליבען זיצען שטום מיט אויסגעגלאַנצטע אויגען פון איבעראַשונג.

די קעלנער פון רעסטאָראַן און אַ פּאָאַר געסט, וועלכע זיינען געשטאַנען אין די אָפענע פענסטער און פאַרפאָלגט די דעבאַטע פון די „רוסען" מיט בליקען פון שפּאָטישער נייגיער און חוזק, האָבען אויסגעשאָסען אין אַ ווילדען געלעכטער.

דער שפּאָט פון די שווייצער האָט זיך איינגעשניטען אין די פּנימער פון די פּערזאָמעלטע און זיך אָבגעדרוקט דאָרט מיט אַ טיעפען ווערהטאָג פון שאַנדע, פון באַשפּיגענע און ערנידעריגטע.

דער בלינדער סאַלאָווייטשיק איז אויפגעשפּרונגען און געציטערט ווי אַ לולב.

און פלאַרא?

איהר פּנים איז געוועזן אונבעשרייבליך...

האָט דען ניט דער קלאָון עס געטאָן צוליעב איהר? אום אויס־צונעהמען אין איהרע אויגען, זי אַמוזירען?

אַה, פּרויען ווייסען עס!... זיי דערפיהלען עס באַלד...

דער גאַנצער אידישער גלות, וועלכער איז געוועזן מיט אַלע זיינע זייטען און פאַרבען פאַרקערפּערט אין דער נאַטור פון סטודענט וואַ־סערמאַן, וועלכען די גאַנצע קאַלאָניע, אַחוץ טאָפּף׳ן, האָט טיעף גע־האַסט, איז יעצט ערשיענען פאַר די טרוימער און בוימייסטער פון אידישען לעבען און האָט זיי אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין...

פלאַרא האָט עס דערזעהן, דערפיהלט זייער וועהטאָג אין איהר האַרץ...

אַ רחמנות איז געווען צו קוקען אויף טאַפּף'ן. דער כאַראַקטער־לאָזער, צופּאַטעלטער גרויסער מענש איז געשטאַנען אין מיטען דער וועראַנדע, ווי אַ גרויס אונבעהאָלפען קינד מיט אַן אַראָבגעלאָזטען, פערשעהמטען קאָפּ. מיט דעם פון האַלז אויף אַ רומען היינגענדעם הויזירער קעסטעל אויף זיין ברוסט האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ פּאַר־ברעכער, וועלכען מען האָט צוגענאָגעלט צום שאַנדברעט...

איינ‌יגע סעקונדען זיינע פאַריבער אין אַ שווייגען פון צוטומעלטע.

און די פערוואונדעטע און טיעף בעליידיגטע הערצער האָט זיך שויז אבער געהויבען אַ שטורם...

די ערשטע, וועלכע איז געקומען צו זיך, איז געווען פלאַרא. האַסטיג איז זי צוגעלאָפען צו טאַפּף'ן, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קעסטעל, עס געוואָלט פון איהם אַרונטער רייסען און צושמעטערען.

וואַסערמאַן האָט זי געכאַפּט ביי דער האַנד.

— איהר זייט אַ פּאַיאַץ, אַ געמיינער קערל! — האָט אויסגע־שריען פלאַרא, וואַסערמאַנ'ען גלייך אין פּנים אַריין מיט אַ פּאָאַר צאָרנדיגע אויגען, ציטערענד קאָנוואולסיוו מיט דעם גאַנצען קער־פּער פון שטאַרקער אויפרעגונג.

— די געשיכטע געהט אייך ווייניג אָן — און וואַסערמאַן האָט אַבגעפיהרט איהר האַנד פון קעסטעל — איהר זעהט דאָך, וואָס דאָ טוט זיך. ביי דעם איז דער שטאַנדפּונקט נאָך ניט קלאָר... דער האָט נאָך לעת עתה אַ הייליגע מיסיאָן אין אייראָפּאַ צו ערלייזען... דער מוז צוערשט די סאָציאַלע פראַגע לייזען. כאַ, כאַ, כאַ, — האָט ער געלאַכט ווי אַ טייוועל.

— ניין, טאַפּף! עס איז שלעכט... דערוויילע זאָל דער איד נאָך הויזירען... אַדיע, קאַמעראַדען! — און דער אַקטיאָר האָט זיך טעאַט־ראַליש פערבויגען פאַר דער אסיפה, גענומען דעם כאַראַקטערלאָזען און ערנידעריגטען חבר זיינעם ביי דער האַנד און זיך גענומען מיט איהם געהן צו די טרעפּ ווי מיט אַ שטומען געפאַנגענעם.

דאַ האָט זיך גלעקעל אַ וואָרף געטאָן אויף וואַסערמאַן'ען מיט אַ שפּרונג פון אַ צורייצטען לייב, וואָס איז אַרויס פון שטייג.

— דו צופוילטער, פאַרשימעלטער סקעפּטיקער! דו ווערסט גאָר ניט שאַפען, דו אָרימע, עלענדע נשמה...

— יאָ, יאָ! אָרימע, עלענדע נשמה... ווי עלענד און אָרים איהר זייט געגען איהם, געגען זיי אַלע! — זי האָט דאַביי מיט איהרע צאַרניקע בליקען אונטער לאַנגע ציטערנדע וויהעס איהם געמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס און איהם בעגאָסען מיט פעראַכטונג.

— פלאַראַ! פלאַראַ! — האָט ענגסטליך זי גערופען דער בלינ־דער ברודער, אַ ציטערנדער ווי אַ פיש פון אויפרעגונג. פאַר זיין מו־זיקאַלישער נשמה איז דאָס געווען צו גראָטעסק, איינפאַך אומגעלומ־פערט שרייענדע טענער...

— איך בעדויער אייך... איהר וועט זעהר טרויעריג ענדיגען. איך פערזיכער אייך! — און זי האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם מיט די פלייצעס און זיך געלאָזט געהן צום ברודער.

דער מעפיסטאָפעלישער שמייכעל איז פערשוואונדען פון וואַסער־מאַן'ס פנים. ער האָט מיט אַ שנעלער, געכאַפּטער האַנד־בעוועגונג אַרונטערגעכאַפּט די פענסנע פון די אויגען און האָט איהר נאָכגעשליי־דערט אַ צוטומעלטען בליק. זיין פנים איז פלוצים געוואָרען טויט בלייך און האָט קאָנוואולסיוו געציטערט, ווי פון אַן אינווייניגסטען טיעפען שמערץ, ווי ביי אַ טויטליך פערוואונדעטען... באַלד האָט אין זיינע אויגען אויפגעפלאַקערט אַ בייזער דראָהענדער פלאַם...

— איידער איך וועל טרויעריג ענדיגען וועל איך אייך, שעהנע פלאַרא, נאָך האָבען אַלס מיין ווייב! — האָט ער איהר נאָכגעשליי־דערט.

— וואָס? האָט זי זיך שנעל אומגעדרעהט צו איהם, ווי גע־טראָפען פון אַ קויל.

— איך פערזיכער אייך!

זי איז צוגעלאָפען צו איהם און איינגעגראָבען איהרע פלאַקערנדע בליקען אין זיין פנים.

א געפיהל פון פיזישען עקעל האט געקרומט איהר פנים, געשוי־דערט מיט איהרע אקסעל.

— כא, כא, כא, — האט זי זיך פרובירט צו לאכען — נו, נענען דעם וועט מיך שוין מיין פיינער געשמאק שיצען.

— ער וועט אייך ניט שיצען!... און אויב איהר וועט ניט זיין מיין פרוי, וועט איהר ווערען מיין געליעבטע... מיין מעטרעסע... — ער האט דאביי איינגעגראבען אין איהר פנים זיינע קורצזיכטיגע אוי־גען, ווי א בלוטדורשטיגער טיגער די ציין...

— אה, דו פרעכער לומפ! ווי וואגט איהר עס? — און פלארא האט זיך אויסגעצויגען, ווי א ווילדע פאנטערע פאר איהר בלוט־דור־שטיגען שפרונג, און זיך פערמאסטען צו דערלאנגען דעם פרעכען מאן א הילכיגען פאטש...

וואסערמאן האט אבער רעכטצייטיג געכאפט די ווייסע, שעהנע האנד פון דער בעריהמטער קלאוויר קינסטלערין און זי צוערשט ווי מיט אן אייזערנעם צוואנג פעסט פארקלעמט אין זיינער, פערקלעמט אזוי, אז זי איז גלייך געווארען פון פיין און שמערץ... האט זי גע־האלטען אזוי א רגע, ניט אראבלאזענדיג פון איהר טויט בלייכען פנים זיינע אויגען, דערנאך זי לאנגזאם צו געטראגען צו זיינע ליפען און א קוש געטאהן... א שטילען קוש געטאהן.

די פאנטערע איז געבליבען שטעהן א פערגליווערטע און מיט אויסגעלאשענעם צארען... זי האט ארונטער געלאזט דעם קאפ און האט ניט געמאכט קיין בעוועגונג צו בעפרייען די ביז צום פיין פער־קלעמטע פינגער פון זיין האנד.

אזא זיסען פיין האט זי נאך קיין מאל ניט געפיהלט...

און ער האט אויך ניט אראבגעלאזט דעם היפנאטיזירענדען קורצ־זיכטיגען און הונגעריגען בליק, אזוי ווי ער וואלט מיט דעם בליק געטרונקען איהר בלוט...

דערנאך האט ער אנגעטאן צוריק זיין פענסנע, האט גענומען אונטער'ן ארים זיין שטומען און פארהיפנאטיזירטען חבר און זיך מיט איהם געלאזט געהן צו די טרעפ פון דער ווערANDע...

— מעסערלעד, פינגערלעד, בייטעלעד, זייגערלעד. ביליג... ביליג... קויפט... קויפט... האָט דער הויזירער ווידער אויסגעשריען זיין קראָם אין די אָפענע פענסטער פון „רויטען הירש“.

✧ ✧ ✧

צוויי חברים

צווייטער קאַפּיטעל

וואַסערמאַן און טאָפּף האָבען געוואוינט אין אונטערשטען טייל פון שטאָדט, ווייט פון דעם קוואַרטאַל, וואָס איז געווען באַוואוינט פון די רוסישע סטודענטען און פלעגען זיך זעהר זעלטען ווייזען אין דער קאַלאָניע, אויף איהרע פערזאַמלונגען און רעפעראַטען...

די קאַלאָניע האָט זיי ביידע ניט געליעבט און זיך פערהאַלטען צו זיי מיט פערדאַכט. זיי האָבען געלעבט אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל פון שטאָדט, איינזאַם און איזאַלירט און אז זיי פלעגען אַמאָל זיך שוין יאָ בעווייזען אין דער סטודענטישער קיך, אָדער אויף אַ פערזאַמלונג, איז דאָס געווען צוליעב רעקוויזיציאָנס־צוועקען ד. ה. צו קריגען אַ פּאָאר פראַנק, אַזוי ווי הונגעריגע און פערצווייפעלטע וועלף פערלאָזען אין אַ ווינטער־נאַכט דעם וואַלד און לויפען אין דאָרף אריין נאָך רויב...

עס איז געווען אַ וואונדער־שעהנער פריהמאָרגען... די אַלפּען האָבען שוין אַנגעהויבען דאָ און דאָרט אויסצוטאָן פון זיך זייערע נעבעלדיגע גרויע קליידער און אַנטאָן מיט ליכט און גלאַנץ בעגאָסענע מאָרגען־רעק.

אַז וואַסערמאַן האָט געעפענט די אויגען, איז זייער קליינער צימער שוין געווען איינגאַנצען פּאַרפלייצט פון זונענליכט און זייערע ברודיגע און צוואָרפענע געלעגערס האָבען אויסגעזעהן אין העלען, גלאַנצענדען פריהלינגס־מאָרגען ווי צוויי גרויסע, שמוציגע און אָבשטויסענדע פלעקען...

אויף דעם פערשטויבטען, נאַסען טיש, אויף וועלכען עס האָבען זיך געוואַלגערט אין אונאָרדנונג ביכער, מאַנוסקריפּטען, פערדאַרטע שטיקלאַך ברויט און ברודיגע שטיקלאַך צוקער, האָט זיך שוין געמאַכט אויף דער בענזין־מאַשינקע אַ גרויסע פאַן מיט רייז און האָט

געדאמפפט איבער'ן גאנצען צימער. די פאן האט מען גערופען „סאל־דאטסקי קאטיאל", (דער סאלדאטען־קעסעל) און זי האט געהאט א שם אין דער קאלאניע.

דער קאשע־קאכער איז תמיד געווען טאפף... און אז די רייז פלעגט אנהויבען זיך קאכען און שפרינגען אין זודיגען וואסער, און דער בענ־זין אין דער מאשינקע פלעגט רוישען און זינגען זיין פייערדיג ליעדעל, פלעגט אויך אנהויבען צו זינגען טאפ'ס נשמה...

פאר דער פאן פלעגט ער שאפען זיינע קאמפאזיציעס...

און אויך איצט איז ער געשטאנען פאר דער קאכענדיגער און דאמפפענדער פאן, א צעפאטעלטער מיט צוויי גרויסע, פלאקערענדע אויגען. האט צוגעטופעט מיט דעם רעכטען פוס און דיריזשירט מיט ביידע הענט... דיריזשירט און געזונגען...

וואס האט איהם געפעהלט?

א פאן געקאכטע רייז מיט פוטער אדער מילך און ברויט האט בעדייטעט א זאטער, זארגלאזער טאג און ער האט שוין געקענט זינגען...

איבריגענס האט דער יאך פון פרנסה אינגאנצען געטראגען אויף זיך וואסערמאן. דאס האט ער גערעהט מיט דעם קאפ און געזארגט, ווי צו קריגען אט די פאן מיט רייז און די גאנצע ארימע עקזיסטענץ זייערע, און טאפף איז געווען דאס קעסט־קינד, און האט אפט ניט גע־וואוסט פון וואנען דאס קומט...

און אויך איצט, נאך א שלאפלאזער נאכט, אזוי ווי ער האט גע־עפענט די אויגען נאך א קורצען, שווערען שלאף, איז שוין פאר זיינע אויגען געשטאנען די נויט, די ביטערע נויט, אין דער געשטאלט פון א פערפלוכטער מכשפה, וועלכע האט איהם ניט פערלאזט אין דער גאנצער צייט פון זיין שטודיום.

ער איז געלעגען, און זיין שווערער, ווי מיט בליי־אנגעגאסענער קאפ האט שמערצליך געקלערט וואס וועט זיין ווייטער...

די נייע אונטערנעהמונג, דאס פעדלען אין אבערלאנד האט זיי גאר ניט געבראכט. די עטליכע פראנק וואס זיי האבען געלייזט פאר דער סחורה, וואס אן עסטרייכער איד האט זיי געבארגט, האבען זיי

אויפגעגעסען און דער איד האָט געוואָלט זיי פערקלאָגען פאַר'ן געריכט. דעם פּריזן האָבען זיי דאָך בעדאַרפט אָבגעבען איהם אין די הענט אריין און ניט אויפעסען...

דער בעל־הבית'טע איז שוין געקומען פאַר 2 חדשים דירה־געלט און די צוויי קוואַרטיראַנטען פלעגען זי שוין אויסמיידען און שפּרינ־גען דורך דעם פענסטער, ווייל זייער ארויסגאַנג האָט געפיהרט דורך דער בעל־הבית'טעס קיך...

צו קענען בעצאָהלען פאַר'ן לאַבאָראַטאָריום און ענדיגען זיין דאָקטאָר־ארבייט האָט וואַסערמאַן ניט געהאַט קיין שום אויסזיכט.

וואָלט ער ווענינסטענס געהאַט מיט וואָס איבערצולעבען דעם זומער. צו הערבסט וואָלט ער ווידער גענומען מיט זיך זיין קעסטט־קינד טאַפּפּ'ן און געגאַנגען אין אַ צוקער־פאַבריק, אַלס כעמיקער, וואָס ער פלעגט טאָן כמעט אַלע יאָהר און דאָרט שפּאָרען אַ ביסעל געלט פאַר דעם ווינטער־סעמעסטער...

אזוי איז וואַסערמאַן געלעגען פאַר'ן אָפענעם פענסטער, פער־טיעפט אין זיינע טרויעריגע געדאַנקען, און דער שעהנער פריהלינגס־מאָרגען, די אין גליק און גלאַנץ אויסגעפּוצטע אַלפּען־בערג מיט זייערע צום הימעל שטאָלץ און מונטער־פערריסענע שנעע ווייסע קעפּ, קורץ, די גאַנצע רייכע און גלענצענדע נאַטור ד'רויסען האָט געמאַכט זיינע טרויעריגע געדאַנקען נאָך טרויעריגער, גיסענדיג אין זיין ברוסט אַ גיפטיגע, ברענענדע, לעבענס־דורשט, וועלכע האָט זיך צוגאָסען אי־בער זיינע אָדערען ווי אַ טיעפער און שמערצליכער אומעט און האָט געצינדען זיין מאַרך.

דאָ איז ווידער, ווי אין דער לאַנגער, שלאָפלאָזער נאַכט אויפ־געשוואומען פאַר זיינע אויגען די פּיאַניסטין, די מערקווירדיגע אויסער־ליך רוהיגע און קאַלטע אָבער טעמפּעראַמענטפולע שאַטענקע מיט דעם נאָמען פלאָראַ. אין זיינע אויערען האָט ווידער געקלונגען ווי דאַמאָלס אונטער דער וועראַנדע פון „רויטען הירש”... איהר ספּאַזמאַטישער געלעכטער, איהר שעהנע, זיסע אַלט־שטימע, וועלכע האָט טרויעריג געציטערט אין דער לופט ווען זי האָט גערעדט ערנסט אָדער זיך געבייזערט, ווי טענער פון אַן אָנגעבראָכענעם פידעל, ווי אַן אָבקלאַנג

פון אַן אַנגעגריפענער נשמה, וואָס האָט שוין דורכגעלעבט גרויסע ענטוישונגען און רעזיגנירט...

און אַז ער האָט זיך ווידער דערמאָהנט אין דעם צאַרניג־פּלאַ־מענדען געזיכט מיט וועלכען זי האָט זיך פּערמאָסטען צו געבען איהם דעם פּאַטש, האָט איהם אַנגעכאַפּט עפּעס אַן אונרוהיגעס, שמערצ־ליכעס געפיהל, אַ טיעפער וועהטאָג, וועלכער האָט דורכגעדרונגען זיין האַרץ...

אום צו פערטויבען אין זיך דאָס שמערצליכע געפיהל איז ער אראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און האָט זיך אַנגעהויבען האַסטיג און נערוועז אַנצוטהאָן. און אַז ער האָט בעמערקט ווי טאָפּף שטעהט זאָרג־לאָז פאַר דער זידענדער פאָן און דיריזשירט מיט זיינע הענט זיינע מו־זיקאַלישע געשפּענסטער, האָט ער איהם מיט אַ ביטערען כעס אַזוי ווי אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אריין דאָס וואָרט: „אידיאָט!“

— וואָס? וואָס? איך פערשטעה ניט... האַ? — האָט צוטראָגען איבערגעפרעגט טאָפּף.

וואַסערמאַן האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם מיט דער פּלייצע.

— עס קאָכט... עס קאָכט — האָט זיך קינדיש געפרעהט און צו־פריעדען געריבען די הענט טאָפּף. — איצט גיב געלט... איך וועל קוי־פען ברויט... צוקער.

— געלט! וואו זאָל איך נעהמען געלט...? האָט וואַסערמאַן אָנ־געהויבען נערוועז און אויפגערעגט צו שרייען און איז אַריין אין אַזאַ כעס, אַז אויף זיינע ליפּען האָט זיך אַזש בעוויזען אַ שוים...

טאָפּף'ס צוויי גרויסע, ברענענדיגע אויגען האָבען זיך פּלוצלונג אויסגעלאָשען און אויף זיין געלב געזיכט האָט זיך אויסגעדריקט צו־ערשט אַ שרעק און דערנאָך אַ פיינליך געפיהל פון אַ קעסט־קינד, פון אַן אומזיסטען פרעסער, וועלכען מ'וואַרפט פאַר דעם ביסען ברויט...

— האָסט ניט, דאַרף מען ניט, דאַרף מען ניט, — האָט ער גע־מורמעלט פאַרלעגען און האָט אָנגעהויבען צו שפּאַנען הין און צוריק איבער דעם צימער מיט האַסטיגע און ברייטע טריט...

וואַסערמאַן'ען האָט שוין וועה געטאָן דאָס האַרץ אויף זיין חבר...

טאַפּ איז פּילייכט געווען דער איינציגער מענש אויף דער וועלט, פאַר וועלכען ער האָט געהאַט טיפע סימפּאַטיע, וועלכער איז איהם געווען נויטיג און טייער, און צו וועמען ער איז געווען צוגעבונדען מיט אַן אמת'ער, טיעפער, ברודערליכער פריינדשאַפט און ליעבע. ער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט טיעף פערוואונדעט זיין הארץ און עס האָט איהם שטארק פערדראָסען... דער פערדרוס אָבער האָט איהם נאָך מעהר צורייצט, ער איז געוואָרען נאָך מעהר נערוועז און האָט געמורמעלט:

געלט... געלט... וואו נעהמט מען אַזוי פיעל געלט? דער בעל־הבית'טע געלט... אין קלייטעל קומט שוין 30 פראַנק, דער טייוועל זאָל עס נעהמען!

טאַפּ האָט עס אויפגענומען אַלס פאָרוואורף... און יעדעס וואָרט האָט איהם געטראָפען ווי אַ קויל אין הארצען...

זייער פריינדשאַפט און צוזאַמענלעבען האָט שוין געדויערט 6 יאָהר און פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער פון זיין חבר, וועלכען ער האָט געליעבט מיט דער גאַנצער און אונערשעפּליכער ליעבע פון זיין קינדערשער און זאַנפטער נשמה, און וועלכען ער איז נאָכגעגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט ווי אַ טרייער הונט, — נאָך אַזוינע ווערטער ניט געהערט...

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען בלייך ווי דער טויט מיט אַ טיעף אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. דערנאָך איז ער שטילערהייד צוגעגאַנגען צו דער פּאָליצע און אָנגעהויבען צונויפנעמען זיינע זאַכען... אַ פּאָר ביכער, עטליכע שמוציגע פּאַפּיער־קראַגענס...

וואָסערמאַן האָט איהם נאָכגעפאָלגט מיט ברייט געעפענטע אויגען...

— וואוהין איז? — האָט ער איהם געפרעגט מיט אַ נערעמפּטער שטימע.

— איך וועל געהן... — און זיין שטימע האָט זיך אָבגעהאַקט ווי ביי אַ מענשען וואָס האָט פארלוירען דעם אָטעם.

— וואוהין וועסטו געהן?

— איך וועל געהן...

— אבער וואוהין?...

— געגוג שוין געווען א קעסט־קינד...

די אויגען פון די חברים האבען זיך בעגעגענט...

— וואוהין ווערטו געהן? דו ווערסט דאך פגר'ען פון הונגער, דו אונגליקליכער טאפף.

— וועל איך פגר'ען... זאל ניט זיין דיין עסק...

— זאל ניט זיין מיין עסק... חכם בלילה! — האט זיך איבערגע־קרימט וואסערמאן...

טאפף האט זיך געלאזט געהן צו דער טהיר...

וואסערמאן האט איהם פארשטעלט דעם וועג און איהם אבגע־שליידערט טיעף אין צימער אריין...

— זיי ניט קיין אידיאט... פאר 6 יאהר דארפסטו מיך שוין קע־נען... אויך א מענש... בעליידיגט זיך! דו ווייסט דאך, אז ווען איך געה שנארען, שנארע איך פאר ביידען, פאר דיר ווי פאר מיר — און ער האט אויסגעריסען ביי איהם פון די הענד זיין באגאזש, די ביכער מיט די עטליכע קויטיגע פאפיערענע קראגענס און זיי א שליידער געטאן אז א זייט...

א לאנגעס, שווערעס שווייגען...

דא איז צו הילף געקומען דאס קאכעדיגע רייז, וועלכעס האט אנגעהויבען צו לויפען איבער די פאן... טאפף'ס פנים האט זיך געענ־דערט, זיינע שווארצע, טרויעריגע גרויסע אויגען האבען ווידער אויפגעפלאקערט...

— טא, טא, טא... עס לויפט... עס לויפט — און ער איז צוגעלאפען צו דער פאן מיט צוויי אויסגעשטרעקטע הענד, אזוי ווי ער וואלט געוואלט אט מיט ביידע הענד פערכאפען די אויסלויפענדע קאשע.

די ענדערונג איז געקומען אזוי ראש, אונערווארטעט און קאמיש, אז וואסערמאן'ען האט אנגעכאפט א שטורמישער היסטעריש'ער גע־לעכטער, פון וועלכען ער האט זיך לאנג געקאטשעט אויפ'ן בעט...

— דו ווייסט ווי אזוי איך וואלט עס אויסגעדריקט אין מוזיק?

— וואס? — האט איהם געפרעגט וואסערמאן, אויסווישענדיג די פארוויינטע אויגען פון געלעכטער.

— אט דאס קאכען און ברויזען... טא, טא, טא... פא, פא, פא...

און טאפף איז שוין ווייטער געשטאנען און האט מיט דעם לעפעל אין דער האנד דיריזשירט און אויסגעדריקט אין מוזיק דאס קאכען און ברויזען...

די טהיר האט זיך געעפענט און אין צימער איז אריין ווי א באמבע משה גלעקעל.

זיין הוט, ווי געוועהנליך, איז ביי איהם געווען אויף דער פאטילניצע און זיין ברייטער, הויכער שטערען איז געווען בעדעקט מיט גרויסע טראפען שוויים...

— האב איך זיך אנגעמוטשעט, צום טייוועל!... פארשטעהסט? אזא גרויסען טשעמאדאן האב איך געבראכט דער מינסקער פון וואקזאל... זי וואוינט אט דא נעבען אייך... דאס איז א ציוניסטקע זאג איך אייך, אש להבה! פלאם פייער!... הײנט זאלסטו הערען ווי זי רעדט לשון קודש — אויסגעצייכענט!... אה, דער קעסעל איז שוין פארטיג!... ווייז, ווייז נאר א לעפעל—און משה גלעקעל האט געכאפט פון טאפף'ס האנד דעם לעפעל און האט אנגענומען א פולען לעפעל דאמפענדען הייסען רייז, צוטראגענדיג עם צום מויל האט ער זיך גלייך אבגעבריהט דעם צונג. ער האט א שליידער געטאן מיט כעם טאפף'ן אין קאפ אריין דעם לעפעל מיט די רייז און אנגעהויבען זיך שעלטען מיט דריי גארענדיגע רוסישע ברכות...

— אה, פערברענט זאלסטו ווערען מיט דיין רייז אינאיינעם, דו טאפף איינער!...

וואסערמאן האט ווידער געלאכט...

— ער לאכט נאך... האט זיך געבייזערט גלעקעל און זיך געקרימט פון וועהטאג אין מויל.

— מען בלאזט... מען בלאזט פריהער — האט איהם געלערענט טאפף.

— ווער קאכט עס אזוי רייז? א מגפה אויף אייך... נו, הער שוין אויף צו לאכען... הער דו, אן אידעע... איך וועל דיר געבען צו פארדינען עטליכע פראנק... דאס הייסט אבגעקאכט... א טויט אויף אייך!

— האט זיך אלץ ניט געקענט בערוהיגען גלעקעל — איך דענק צו

פערבינדען דעם ציוניזם מיט דעם סאָציאַליזם... דו פערשטעהסט?... מאַכען אַזאַ מין פּלאַטפאָרמע, וואָס אַלעם אינאיינעם — און גלעקעל האָט אַ מיש געטאָן מיט דער האַנד אין דער לופט, אַזוי ווי ער וואָלט אויסגעמישט דעם ציוניזם מיט דעם סאָציאַליזם — ווען איך האָב אַזאַ פּלאַטפאָרמע וואָלט איך זיי, די באַנדיטען, געוויזען וואו ראַקעס ווינטערען, דו פערשטעהסט? ווען מען קען עס אַזוי מאַכען... איך מיין אַ טעאָריע אַזאַ, קומען זיי אַלע צו אונז... וואָס זאָגסטו וואַסער־מאַן? אַ? מען קען? — האָט זיך גלעקעל געווענדעט מיט אַ גע־שפּאַנט וואַרטענדען בליק צו וואַסערמאַן'ען.

וואַסערמאַן האָט אַ טראַכט געטאָן נאָר אַ מינוט און זיין ציני־שער שמייכעל האָט שוין געקרימט זיינע ליפּען. ער האָט באַלד גע־ענטפערט:

— מען קען!

— אָבער עס זאָל זיין גוט געמאַכט... אַ ריכטיגע טעאָריע...

— מען קען עס מאַכען גוט... אַ ריכטיגע טעאָריע — האָט געזאָגט וואַסערמאַן מיט אַ טאָן פון אַ שוסטער, וואָס נעהמט זיך צו מאַכען אַ גוטע פּאָר שיך.

— ווי אַזוי־זשע? — האָט געפרעגט גלעקעל מיט אַ גמרא־ניגון, נעהמענדיג זיך צווייפלענדיג ביים קין...

— ווי אַזוי? ווי אַזוי? — האָט אַ טראַכט געטאָן וואַסערמאַן — דאָס איז שוין מיין עסק... אָבער מען קען...

— מען קען... מען קען — האָט פּאַטאַקעוועט טאַפּף, בלאָזענדיג אי־בער אַ גאַנצען לעפעל הייסען רייז...

טאַפּף'ן האָט גלעקעל מעהר געגלויבט ווי וואַסערמאַנ'ען...

— מאַכען איז קיין מלאכה ניט... עס דאַרף זיין גוט געמאַכט... ווייז נאָר... ווייז נאָר... עס איז שוין קאַלט? — און ער האָט ווידער אויסגעצויגען די האַנד נאָך אַ לעפעל רייז...

— בלאָז... בלאָז — האָט איהם טאַפּף דערלאַנגט די לעפעל—מען קען עס פערבינדען... פערבינדען — האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען טאַפּף...

— מען זאל עס קענען מאכען פילאזאפיש... פילאזאפיש... אזוי... נו, דורך קאנט'ען... אבער גאר דורך העגעל'ן — האט געזאגט גלעקעל, אננעהמענדיג א צווייטע לעפעל מיט קאשע — דאס וואלט געווען א באמבע, צום טייוועל!

— מען קען עס מאכען דורך העגעל'ן און דורך קאנט'ן — האט איהם פערשפראכען וואסערמאן און אין זיינע אויגען האט געלויכטען א צינישער געלעכטער פון א פרינציפענלאזען מענשען, וואס נעהמט זיך אונטער אלעס צו מאכען פאר עטליכע פראנק.

— מען קען... מען קען — האט פאטאקעוועט טאפף — דו וועסט זיך ווידער אפבריהען... בלאז! בלאז! בלאז! — האט ער אלץ געלערנט גלעקעל.

— מה יקר? וואס וועט עס קאסטען, ממזר? — האט גלעקעל געפרעגט וואסערמאנען מיט א גמרא־ניגון, ווי א סוחר וואס געהט מאכען א מסחר.

— 10 פראנק און איך גיב דיר א רעפעראט מיט הכל אשר בכל, א פלאטפארמע, דיאלעקטיש בעגרינדעט. קורץ דו וועסט זיין צופריעדען...

— און די דעבאטען? וואס וועט זיין אז דאקטאר לאוואטש, א גיבע מגפה אויף איהם, רבונו של עולם, וועט קומען און וועט זיך אויפהויבען אין דער לופטען?

— די דעבאטען נעהם איך אויף זיך — האט איהם בערוהיגט וואסערמאן מיט א קלאפ אין הארצען — דו ווייסט דאך, אז איך האב פאר לאוואטש'ן קיין מורא ניט...

— ווייסען וויים איך עס; דו קענסט דאך אבער, ממזר, אוועקגעהן און מיך לאזען אין מיטען די דעבאטען אין די גאטקעס... ווי דו האסט עס פאר א יאהרען געמאכט מיט דעם נאציאנאליזם. דו געדענקסט, ממזר? דו ווייסט דאך, אז איך בין מיט העגעל'ן און קאנט'ן גאר א קנאפער מחותן און וועל מיר מיט זיי די ציין צובּרעכען...

משה האט גערעדט פראקטיש ווי א סוחרישער מענש. וואסער־

מאַן האָט פערשטאַנען, אַז ער האָט רעכט און אַז מען דאַרף איהם נאָכגעבען.

— ווייסטו וואָס? גיב מיר 5 פראַנק יעצט און 5 פראַנק נאָך די דעבאַטען...

— געמאַכט! — האָט איהם דערויף געענטפערט גלעקעל און דער־לאַנגט די לינקע האַנד, ווי אַ סוחר וואָס שליסט אָפּ אַ געשעפט. מיט דער רעכטער האַנד האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ לעפעל רייז אין מויל אַריין — נאַ דיר 5 פראַנק. נאַר געדענק!... ועסקת באמונה... ווי אין דער „תורה שטעהט...

— ועסקת באמונה — האָט איהם פערזיכערט וואַסערמאַן, אַריינ־לייגענדיג אין קעשענע אַ גרויס זילבערנעם פינף־פראַנק־שטיק.

אַפּשליסענדיג דאָס געשעפט, האָט משה געכאַפּט נאָך אַ לעפעל רייז און איז האַסטיג אַוועק ווייטער איבער דער קאָלאָניע, וואַרנענ־דיג נאָך אַמאָל וואַסערמאַנען דורך דעם פענסטער:

— הער דו... געדענק־זשע... ועסקת באמונה... זאָלסט קיין פּאַרלעץ ניט זיין!

וואַסערמאַן האָט צוגעוואָרפען טאָפּף'ן די 5 פראַנק.

— נאַ... געה אין קלייטעל אַריין.

— — — — — — — — — — — — —

2.

די קאָלאָניע האָט זיך געקאָכט ווי אַ קעסעל.

דער לאַנגער שטרייט צווישען ציוניזם און סאָציאַליזם, וואָס האָט ביז יעצט אָנגעפילט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען און די גאַנצע גייסטיגע אַטמאָספערע פון דער קאָלאָניע, צוטיילענדיג די שטודי־רענדע יוגענד אין צוויי פיינדליכע לאַגערען, האָט אין די בין־הזמנים דערגרייכט דעם ברענענדען פּונקט...

די צייט איז געווען פריי פון לעקציעס און דער עולם האָט זיך פערנומען מיט רעפעראַטען און הייסע, לאַנגע, אונענדליכע דעבאַטען. איצט אָבער האָט משה גלעקעל מאָביליזירט די שווערע אַרטילעריע, די בעסטע קרעפטען פון ציוניזם, און האָט זיך געגרייט צו געבען דעם סאָציאַליזם אַן ענטשיידענע שלאַכט... אין צענטער איז געשטאַנען וואַ־

סערמאנ׳ס רעפעראט און אין די דעבאטען האבען זיך געזאלט בע־טייליגען א חוץ אלע בעסטע ציוניסטישע רעדנער פון דעם פעראיין, אויך איינגעלאדענע ציוניסטען פון די נאהענטע קאלאניעס און צוויי־שען זיי דער בעוואוסטער דאקטאר מירקין.

וואסערמאנ׳ס רעפוטאציע אין דער קאלאניע האט ניט ערלויבט איהם ארוסצושטעלען אלס רעפערענט... איבריגענס האט ער אויף דעם כבוד מוחל געווען... פאר צען אדער פופצען פראנק פלעגען די צוויי חברים זיך אונטערנעהמען שרייבען און בעגרינדען ניט נאר א נייע ציוניסטישע טהעאריע, נאר א גאנצע דאקטאר דיסערטאציע פאר א סטודענט, וואס האט געוואלט ווערען א דאקטאר פון פילאסאפיע און האט ניט געקענט שרייבען קיין אייגענע דאקטאר ארבייט.

די טהעמא לויט די אומשטענדען און קאנדידאט׳ס פאך פלעגט אויסטראכטען וואסערמאן און בעארבייטען פלעגט זי שוין דער מעהר געדולדיגער טאפף...

דיסערטאציעס איז ביי די צוויי חברה־לייט געווען א סארט מלאכה און א שטיק פרנסה.

דעם ציוניסטיש־סאציאליסטישען רעפעראט האט פארגעלייענט דער פארזיצענדער, גלעקעל, פון אן אנאנימען אויטאר...

די סאציאליסטען אבער האבען זיך אויך צוגעגרייט צו דער שלאכט און האבען אויך מאביליזירט זייערע בעסטע קרעפטען, די קריסטליכע ווי די אידישע.

און אז וואסערמאן, בעגלייטעט פון טאפף׳ן — די צוויי וועלף פון דער קאלאניע — זיינען געקומען אין בערנקעלער, דעם גרעסטען זאל אין שטאדט, האבען זיי שוין דארט געטראפען אלע שטערען פוןביידע בעוועגונגען...

זייער ערשיינען האט צוגעצויגען צו זיך אלע אויגען; די קאלאניע האט זיי ביידען ניט געגלויבט און געקוקט אויף זיי מיט גרויסען פער־דאכט, אויף טאפף׳ן צוליעב זיין חבר וואסערמאן, וועלכען די קאלאניע האט איינפאך געהאסט און געהאלטען פאר א דונקעלער, רעטזעל־האפטער פערזענליכקייט.

וואסערמאַן האָט די האַלטונג צו איהם פון דער גאַנצער קאָלאָניע באַלד דערפיהלט און אויף צו להכעיס האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין אַ נאַפּאָלעאָנישער פּאָזע און האָט אָנגעהויבען פיקסירען אַלעמען און הויפּטזעכליך די יונגע, שעהנע מיידלעך, מיט זיין קורצזיכטיגען פּרעכען און אַרויספאָדערענדען בליק...

משה גלעקעל איז אַרומגעלאָפען צווישען גרויסען עולם אין דעם אַנגערויכערטען און אָנגעפּאַקטען זאַל, וועלכער האָט גערוישט ווי אַ בינשטאָק, און האָט ווי אַ גענעראַל פאַר דער שלאַכט, אויפגעמונטערט זיינע מיטקעמפער.

פון יעדען סאָציאַליסטישען שטערען, וואָס איז אַריינגעקומען אין זאַל, איז איהם אַלץ פינסטערער געוואָרען אין די אויגען און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פון שרעק, ווי אַ האַמער.

דעם טעם פון זייערע ציין האָט ער שוין ניט איין מאָל פערזוכט. ניט איינמאָל איז דער ראָמאַנטישער גלעקעל שוין געלעגען אין שטויב, אַן אויסגעלאַכטער און אויסגעשפּאָטענער מיט ביטערע טרערען אין די אויגען... אין אַ דעבאַטע האָט קיינער אויף איהם קיין רחמנות געהאַט, כאָטש אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט.

אַז ער האָט פון וויטענס דערזעהען וואַסערמאַנען איז ער צו־געלאָפען צו איהם און אַ וואַרף געטאָן די ווערטער:

— דו זעהסט וועמען מיר האָבען? גרייט זיך! — און איז אַוועק עפענען די פערזאַמלונג.

— מיינע העררן און דאַמען! — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ ציטערנדער אונזיכערער שטימע — די פערזאַמלונג איז געעפענט. דאָס וואָרט האָט אַן אַנאָנימער אויטאָר. איך וועל פאָרלעזען פאַר אייך זיין רעפעראַט אונטער דעם טיטעל: „דער ציוניזם אַלס וועג צום צו־קונפטס־שטאַט“...

— אַה, אַה! — האָט זיך אַרויסגעריסען פון אַ פּאָר הונדערט סאָ־ציאַליסטישע ברוסטען און אַ בייזער, שפּאָטישער און ווילדער גע־לעכטער האָט בעגריסט דעם טיטעל פון רעפעראַט.

משה איז געוואָרען בלייך. דער געלעכטער האָט פערשפּראָכען אַ הייסע בלוטיגע שלאַכט...

אז משה האט נאך פיעל אונטערברעכונגען און שטערונגען גע־ענדיגט דעם רעפעראט און די ציוניסטישע אפלאדיסמענטען זענען שטיל געווארען, האט זיך דער ערשטער ווי תמיד געמעלדעט צום ווארט דאקטאר לאווקאטש, א סאציאליסט־רעוואלוציאנער.

— דאס ווארט האט דאקטאר לאווקאטש — האט מיטגעטיילט גלעקעל מיט אזא שטימע, אזוי ווי ער זאל האבען א ביין אין האלז.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין ארט, פערוואָרפענדיג זיין גרויסען קאפ מיט די לאנגע, געקרייזעלטע האר, ווי א מענש וואס לאזט זיך רייסען א צאהן...

— גאספאדא! — האט אנגעהויבען דאקטאר לאווקאטש מיט א קאקעטירענדען שמייכעל, פערווארפענדיג מיט א גראציעזער האנד־בעוועגונג די לאנגע בלאנדע האר פון דעם ברייטען אפענעם שטערען און האט זיך אזוי ווי פערטראכט אויף א פאר מינוט.

אין זאל איז געווארען שטיל. עס האט זיך נאר געהערט דער גע־רויש פון ברענענדען גאז.

— קאקאי קראסאוועץ! קאק אן כאראש! (וואס פאר א שעהנ־נער! ווי שעהן ער איז!) — האט דא און דארט מיט בעוואונדערונג געמורמעלט א סטודענטקע.

דאקטאר לאווקאטש האט געוואוסט, אז ווען ער שטעהט אט אזוי, כלומר'שט פערטראכט, א פערקלערטער, איז ער שעהן. אז ער איז דאן מיט זיין בלאנדען בערדיל עהנליך צו יעזוס קריסטוס און ער פלעגט זיך תמיד אזוי קאקעטיש פערטראכטען אויף עטליכע מינוט, מאכענ־דיג זיין אויפטריט דערמיט נאך שפאנענדיגער און אינטערעסאנטער.

— אז אנאנימער אויטאר נעהמט זיך אונטער אונז ברייגען אין צוקונפטס־שטאט... צום סאציאליזם מיט א וועג, וואס פיהרט דורך ציון...

— כא, כא, כא — האט דא און דארט א לאך געטאן א סאציא־ליסט אדער א סאציאליסטקע.

— מיר אלע, גענאסען, בענקען אזוי נאך דעם שטאט, אז מיר וואל־טען שוין געגאנגען מיט אן אומוועג, אפילו דורך ציון, ווען מיר זא־לען זיין זיכער, אז דער אומוועג וועט אונז ווירקליך ברייגען אין דעם

פערשפּראָכענעם לאַנד... דער אונגליק איז אָבער, אַז דער וועג איז זעהר אונזיכער... מען קען זאָגען אַ געפעהרליכער... צוערשט איז דער אויטאָר אַן אַנאָנימע פּערזענליכקייט און ווער ווייסט ווער עס שטעקט אונטער דעם אַנאָנים... קיין אַנשטענדיגער מענש איז דאָס געוויס ניט...

— אַזוי ווי דאָס האַרץ זאָגט איהם — האָט וואַסערמאַן הויך בעמערקט.

דער עולם האָט זיך אומגעקוקט אין דער זייט, פון וואַנען עס איז געקומען די בעמערקונג, און אין זאַל האָט אויסגעבראָכען אַ געלעכטער.

— ווער ווייסט צי דער גוטער מאַן, וואָס וויל אונז פיהרען אין צוקונפס־שטאַט, איז ניט קיין רוסישער שפּיאָן.

— פפוי! געמיינהייט! מיר פּראָטעסטירען! — האָבען זיך אויפגעהויבען מיט פּראָטעסטען און אויסרופען די ציוניסטישע קאָ־לעגען.

דר. לאַוואָטש האָט קאַקעטיש אַ שמייכעל געטאָן צו זיינע גע־נאַסינען און האָט זיך ווייטער פערקלערט, ווי יעזוס קריסטוס, וואַר־טענדיג ביז די פּראָטעסטען וועלען שטיל ווערען.

— אויב דאָס איז ניט, גאַספּאַדאַ, קיין רוסישער שפּיאָן, איז דאָס סתם אַ דונקעלע פּערזענליכקייט, וואָס דענקט אונז פּערפיהרען ערגעץ וואו אין אַ פינסטערען ווינקעל, אין אַ הייל פון רויבער און אונז בע־רויבען פון דעם ליכט, פון אַלע גיטער, וואָס די אייראָפּעאישע ציווי־ליזאַציאָן האָט אונז געגעבען — האָט אַלעגאַריש געשפּאָטעט דאָקטאָר לאַוואָטש — אַן אַנאָנימער אויטאָר, מיין גאָט! וואָרום זאָל ער זיך פּאַרשטעקען און אונז ניט מיט זיינע איבערצייגונגען אָפען באַ־קענען? ניין, ווי איהר ווילט... איך אָבער האָב מורא פאַר דעם אוי־טאָר און קען מיר ניט פאָרשטעלען אַז ער זאָל האָבען עהרליכע איי־בערצייגונגען, אַז די קוועלע, פון וואַנען עס קומט אָט די מיט ווייסע פּאַדים צונויפגענייטע נייע לעהרע, זאָל זיין אַן עהרליכע, אַ זויבערע און ניט קיין שמוציגע — האָט איראָניזירט און געשפּאָטעט לאַוואָטש.

— ער איז גאָר ניט אַזאַ נאַר, ווי איך האָב געמיינט. דאָקטאָר לאַוואָטש! איהר פּערשפּרעכט היינט צו זיין קליגער ווי איהר זייט

עס תמיד... רעדט ווייטער! — האָט איהם אונטערבראָכען וואסער־מאַן און האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט. אין זאַל האָט אויסגעבראָכען אַ געלעכטער. דאָס האָבען, נאַטירליך, געלאַכט די ציוניסטען.

— אַה... אַזוי! — האָט איהם צוגעוואָרפען דאָקטאָר לאַווקאַטש, וועלכער האָט ערשט בעמערקט וואסערמאַן'ען און האָט פערשטאַנען, אַז דער רעפעראַט איז וואסערמאַן'ס מלאכה...

איצט האָט ער דערזעהען פאַר זיך אַ ווירדיגען שונא... זיי ביידע זיינען געוועזען גלייך גוטע פעכטער און האָבען שוין ניט איין רעדנער־טורניר געפיהרט און אויסגעפעכט.

דר. לאַווקאַטש האָט אוועקגעוואָרפען דעם ליעבליכען, קאָקעטישען שמייכעל און האָט געוויזען זיינע ציין... עס האָט ניט געדויערט לאַנג... נאָך אַ האַלבע שטונדע און דער אַנאָנימער אויטאָר פון „ציוניזם אַלס דער וועג אין צוקונפטס־שטאַט" איז געלעגען אויף דר'ערד פאַר דעם פובליקום אין שטויב, אַ צובלוטיגטער און אַ צוקאַליעטשעטער אָהן אַ גאַנצען אבר, אַ אויסגעפאַטשטער און אַ אויסגעלאַכטער מיט דעם ציוניזם צוזאַמען.

דר. לאַווקאַטש האָט פערלאָזען די טריבונע אונטער שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען מיט דעמזעלבען קאָקעטישען שמייכעל ווי ער האָט אָנגעפאַנגען...

— ווער מעלדעט זיך צום וואָרט? — האָט געפרעגט משה גלעקעל מיט אַ ציטערענדער, פון אויפרעגונג שטימע, אַז דער טומעל אין זאַל האָט זיך אביסעל איינגעשטילט...

מערקווירדיג! צום וואָרט האָט זיך קיינער ניט געמעלדעט, ניט פון די סאָציאַליסטען און ניט פון די ציוניסטען...

גלעקעל האָט געקוקט אויף דעם פובליקום אַ טויט־בלייכער מיט אַ קאַלטען שוויים אויף דעם שטערען...

די שלאַכט איז פאַר דעם ציוניזמוס, דאָס הייסט ניכער פאַר איהם אַליין געוועזען אַ פערלאָרענע...

גלעקעל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דאָקטאָר מירקין:

— ראַטעווע, ברודער!

מירקין האט געבעטען צייט צונויפצונעהמען די געדאנקען... האט פערשפראכען צו נעמען דאס שלום־ווארט, אבער, ווי עס האט אויס־געזעהן, האט ער איינגאנצען מורא געהאט און אזוי ווי אויסגעמידען ארויסצוגעהן אויף דעם שלאכט־פעלד, און זיך פארטשעפען מיט די ניפטיגע צינגער פון סאציאליזם... דאן האט זיך גלעקעל א ווארף גע־טאן צו וואסערמאנ׳ען:

— נעם דאס ווארט... מיר זיינען צושמעטערט.

— 5 פראנק... — האט קורץ און שארף אבגעהאקט וואסערמאן און אזוי, אז מען זאל איהם הערען...

גלעקעל האט ארויסגענומען דאס בייטעלע פון דער אונטער־שטער הויזען־קעשענע, האט מיט א ציטערענדער האנט ארויסגענומען 5 פראנק און האט זיי בייז אריינגעשטופט וואסערמאנ׳ען, מיט די ווערטער:

— נא! ווארג זיך, פארלעץ!

— דאס ווארט נעמט וואסערמאן — האט אויסגערופען דער פארזיצענדער...

דאס פובליקום האט עס אויפגענומען טומלענדיג און מיט א פיינדליכער קוריאזיטעט.

די פערזאמעלטע זיינען אבער באלד געבליבען זיצען רוהיג און שטיל.

וואסערמאן איז ארויף אויף דער פלאטפארמע מיט א ציגישען, ארויסרופענדען שמייכעל אויף זיינע געקרימטע ליפען און האט אנ־געשטעלט אויפ׳ן עולם א פרעכען, שפאטענדען בליק...

נאספאדא! — האט ער אנגעהויבען, נאכמאכענדיג דאקטאר לאור־קאטש׳ס באוועגונגען און חז׳דלעך — יעזוס קריסטוס האט געזאגט — דא האט ער זיך אומיסטנע קאקעטיש פארקלערט, ווי לאוקאטש פלעגט זיך פארקלערען, ער זאל אין די מיידלאד׳ס אויגען אויסקוקען פאעטיש פארקלערט און שעהן, ווי יעזוס קריסטוס. ער איז אויף א ווילע אנטשווינגען געווארען, געבענדיג דעם פובליקום צייט צו לאכען...

דאקטאר לאווקאטש האט אנגעהויבען נערוועז צופען זיין בלאנד, שפיציג בערדעל און זיינע אנהענגער האבען אנגעהויבען אויפגערעגט צו מורמלען...

— נייז, מיר וועלען ניט אנהויבען פון יעזוס קריסטוס — האט פארטגעזעצט וואסערמאן, כאטש אונזער הויכגעשעצטער דאקטאר לאווקאטש האט איהם אזוי שטארק ליעב, אז ער פערקלעהרט זיך פונקט ווי ער און ער זוכט איהם תמיד צו קאפירען... א שעהנער מאדעל האט דער יעזוס! דאקטאר, איהר האט רעכט ווען איהר ווילט איהם קאפירען!

— ניעגאדיאי! האט איהם א שליידער געטאן אין פנים לאווקאטש'ס אן אינטימע פריינדין...

— אהא, מאריא מאגדאלענא פערטיידיגט יעזוס קריסטוס, אויך א שעהנער מאדעל! א וואונדערבארע פרויענגעשטאלט! — און וואסערמאן האט איהר געשיקט אין דער לופט א קוש און א צינישען שמייכעל...

אין זאל איז געווארען א טומעל... עס האט שוין געשמעקט מיט א סקאנדאל. וואסערמאן האט עס ליעב געהאט און זיין בליק איז געווארען פרעכער און ארויספאדערענדער...

— שטיל!... רוהיג!... — האט געקלונגען מיט אלע כחות דער פארזיצענדער.

— נייז, גאספאדא, מיר וועלען ניט אנהויבען פון יעזוס קריסטוס — האט פארטגעזעצט וואסערמאן און האט זיך אויף צו להכעיס ווידער פארקלערט ווי יעזוס קריסטוס, אויסשפאטענדיג זיין געגנער...

די ציוניסטען האבען ווידער געלאכט און די סאציאליסטקעס האבען פיינדליך געטומעלט — מיר וועלען בעסער אנהויבען פון עטוואס אנדערש... אז און פאר זיך איז דער געדאנק צו פערבינדען דעם ציוניזם מיט דעם סאציאליזם, זאלען מיר זאגען א משה גלעקעל מיט א דאקטאר לאווקאטש, א אונפרוכטבארער... עס איז פונקט ווי מיר זאלען וועלען צונויפפארען א פערד מיט אן... עזעל.

משה גלעקעל איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט און האט אנגעהויבען צו הוסטען און צו געבען וואסערמאן'ען סיגנאלען...

— איך ווייס אבער ניט, מיינע העררן, ווער פון זיי איז דער פערד און ווער פון זיי איז דער עזעל...

— איבעריגענס, קען דאריבער ניט זיין קיין צווייפעל — האט גע־זאגט וואסערמאן מיט דעם ערנסטען טאן פון א פראפעסאר, וועלכער האלט א לעקציע. — צוויי יונגע ענגלענדער זיינען אמאל געקומען קיין דייטשלאנד... מיט דעם צוועק צו ערוועררבען דעם דאקטאר טיטול... אמאל איז דאס געווען זעהר לייכט... אפילו היינט איז דאס אויך ניט אזוי שווער... מיר האבען גאט צו דאנקען אזוינע דאקטוירים דער פילאסאפיע, וואס איך ווייס ניט צו האבען זיי אמאל אריטמעטיק גע־לערענט... אמאל אבער איז דאס געווען נאך לייכטער... די ענגלענ־דער האבען איינפאך בעצאהלט א פאר פונט און האבען געקראגען דאקטאר דיפלאמען פון פילאסאפיע... האבענדיג די דיפלאמען, האבען זיי צוגעשיקט צום רעקטאר זייער זשאקעי, אז ער זאל קויפען דיזעל־בע דיפלאמען פאר זייערע רייט־פערד. דער רעקטאר האט זיי אבער נעענטפערט, אז דער טיטול דאקטאר קען געשענקט ווערען נאר צו עזעל און ניט פאר פערד...

— אוים דעם גרונד, גאספאדא, דארפען מיר אננעהמען, אז דער עזעל איז דאקטאר לאווקאטש און דער פערד וועט זיין משה גלעקעל.

א ווילדער געלעכטער האט אויסגעבראכען אין זאל.

דאקטאר לאווקאטש איז אויפגעשפרונגען א בלייכער, א ציטע־רענדער פון כעס און וועהטאג.

דא האט משה גלעקעל דערלאנגט דעם רעדנער א שטארקען קניפ פון הינטען... וואסערמאן איז אונטערגעשפרונגען פון דעם קניפ.

— גאספאדא! האט ער אויסגעשריען, אונזער געעהרטער פאר־זיצענדער איז אזוי שטארק געשמייכעלט פון דעם קאמפלימענט, אז ער קנייפט מיך אויס דאנקבארקייט...

אין זאל האט זיך אויפגעהויבען א שטורם... אזוי שטארק האט מען געלאכט...

— יא, מיינע העררען! צו פעראייניגען דעם ציוניזם מיט דעם סאציאליזם איז פונקט דאס זעלבע וואס צונויפצופארען א פערד מיט אן עזעל... ווייסט איהר ווארום? פון א פערד מיט אן עזעל ווערט

געבוירען א מויל־עזעל... און אזוי ווי א מויל־עזעל איז שוין פרוכט־לאָז, און קען שוין ווייטער גאר נישט ארויסברייננגען פון זיך, אזוי מוז דער רעזולטאט פון א ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרמע, וואס דער רעפעראַט שטעלט אויף, זיין נאָר א פרוכטלאָזע בריאה, א מויל־עזעל.

דאָ האט שוין אפילו דאָקטאָר לאָווקאַטש געלאַכט...

משה גלעקעל האט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ.

— ווער־זשע איז, מיינע הערען, דאָס מויל־עזעל, אז משה גלע־קעל איז דאָס פערד און דאָקטאָר לאָווקאַטש איז דאָס עזעל? זעלבסט־פערשטענדליך, איז דאָס מויל־עזעל, מיינע הערען, דער אַנאָנימער אויטאָר פון רעפעראַט, וועלכער טראָגט אָט דעם דומען מויל־עזעל'שען טיטול „דער ציוניזם אַלס וועג איז צוקונפטס־שטאָט".

— יאָ, מיינע הערען, א ריכטיגער מויל־עזעל! — האָט פּאַטעטיש אויסגערופען דער פּאַיאַץ וואַסערמאַן — עס וואונדערט מיך נאָר, וואו האָט איהם אונזער געעהרטער פּאָרזיצענדער געפּאַקט... יאָ אזא מויל־עזעל.

— גוואַלד! א מגפה אויף איהם — האָט זיך געקרימט ווי פון בויך קרעמפּפען משה גלעקעל.

— זעהט, צום ביישפּיעל, דעם גאַנצען בוי פון דער פּלאַטפאָר־מע, די גאַנצע טעאָריע... אזוינע געדאַנקען קענען נאָר ביי א מויל־עזעל אין קאָפּ געבוירען ווערען — און וואַסערמאַן האָט גענומען צוברעכען, אויסצולאַכען אויסצושפּאָטען דעם ציוניסטישען סאָציאַ־ליזם, זיין איינענעם ווערק און זיך אַליין, דעם דאָקטאָר לאָווקאַטש, דעם ציוניזם און סאָציאַליזם, קורץ אַלעם און אַלע מיט וויצען, אַנעק־דאָטען און טויטשלאַגענדע סאַטירע, וועלכע האָט זיך פון איהם גע־גאָסען ווי א גיפטיגער שטראָם, ווי א פערניכטענדע לאַווע...

דער עולם האָט היסטעריש געלאַכט און דער טומעל איז געוואָ־רען אזוי גרויס, אז וואַסערמאַן'ס שטימע האָט זיך אָנגעהויבען אין איהם צו פערלירען און ער האָט צייטענווייז געמוזט אָנטשווייגען ווערען ביז דער עולם וועט זיך באַרוהיגען.

דאָ האָט אבער פּאַסירט פאָלגענדעס:

וואסערמאַן דער פּאַיאַץ, דער ציניקער, דער אַפּשפּעטער האָט בעמערקט פלאַרא'ן.

זי איז געשטאַנען אַ זייט, גאַנץ נאָהענט צו איהם, אַנגעשפּאַרט אַן אַ טישעל, ביי וועלכען עס איז געזעסען איהר בלינדער ברודער, איהרע אַרעמס געקרייצט איבער איהר ברוסט...

איהרע אויגען זיינען געווען טרויעריג געריכטעט אויף וואסערמאַן און איבער איהרע באַקען האָבען זיך געצויגען צוויי שנירלאַך טרעהרען, גרויסע ווי פּערל.

ווארום האָט זי געוויינט אין צייט, ווען דער גאַנצער עולם, די ציוניסטען ווי די סאָציאַליסטען האָבען אַזוי פרעהליך און מונטער געלאַכט?

ווארום האָט זיך אין איהרע שטאָהל-גרויע אויגען געשיינט אַזאַ טיעפער טרויער און אומעט?...

ווארום האָבען איהרע אויגען טרויעריג געברענט ווי צוויי ליכט איבער דעם קאָפּ פון אַ טויטען?...

ווארום?

ווער ווייסט ווארום...

דאָ האָט אָבער פּאַסירט עטוואָס אויסעראָרדענטליכעס... דער נס פון תחית המתים...

וואסערמאַן האָט אַ ציטער געטאָן, איז בלייך געוואָרען ווי אַ מת און האָט שנעל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט, אָבער ניט אויף לאַנג...

און אַז ער האָט צוריק אויפגעהויבען דעם קאָפּ, איז זיין געזיכט ניט געווען צו דערקענען, דאָס ציניש̈ע געלעכטער'ל, וואָס האָט תמיד געקרימט זיינע אָבגעגאָלטע, בלוטלאָזע בלייכע ליפּען, וואָס האָט גע־פלאַקערט אין זיינע שטיפעררישע אויגען, איהם געשטיקט ביים גאָר־געל, איז פלוצים אויסגעלאָשען געוואָרען...

אין זיינע אויגען האָט זיך אַנגעצונדען דער זעלבער טרויער און אומעט, דער טיעפער שמערץ, וואָס האָט געשיינט אין פלאָרא'ס אויי־גען און וואָס האָבען אויסגעזעהן, ווי צוויי ברענענדע ליכט ביים קאָפּ פון אַ טויטען...

זיין געזיכט האט בעקומען דעם טרויעריגען אבגלאנץ און שי־מער פון א גרויסער חורבה, וועלכע ליגט אין ליכט פון א זונען־אונטערגאנג...

און אין יענעם אווענד האט דער אמת'ער וואסערמאן גערעדט...

ווי א פעע, מיט איהר צויבער־שטעקעל, האט זיך פלארא מיט איהר באדויערענדען, שטראפענדען בליק צוגעריהרט צו זיין נשמה און ער־וועקט, און ארויסגערופען פון איהר שלומערענדער טיעפעניש נייע קוואלען, א נייעם שטראם, פון וועלכען וואסערמאן אליין האט קיין אהנונג ניט געהאט, און וועלכער האט אנגעהויבען צו שיסען אין דער הויך און בלענדען די אויגען מיט אלע פארבען פון א שטורמישען פאנטאז.

דער עולם האט דערזעהן פאר זיך אן אנדער מענשען, אן אנדער וואסערמאן, וועלכער איז געווען מיט 10 קעפ העכער פון דעם גע־וועהנליכען וואסערמאנ'ען.

ער האט פלוצלינג פערכאפט ביי אלע דעם אטהעם, ברייט גע־עפענט ביי אלע די אויגען און די מיילער מיט בעוואונדערונג...

יא, וואסערמאן האט גערעדט אין דעם אבענד, גערעדט ווי א זאראטוסטרא, לאנג און ניט אונטערבראכען, ווייל קיינער האט ניט געוואגט איהם צו אונטערברעכען, האלטענדיג אין איין האנד די פענסנע און זשעסטיקולירענדיג מיט איהר.

און דער עולם, וועלכער וועט אייביג געדענקען דעם אבענד און זיין רעדע, איז געזעסען שטיל, אונבעוועגליך, איינגעהויקערט, און אין זאל האט זיך געהערט דער ברויזענדער און קאכענדער פאל פון זיין פליסענדער רעדע, דער שטראם פון צויבערענדע ווערטער און בליץ־ארטיגע, געניאלע געדאנקען, אונטער דער בעגלייטונג פון דער שטילער און מעלאנכאלישער מעלאדיע פון דעם פארברענטען און אב־שטארבענדען גאז אין די גרויסע לאמפען.

ער האט ניט גערעדט פון ציוניזם אדער פון סאציאליזם...

ניין! ער איז אוועק אן א זייט...

ער האָט געערדט צוערשט פון דער אונזיכערהייט פון דעם מענ־שליכען וויסען און דענקען, פון דער אָרימקייט און אינהאַלטסלאָזיג־קייט פון אַלע פילאָזאָפיעס...

„יאָהרטויזענדע אַז אונזער מוח און אונזער געדאַנק גראָבט זיך און שטרעבט צו ערפאַהרען דעם צוועק און סוד פון אונזער עקזיס־טענץ, וועלכער בלייבט אָבער דער אייביגער בלינדער קראָט, וואָס גראָבט זיך אין דער פינסטערער ערד און זעהט ניט קיין שיין פון קיין אמת'ן וויסען. און וועלכער דרעהט זיך אין דעמזעלבען קרייז ווי אַ וועווריק אין אַ ראָד...“

פון דער אונזיכערהייט פון אַלע פילאָסאָפיעס און טעאָריעס איז ער איבערגעגאַנגען צו דער אונזיכערהייט פון אונזערע געדאַנקען, גע־פיהלען, פריידען און פערגעניגענס, צו דער אונזיכערהייט פון אונזער גאַנצער עקזיסטענץ און צו דעם אייביגען שמערץ און עלענד פון אונזערע נשמות. דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען ספּעציעל צום עלענד פון דעם אידישען פאָלק, צום פאָלק וועמעס גוף און נשמה ווערען אייביג געקרייציגט אויף דער גאָלגאָטאַ און בלוטעט אייביג, ווי זיין זוהן פון נצרת האָט געבלוטעט, און וועמעס גייסט וואַנדערט אי־בער דער וועלט אָהן אַ היים, אָהן אַ האָפנונג צו האָבען אַמאָל אַן איינענע היים, אַן אייגען נאַכטלעגער; וואָס וואָלגערט זיך אויף הינטערהייפלעך און אין שמוציגע קעלערס פון פרעמדע ציוויליזאַ־ציעס און קולטורען...

„דאָס בעסטע בלוט אונזערס, דעם בעסטען מאַרך פון אונזערע ביינער האָבען מיר אוועקגעגעבען פאַר דעם בוי פון די פרעמדע צי־וויליזאַציעס און קולטורען, האָבען מיר דערפאַר געקראָגען אַ דאַנק און אַנערקענונג? ניין!

„היינע, דער גרעסטער ליריקער, האָט נאָך ניט קיין דענקמאָל, און זיין סטאַטוע וואַנדערט איבער דער וועלט אַלס סימבאָל פון דעם איי־ביגען וואַנדערער.

„ניט נאָר קיין דאַנק קריגען מיר ניט, נאָר מען וויל אפילו אונז קיין עקזיסטענץ־רעכט ניט געבען...“

און אַט זיצט פאַר איהם די יוגענד אונזערע, די צוקונפט פון איי־דישען פאָלק, די בוימייסטער פון אידישען לעבען — אַט די אַלע ארימע פערהונגערטע ישיבה־בחורים, מיט זייערע גרויסע פאַנטאַסטישע פּלע־נער, וועלכע האָבען ניט געקענט ווערען קיין שוסטער, און וועלען דע־ריבער ווערען פּראָפעסאָרען, שרייבער, פּאָעטען, וועלט־רעפאָרמערס, שלים־מזל'ניקעס, וואָס קאָנען ניט פאַרדיענען פאַר זיך אַליין אויף קיין פונט ברויט און קלייבען זיך דאָך צו באַגליקען די מענשהייט און דאָס אידישע פאָלק...

אַט זיצט פאַר איהם משה גלעקעל, אַן אַלטער סטודענט, וואָס וואַלגערט זיך שוין דעם 20טען סעמעסטער אין די אייראָפּעאישע אוי־ניווערזיטעטען, און וועלכער שטודירט אייגענטליך גאָר נישט, און נעהמט זעהר זעלטען אַ בוך אין דער האַנד... ווי קען ער שטודירען? ווען האָט ער צייט?...

צוערשט איז ער תמיד אַ נויטבעדערפטיגטער, אַ פאַרהונגערטער, לויפט ארום און זוכט תמיד וואו צו כאַפּען און לייהען אַ פראַנק, און מוז נאָך דערצו צונויפקלייבען 12 מיליאָן פראַנק אויף אָבצוקויפען פּאַלעסטינא פון טערקישען סולטאַן פאַר זיין אונגליקליכעם און עלענ־דעם פאָלק!

אַה, אונגליקליכעם, עלענדעס פאָלק!

נאָך מעהר אומגליקליך און עלענד ביזטו, ווייל פאַרהונגערטע, פאַנטאַסטישע קעפּ, ווי משה גלעקעל, זיינען די בוימייסטער פון דיין צוקונפט, פון דיין לעבען.

„און ווער זייט איהר, איהר, אַלע בוימייסטער פון אידישען לע־בען?" — האָט זיך ווי אַ טיעפער וועה־געשריי ארויסגעריסען פון וואַ־סערמאַנ'ס ברוסט.

„איהר זייט די יוגענד פון אַ פאָלק, וואָס איז קיינמאָל ניט גע־ווען יונג און האָט ניט געוואוסט פון קיין קינדער־פריידען. ווען איהר זייט געבוירען געוואָרען זייט איהר שוין געווען אַלטע, צובראָכענע און קראַנקע נשמות, אַהן זאַפט און לעבענס־קראַפט, בעלאַסטעט מיט אַ ירושה פון טויזענד־יאָהריגען גלות און ליידען... דערפאַר זיינען אַלע אייערע חלומות ניט מעהר ווי שאָטענס, טויט־געבוירענע קינדער. פאַר

לעבעדיגע, זאפטיגע שאפונגען פעהלט אייך געזונט, פריש בלוט אין די אדערען, געזונטער מארך אין די ביינער. אלע אייערע גרויסע וועלט־פלענער זענען קראנקע פאנטאסטישע גאלוצינאציעס פון א נאכט־וואנדלער... זיי זיינען בעגאסען און בעלויכטעט מיט דעם קראנקהאפטען שימער פון דעם לבנה־ליכט... זאל נאר די זון אויפגעהן, זאל נור איין שטראהל פון א געזונדען מענשען־פערשטאנד זיך צוריהרען צו אייערע חלומות, און דער נאכט־וואנדלער אין אייך וועט זיך אויפכאפען און איהר וועט אראפפאלען פון דעם שפיץ דאך, אויף וועלכען איהר קריכט ארויף אין דער נאכט פון אייער עקזיסטענץ און וועט זיך דעם קאפ מיט דעם האלז צוברעכען...

„נאר נישט איז פון מיר געווארען... מיין גייסט און נשמה איז איבערגעברענט געווארען פון הונגער און ליידען, פון די אידישע אומ־שטענדען, און ליגען איצט אונטער א בארג קאלטען אש! גארניט וועט ווערען פון אייך אלע מיט אייערע חלומות... נאר איבערגעברענטע נשמות, חרוב'ע וועלטען אונטער בערג קאלטען אש!... קוקט זיך צו, הערט זיך גוט צו, וועט איהר זעהן, אז אייערע גייסטער זיינען שוין בערג פון קאלטען אש און אונטער זיי איז שוין קיין איינציגער פונק פון גלויבען אין לעבען נישטא...

„וועד־זשע איז שולדיג אין דעם? ווער האט חרוב געמאכט אונ־זער גלויבען אין דעם פראגרעס פון דער מענשהייט, אונזערע נשמות? זיי, די גוים, מיט זייערע אייבינגע גוואלד־טאטען! זיי האבען אזוי לאנג געטראטען אונזערע נשמות מיט זייערע שמוציגע שטיוועל, אז אלעס אין אונז איז איצט פערוויסטעט, שמוציג און געשענדעט... און איבעראל נאר קברים, קברים... אבער אין איין זאך זיינען מיר נאך שטארק, לעבענספעהיג — אין צושטערען!“

און וואסערמאן האט אנגעהויבען פונאנדערוואַרפען זיינע פאראַ־דאקסאלע אנארכיסטישע געדאנקען און טעאריען איבער עקספלאזיווע סאציאלע שטאפען...

„מיר וועלען אלעס צושטערען און פערוויסטען, ווי זיי האבען אונ־זער וועלט פערוויסט! — און אין זיינע אויגען האט געפלאקערט א

גרויסער פלאם פון צושטערונג, א הייליגער צארן פון א שמשון הגבור וואס כאפט ארום מיט זיינע הענט די זיילען פון דער וועלט און שרייט:

תמות נפשי עם פלשתים!

און אט איז זיין רעדע ווידער געווארען זאנפט ווי א שמערצ־ליכעם קלאג־ליעד. ווי א ראפסאדיע האט זי זיך נאך לאנג געטראגען איבער דעם שטילען זאל, איבער די איינגעהויקערטע קעפ מיט די אפענע מיילער, ווי א וויינענדעס און הערצרייסענדעס טרויער־ליעד, ווי א געוויין פון א צובראכענעם פיעדעל, און מערקווירדיג, קיינער הויבט זיך ניט אויף, קיינער ריהרט זיך ניט...

וואסערמאן רעדט נאך אלץ און אלץ ביז עס געהט איהם אוים די לופט און דער אטהעם.

און ווען זיין לעצטווארט האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט ווי א וועה־געשריי פון א געפלאצטער סטרונע, און ער איז געבליבען שטיל און האט זיך א כאפ געטאן פאר'ן צאפלענדען, צוריסענעם הארץ... האבען אין זאל שטיל געכליפעט, בעהאלטענדיג די געזיכטער אין די הענט, דריי מענשען: פלארא, משה גלעקעל און טאפף...

— — — — — — — — — — — — —

וואסערמאן איז געקומען צו זיך און אנגעהויבען זיך ארומקוקען.

אז ער האט דערזעהן פאר זיך דאס שטיל־זיצענדע, בעצויבערטע און נאךווארטענדע פובליקום, דעם קאנוואולסיוו־ציטערענדען קערפער פון פלארא'ן, וועלכע האט בעהאלטען דעם קאפ אין די הענט און האט געכליפעט, איז דער נייער וואסערמאן פערשוואונדען, ווי א פאנטאם, און אין זיינע אויגען האט ווידער אויפגעפלאקערט דער פריהעריגער אלטער וואסערמאן.

א ציניזשער שמייכעל האט שוין ווידער געקרימט זיינע ליפען...

דער פאיאץ האט איהם שוין געשטיקט ביים גארגעל און האט שוין אין איהם ציניש געלאכט און געטאנצט...

דער זאל אבער איז נאך געווען שטיל.

— שים! דאוואי! וויטער! האט אויסגעשריען משה גלעקעל,

אויפשפרינגענדיג פון זיין ארט.

— פארטזעצען! פארטזעצען! בראוואָ, וואסערמאַן — האָט מען אויסגעשריען פון פובליקום.

— מיינע העררען!—האָט אַנגעהויבען דער פּאיאַץ און ציניקער— איך האָב איינגאַנצען גענומען 5 פראַנק. משה גלעקעל גיב נאָך 5 פראַנק...

איבער דעם זאָל האָט זיך דורכגעטראָגען אַ האַרץ־רייסענדער „אהה", אַ געשריי פון אַן אונטערגעשאָסענעם פויגעל אין דער לופט.

און אַ גרויס גלאָז פון ביער איז געפלויגען אין וואַסערמאַן'ס קאָפּ.

דער געשריי איז געקומען פון דעם טישעל, וואו פלאָרא איז פריהער געזעסען אַנגעשפּאַרט און געוויינט.

דער געשריי איז פערלוירען געגאַנגען אין דעם אַלגעמיינעם טומעל וואס האָט אויסגעבראַכען צווישען פּובליקום...

✧ ✧ ✧

די קאָלאָניע

דריטער קאַפּיטעל

דער זומער־סעמעסטער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט זיינע קליינע פריידען און גרויסע ליידען...

יעדער טאָג האָט געבראַכט אין קאָלאָניע נייע פּנים'ער און נייע טיפּען...

איינינע פון זיי זיינען געווען שוין אַלטע, פערשימעלטע סטודענטען, וואס האָבען זיך שוין פיעלע סעמעסטערס געוואַלגערט און געפּלאָגט אין די אוניווערזיטעטס־שטעדט פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד און זיינען איצט געקומען קיין בערן מאַכען דעם דאָקטאָר־עקזאַמען און שליסען זייערע לאַנגע וואַנדער־יאָהרען, ווייל אין בערן איז דאָס געווען לייכטער ווי ערגיץ אַנדערש...

דער גרעסטער טייל אָבער איז בעשטאַנען פון יונגוואַרג און איבערהויפּט פון יונגע צאַפּעלדיג־פרישע מיידלאַך, וואס האָבען ערשט אין רוסלאַנד געענדיגט די גימנאַזיע און האָבען געבראַכט מיט זיך פון דער היים דעם נאַאיווען אידעאַליזם פון יונגע נשמות, דאָס שטרעבען פון פריש און קאָכעדיג בלוט, דעם דופט פון פרישע פריהלינגס־בלומען...

קומענדיג פון אָרימע, שמוציגע און פערחושכ'טע רוסישע שטעדט און שטעדטלאַך, וואו דאָס לעבען איז אַזוי קאַלירלאָז און מאָנאָטאָן, זיינען זיי אין דער ערשטער צייט איבערראַשט און בעטרונקען געוואָרען פון דעם פּראַכט און גלאַנץ פון דער פיעל־פאַרביגער אַלפּען־נאַטור, פון דער נייער אַטמאָספערע פון דער אַלטמאָדישער, צווישען די בערג־בעהאַלטענער שטאָדט, מיט איהרע אַלטע מויערען און ענגע גאַסען, מיט זייערע דיקע, אַזוי ווי פאַר דער אייביגקייט־געבויטע שטיינערנע הייזער און געוועלבאַרטיגע טראָטואַרען, וואו די טריט הילכען אַזוי געהיימניספול און רופען אַרויס אַ ווידער־קול פון אַלטע, היסטאָרישע

פאסירונגען און גרויסע העלדענטאטען, וואו יעדער שטיין דערצעהלט וועגען אן אלטער טויזענד־יעהריגער קולטור און א בלוטיגען לעבענס־קאמף... דערצעהלט, ווי אזוי עס זיינען געוואקסען די מענשליכע רעכטע און דאס וואס מיר רופען ציוויליזאציאן.

די נייע איינדריקען און בילדער צוביברן און לויפען פאר די פער־וואונדערטע, ברייט־געעפענטע, יונגע אויגען, לויפען שנעל ווי אין א פאנאראמע און מיט זיי צוזאמען לויפט שנעל דער יונגער געדאנק, די אונגעצוימטע פאנטאזיע, שטארק קלאפט זיך צו גלייך דאס הארץ און שנעל פליסט דאס בלוט, דאס פרישע, ברויזענדע יוגענד־בלוט...

דאס יונגוואַרג פלעגט ברענגען מיט זיך א פרישען לעבענס־שטראם און אויפמונטערען אויך די אלע אין נויט און ליידען שוין פער'חושכ'טע און פערשימעלטע סטודענטען, די וועטעראַנען פון דער קאַלאַניע.

די יוגענד פלעגט אריינטראגען אזוי פיעל נייע האפנונגען און מא־כען דאס לעבען אין אנפאנג סעמעסטער אזוי ראשיג, אזוי מונטער און אינטערעסאנט...

יעדער נייער סעמעסטער פלעגט ברענגען מיט זיך נייע בעקאנט־שאפטען און סימפאטיען. זיי פלעגען געמאכט ווערען שנעל און איינ־פאך, אהן צערעמאניעס און איבערלאזען אין לעבען טיעפע שפורען און ניט־זעלטען קאטאסטראפען און טראגישע ענדעס...

אט געהט פון וואקזאל א יונג, צאפעלדיג פריש בעשעפעניש. איהר גרויער מאנטעל און דאס קורצע שמאלע קליידעל כאפט פעסט ארום איהר קינדערשע, אונענטוויקעלטע טאליע און קערפער־ליניען, מאכען זי נאך אינגער ווי זי איז און גיבען איהר קליינער פיגור דעם אויסדרוק פון א קינד...

זי איז געקומען מיט דעם פריהמארגען־צוג, האט שוין געדונגען א צימער און טראגט יעצט פאר זיך א היבשען טשעמאדאן און שטייגט אביסעל פארסאפעט, אויף דעם בערגיגען וועג...

די לאסט וואלט גארניט געווען אזוי שווער, ווען ניט איהרע שווע־רע שווארצע צעפ, וועלכע קריכען שטיפעריש ארויס פון אונטער דעם הוט, און זי שטעלט זיך אפט אב און מאכט צורעכט איהר צע־פאטעלטען קאפ.

אנטקעגנען פון בארג אראב, קומט אן אן אונבעקאנטער בחור, אין ברילען, מיט א גרויסען, אין די פלייצעס איינגעוואקסענעם, קודלאטען קאפ, כאפט איבער איהר פערשעהמטען, נאאיווען בליק, געהט צו איהר צו און נעמט ביי איהר פון דער האנד דעם טשעמאדאן, נעמט איהם ניט געפרעגטערהייט און ניט געבעטענערהייט מיט צוויי דריי ווערטער:

— ווייזט, איך וועל צוטראגען... אייך וועט זיין שווער —

און אזא געפעלינקייט וואונדערט זי גאר ניט... עס איז אזוי אייג־ פאר, אזוי נאטירליך...

ער רעדט צו איהר רוסיש. וואהרשיינליך אויך א סטודענט, אן אלטער סטודענט...

און זי גיט איהם איבער איהר שווערע לאסט מיט א שמייכעל פון אן אונבעהאלפען קינד אויף איהרע ראזע ליפען, וועלכע זעהן אויס פריש און זאפטיג ווי א פאר פארטיגע, ערשט פון בוים אבגעריסענע, קארשען...

נאר איהרע ראזע באקען ווערען רויטער און זי כאפט זיך ביים קלאפענדיגען הארץ און מורמעלט:

— איך האב געוואלט נעמען א דיענסטמאן... האב איך גאנצע 25 רובעל... דארף מען זיי פריהער צובייטען. אפשר ווייסט איהר ווי מען צובייט געלט?

— א דאנה מיט צובייטען... אבי געלד, — שמייכעלט איהר צו דער אומבעקאנטער.

און אזוי שפאנען זיי ביידע איבער דעם בערגינגען וועג, וואס פיהרט פון טהאל, דארט וואו דער וואקזאל ליעגט, ארויף אין דעם קווארטאל, וואו אלע רוסישע סטודענטען לעבען. זיי געהן איינער נעבען אנדערען, ווי א פאר אלטע בעקאנטע, וואס האבען זיך צופעליג ווידער בעגעגענט אויף דעם לעבענס־וועג... און זי דערציילט איהם איהר קורצע אבער שוין רייכע לעבענסגעשיכטע... ווי שווער עס איז איהר אנגעקומען זיך ארויסצורייסען פון דער היים, וויפיעל זי האט געהאט צו קעמפען מיט איהרע עלטערען און איבערהויפט מיט איהר פאטער,

אַז אַפּטייקער אין סמאַרגאָן, וואָס איז אַ פערביטערטער פיינד פון פרויען־עמאַנסיפּאַציע און ווען ניט דער פעטער איהרער, אַ העברעאי־שער לעהרער, וועלכער האָט געקעמפט אויף איהר זייט, וואָלט זי דאָס יאהר נאָך ניט געקענט זיך אַרויסרייסען פון סמאַרגאָן און וואָלט נאָך געוועזען געהאַט צו קעמפען און צו קעמפען...

סוף כל סוף וואָלט זי אָבער געמוזט זיעגען, ווייל שוין פון פיערטען קלאַס אַן האָט זי דערפיהלט, אַז איהר לעבענס־בערוף איז צו זיין אַ דאָקטאָר, צו היילען מענשען, ניט אומזיסט האָט זי אין אַטעסטאַט 5 פאַר פיזיקע...

און אַז זי וועט ענדיגען מעדיצין וועט זי זיך בעזעצען נאָר אין סמאַרגאָן און וועט פּראַקטיצירען אין איהר אייגען שטעדטעל, כאָטש זי ווייסט ניט יעצט ווי וועט זי שוין קענען לעבען אָהן ביבליאָטעקען, ווייט פון דער וויסענשאַפט. דאָ אין בערן, מוזען דאָך זיין אַזעלכע גרויסע, פּראַכטפאָלע ביבליאָטעקען...

זי דערצעהלט דעם פרעמדען קודלאַטען בחור, אַז מען וועט איהר שיקען נאָר 25 רובעל אַ חודש און פרעגט איהם צו וועט זי קענען לע־בען מיט 25 רובעל און איידער זי קריגט נאָך זיין ענטפער, ענטפערט זי זיך אַליין, אַז זי וועט קענען...

זי איז דאָך געפאָהרען אָהער ניט צוליעב פערגעניגען, נור צו ליי־דען און קעמפען און אַז זי דענקט אָחוץ מעדיצין גרינדליך שטודירען נאָך נאַטור וויסענשאַפטען, ענדיגען צוויי פאַקולטעטען אויף איינ־מאָל... ווייל נאָך איהר מיינונג קען מען ניט זיין קיין גוטער דאָקטאָר, ווען מען קען ניט גרינדליך נאַטור וויסענשאַפטען...

אדרבא, זאָל ער זאָגען אויב זי האָט ניט רעכט!

און אַז זיי קומען אָהיים אין קליין צימערל, מיט אַ דורכגאַנג דורך דער בעל־הבית׳טעס קיך, צולייגט זיך דער פרעמדער בחור אויף דער קאַנאַפּע און פאַררייסט די פיס ווי ביי זיך אין דערהיים, הייסט קודם כל מאַכען טהעע און טאַקע מיט דערזעלבער וואָרעניע וואָס די סטו־דענטקע האָט געבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד מיט אַזוי פיעל נסים... צוערשט האָט זי לחלוטין ניט געוואָלט מיטנעמען אָט די וואָרעניע...

א געשעפט האט זי מיט איהר! זי איז געקומען אהער צו לערנען און צו ליידען, הויפטזעכליך צו קעמפען און ניט צו לעבען אין לוקסוס און טרינקען טהעע מיט ווארעניע... נור די מאמע האט זיך אזוי צו־געטשעפעט צו איהר און האט זיך געשוואוירען מיט טויטע שבועות אז זי מוז עס מיטנעמען און זי האט איהר צוליעב געטאן... דערנאך האט זי געהאט צרות מיט דער ווארעניע אויף דעם פרייסישען גרענעץ וואו מען האט געוואלט פאר דעם סלאי ווארעניע א מאיאנטעק אין טאריף־אבצאהלונגען... אך, די דייטשען, די דייטשען!... זיי זיינען דאך אזוי גראב... ערגער נאך ווי די רוסישע זשאנדארען! זי האט זיך דערויף גארניט געדעכט: דייטשלאנד איז דאך אזא קולטור־פאלק, א פאלק וואס האט געגעבען קאנט'ן און העגעל'ן... ווי־זשע קומט עס?...

און אזוי צוויטשערט זי ווי א פויגעלע אין א שעהנעם ליכטיגען, פריהלינגס־מארגען, צוויטשערט אהן א סוף און דער אלטער פערכמורע־טער סטודענט קוקט אויף איהר דורך זיינע ברילען מיט א פאר שטרענג אנגעשטעלטע אויגען, ווי א פראפעסאר, וועלכער עקזאמינירט א סטודענט, טרינקט טהעע מיט ווארעניע, איין גלאז נאך דער אנדערער, טשמאקענדיג הויך מיט זיינע גראבע ליפען און כראמטשענדיג האס־טיג מיט די ציין דאס געבעקס, דאס גוטע היימישע געבעקס און די דארע קיכלעך מיט מאן, וואס די מאמע האט איהר מיט געוואלד מיט־געגעבען פון דערהיים... פיליכט וויל ער עסען?

זי האט מיט זיך איין קיישעל נאך גוטען, פרישען ווארשעווער ווורשט, א פאר קעסטעלאך סארדינקעס... און א מאשינקע צו קא־כען קאווע.

דער בחור זאגט זיך ניט אב. אומגעקעהרט, עס איז א פראכט־פאלע אידעע אט די וועטשערע, ווארשעווער ווורשט מיט קנאבעל... ער האט איהם שוין יאהרען לאנג ניט געגעסען... שאדע, וואס ער האט מיט זיך ניט וואס צו רויכערען. און ער נעהמט ביי איהר עטליכע סענט צו קויפען פאפיראסען. אך, ווען זי זאל נאך האבען עכטען רו־סישען טאבאק! וויפיעל וואלט ער יעצט ניט געגעבען פאר אן אמת'ן רוסישען פאפיראס! דער טאבאק איז דא אזוי שלעכט און פערדאמט טייער!

א גרויסע זאך! ווען זי זאָל עס געוועז וויסען, וואָלט זי מיט זיך מיטגענומען א פּאָר פונט טאַבאַק פאַר גוטע בעקאַנטע. און אזוי ווי ער געהט שוין אין קלייטעל אריין נאָך פּאַפּיראָסען, בעט זי איהם, אז ער זאָל שוין אין איין וועגס קויפען בענזין פאַר איהר מאַשינקע. מילך האָט איהר שוין די בעל־הבית׳טע אנגעגרייט אויף דער קאָמאָרע און זי וועט אבקאָכען קאַווע. זי קאָכט פּראַכטפולע קאַווע און זיי וועלען עסען וועטשערע צוזאַמען.

נאָך דער וועטשערע ליגט דער בחור ווידער אויף דער סאָפּקע מיט א פּאָר פעריסענע לאַנגע פיס, רויכערט א פּאַפּיראָס נאָך א פּאַפּיראָס און דורך די געדיכטע וואָלקענס פון רויך, וועלכע פיהלען אָן דאָס קאַרג־בעלויכטענע צימער, זעהט אויס דאָס געזיכט פון צופּאַטעלטען בחור און זיין בליק דורך די ברילען נאָך ערנסטער און טיעפזיניגער.

דער געשפּרעך אבער ווערט אַלץ אינטימער און הערצליכער.

זי ווייס שוין, אז זיין פאַמיליע־נאָמען איז פּאַסטערנאַק, אונזער בעקאַנטער פּאַסטערנאַק, אז ער איז א היסטאָריקער, דאָס הייסט, אז זיין הויפּט־פאַך איז געשיכטע, און הויפּטזעכליך אידישע געשיכטע און פעלקער־פּסיכאָלאָגיע... אז זיין שטודיום האָט איהם געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אז דאָס אידישע פאָלק האָט צו ערפילען א הייליגע מיס־יאָן צווישען די פעלקער און דאָס האַלט איהם אָב פון צושטעהן צום ציוניזם, אבער אַז און פאַר זיך איז ער א נאַציאָנאַליסט און נאָך א פייערדיגער נאַציאָנאַליסט.

זי זאָל חלילה ניט מיינען, אז ער איז עפּעס א מין מיסטיקער, חס ושלום! זיין איבערצייגונג אין דער אויסדערוועהלטקייט פון אי־דישען פאָלק איז בעגרינדעט אויף זיין טיעפען פאָרשען, אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון אידישען פאָלק, און ער איז אומשטאַנד עס צו בע־גרינדען דורך דעם דאַרוויניזם... נאָר פאַר קיין מיסטיקער זאָל זי איהם ניט האַלטען!...

ווייטער דערצעהלט ער איהר, אז ער שרייבט אונטער דעם פּסעוו־דאָנים „מהפך פּשטא“. אז ער קלייבט זיך צו צוקלאַפּען ווילהויזענס ביבעל־קריטיק — זי מעג שוין ווילהויזענ׳ען ניט מקנא זיין. „א שטיין אויף א שטיין וועט פון איהם ניט בלייבען!“ — און אז ער האָט שוין

געשריבען אן אבהאנדלונג איבער דעם טראפ פון דער תורה און די אבהאנדלונג איז געדרוקט געווארען אין די פילאלאגישע יאהר־ביכער און האט איהם געגעבען א נאמען צווישען די סעמיטישע פילאלאגען...

זיין לעבענס־ציעל איז יעצט צו שרייבען א נייע אידישע גע־שיכטע... גרעץ איז געווען א פלוידערזאק און טויג אויף 90 כפרות...

זיין געשיכטע וועט בעווייזען ווי צוויי מאל צוויי איז פיער, אז די אידען זיינען אויסערוועהלט פון דער נאטור און דורך א טויזענד־יאהריגען ראסען־קאמף פאר דער הייליגער מיסיאן צו זיין די מאראל־פרעדיגער פון דער מענשהייט...

ער האט נאר מורא, אז ער זאל ניט אוועק אן זייט און פון זיין געשיכטע זאל ניט ווערען חלילה קיין פסיכאלאגיע פון אידישען פאלק... יא, עס איז אן אידעע, טשארט פאבערי!

ער זעצט זיך בעסער שרייבען די פסיכאלאגיע פון אידישען פאלק... ווי ער איז א איד, טשארט פאבערי!

דער געדאנק, וואס איז ערשט געבוירען געווארען אין זיין צופאַ־טעלטען קאפ, — וואס פאר אן אידעאלער געדאנק דאס איז? א? — הויבט פאסטערנאק'ן אויף פון דער קאנאפע און ער הויבט אן צו געהן איבער דעם קליינעם צימער הין און צוריק מיט ברייטע האס־טיגע טריט.

יא, ער געהט אוועק אן א זייט און וועט שרייבען די פסיכאלאגיע פון אידישען פאלק... נאטירליך וועט ער זי בויען אויף דער אידישער פילאלאגיע, אויף דעם גייסט פון דער העברעאישער שפראך, ווי לאצא־רוס און שטיינטהאל האבען דאס געוואלט מאכען... ווער קען בעסער פון איהם דעם גייסט פון אונזער שפראך?

אה, דאס וועט זיין א מאנומענטאלעס ווערק... א לעבענסווערק... דאס וועט איהם מאכען בעריהמט און אונשטערבליך...

זי שטעלט אפילו מעדיצין און נאטור־וויסענשאפט העכער ווי אלעס...

אך, — טראכט זי זיך, — ווען ער זאל זיין א נאטור־פארשער אדער א מעדיקער... זיי וואלטען דאך צוזאמען געקענט שטודירען... מען

קען דאָך אַזוי פיעל דיענען דער מענשהייט מיט מעדיצין... אדרבא, זאָל ער זאָגען...

עס געלינגט איהם אָבער זי צו איבערצייגען, אַז פילאָזאָפיע און הויפּטזעכליך פּעלקער־פּסיכאָלאָגיע — דאָס וואָרט רעדט ער ארויס לאַנגזאַם מיט אַ בעזונדערען טעם און מיט אַ נגינה אויף „פּעלקער" — זיינען דער מענשהייט פּונקט אַזוי נויטיג ווי מעדיצין, אַז זיין אָב־האַנדלונג איבער דעם טראַפּ פון דער תורה איז געווען אַ באָמבע, געשליידערט פון איהם אין דער פילאָזאָפישער וועלט, און וויפיעל באָמבעס אַזעלכע וועט ער נאָך וואַרפען! גאָט מיינער!

איבעריגענס, איז זיין גייסט נאָר ניט אַזוי איינזייטיג און שמאָל ווי די געוועהנליכע פילאָזאָפען זיינען. ער אינטערעסירט זיך מיט אַלע ער־שיינונגען פון גייסטיגען לעבען... ווען ניט, וואָלט ער דאָך ניט געווען קיין פּעלקער־פּסיכאָלאָג! קען דען זיין אַ פּעלקער־פּסיכאָלאָג איינזיי־טיג? אַ ראיה האָט זי, אַז קיינער אין דער גאַנצער קאָלאָניע קען ניט אַזוי גוט די געשיכטע פון סאָציאַליזם, ווי ער... און ווער פון זיי האָט געלייענט קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל" אין אָריגינאַל? ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן!... אַפילו די גדולים פון דער סאָציאַליסטישער קאָ־לאָניע האָבען איהם אין דער האַנט ניט געהאַלטען. ער אָבער — יאָ, פון טאָוועל צו טאָוועל.

דערמיט געווינט ער זי שוין אינגאַנצען. איהרע צוויי אויפגע־רעגט גלאַנצענדע, שוואַרצע אויגען קוקען אַרויף צו דעם הויכען צור־פאַטעלטען בחור מיט בעוואונדערונג און פערעהרונג... און מען רעדט אָב, אַז פון היינט און ווייטער זאָל מען טעגליך צוזאַמען לייענען די געשיכטע פון סאָציאַליזם... דאָס מוז דאָך יעדערער וויסען!...

און אַז זיי דערמאָנען זיך, אַז עס איז שוין שפּעט און אַז עס איז צייט צו געהן שלאָפען, איז דער בעל־הבית'טעם קיך שוין געשלאָ־סען, און דער פּעלקער־פּסיכאָלאָג און אידישער היסטאָריקער בלייבט נאָר איין איינציגער אויסגאַנג — שפּרינגען דורך דעם פענסטער... און אַז ער טוט עס, בלייבען זיי ווידער שטעהן ביים אָפענעם פענ־סטער און רעדען נאָך לאַנג... לאַנג... און הויפּטזעכליך בעוואונדערן זיי עס, ווי אַזוי דער טאָג איז ביי זיי ביידען אַוועק... פּונקט 12

שטונדען האבען זיי צוזאמען גערעדט... נו, זאָל שוין ווירקליך זיין גענוג! אלזא, מאָרגען טרעפען זיי זיך אויף דער לעקציע פון פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע פון דעם נייעם סאָציאַליסטישען פּראָפעסאָר. און זיי צושיידען זיך, אפילו גאַנץ אונגערן, אָבער מיט אַ געגענזייטיגען שטאַרקען און הערצליכען האַנד־דרוק. און אַז זי זאָגט דערביי מיט אַ ציטערענדער זיסער אַלט-שטימע: „דאַ סווידאַניאַ, פּאַסטערנאַק!“ דערמאָנט ער זיך ערשט, אַז ער ווייסט נאָך ניט איהר פאַמיליע, אָבער עטוואָס קיצעלט איהם אָט דאָ אין גאָרגעל, אַזוי, אַז ער קען בשום אופן ניט פרעגען ווי אַזוי איז איהר נאָמען, און ער שלינגט אַראָב די פראַגע מיט אַ הוסט... און פערשווינדעט אין דער פינסטער־רער נאַכט, בעגלייטעט פון דעם אויפגערעגטען בליק פון דער סמאָר־גאַנער מעדיטשקע, וועלכע בלייבט נאָך לאַנג-לאַנג שטעהן ביים פענס־טער, טיילענדיג מיט דער פינסטערער, אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט איהרע קינדיש־יונגע און זיסע טרוימען און האָפנונגען...

2.

מעהר פון אַלעמען איז אין אַנפאַנג סעמעסטער געווען פערנומען משה גלעקעל, דער אפּטרופּוס פון דער גאַנצער קאָלאָניע. זיין נאָמען איז געווען בעקאַנט אין אַלע סטודענטישע קאָלאָניעס. ער האָט שוין איבעראַל געלעבט און געאַרבייט פאַר דעם ציוניזם...

משה איז געווען אַ וויט באַקאַנטער חובב ציון און — ווי ער פלעגט זאָגען — אַ צ י אָ נ י ס ט ניט נאָר פאַר הרצל׳ן, נאָר פאַר אדם הראשון׳ען, און די אַנגעקומענע סטודענטען און סטודענטקעס פלעגען איהם ברענגען רעקאָמענדאַציעס, אַז ער זאָל זיי העלפען זיך איינצו־אָרדנען אויף דעם נייעם פּלאַץ און זיי שטיצען מיט ראטה און טהאַט...

ער פלעגט אין אַנפאַנג סעמעסטער אָבוואַרטען מיט זיין שטאָב יעדען צוג, וואָס פלעגט ברענגען „פנים חדשות“, ווי ער האָט זיי אַנ־גערופען, און אַז זיי פלעגען דערזעהן אַ פנים חדשות דורך דעם פענס־טער פון וואַגאָן, פלעגען זיי איהם בעגריסען נאָך פון וויטענס מיט די טאַשענטיכלעך און מיט אַ שעהנעם „הידד“, ווי גוטע אַלטע בע־

קאַנטע און חברים. און דאָ אויפ'ן וואָקזאַל פלעגט משה אָננעהמען די „פנים חדשות" איינפאך ביים גאָרגעל, אָהן צערעמאָניעס, און מיט געוואַלט פלעגט ער זיי פערבאַפען פאַר דער ציוניסטישער אידעע און פאַר זיין פעראיין, וועלכער האָט געוואַרט אויף זיי דאָ אויפ'ן וואָקזאַל און געווען גרייט זיי צו דיענען...

און ווער עס פלעגט קומען פון רוסלאַנד מיט אַן אַנדערען אני-מאמין, ווי זיינער, און פלעגט ניט וועלען אַקצעפּטירען גלעקעלס קור-צע און שאַרפע אַרגומענטען, אַז „מיר דאַרפען אַ לאַנד"... „ביז וואַנען איז דער שיעור?"... „עס דאַרף דאָך אַמאָל נעהמען אַ סוף!"... „גע-נוג זיך שוין געוואַלגערט אין שכנות!"... „וואָס פאַר אַ פאַדליעץ און פערעטהער וועט עס ניט צוגעבען?"... אויב אַזאַ פאַדליעץ, אַפּט גע-קליידעט אין אַ בלוזע, און מיט לאַנגע האָאָר, פלעגט זיך איינשפאַ-רען און זיך דאָ אויפ'ן וואָקזאַל אַריינלאָזען מיט גלעקעל און זיין חברה אין אַ טיעפע, הייסע דעבאַטע, וועלכע פלעגט ציהען די אויפ-מערקזאַמקייט פון אַלע באַהן-בעאַמטע און פון פובליקום; אָדער ווען דער „פנים חדשות" האָט נאָר אַנגסטליך געריסען פון זייערע הענד זיין אָרעם טשעמאָדאַנטשיקעל און זיך געוואַלט אַברוקען, פלעגט משה גלעקעל איהם הייסען אַבלאָזען... „זאָל ער געהן צו זיי... צו די סאָציאַליסטען!... אויף כפרות דאַרפען מיר איהם!"...

טאָמער האָט דער „פנים חדשות" אַקצעפּטירט גלעקעל'ס אני מאמין, נאָר האָט געוואָלט אויסנעהמען אייניגע בעדינגונגען, האָט משה אויפגערעגט געשריען: „נישטאָ קיין תנאים! וואָס פאַר אַ תנאים? נאַ דיר נאָר תנאים!"...

און אַזוי ווי משה'ס חברה האָט שוין געהאַלטען זיין טשעמאָדאַן, האָט דער בחור שוין געמוזט מוחל זיין אויף זיינע תנאים, אַנבויגען דעם קאָפּ און נאָכגעהן...

אַזעלכע זאַכען פלעגען פאָרקומען על פי רוב מיט בחורים... מייד-לעך האָבען זיך געלאָזט לייכטער איינגעהמען, דערפאַר אָבער פלעגען זיי אָפּט און שנעל דעזערטירען פון גלעקעל'ס לאַגער צו די סאָציאַ-ליסטען...

משה גלעקעל איז אָבער ניט געווען אַזוי ענגהערציג און האָט געדיענט יעדען מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, אפילו די סאָציאַליסטען, און אַם אייפעריגסטען די נייע סטודענטקעס... דאָ איז ער געווען אַן עכטער ריטער און זיין דיענסט־בערייטשאַפט האָט ניט געהאַט קיין מאָס און קיין גרענעצען. האָט ער זיי בעגעגענט אויף דעם וואָקזאַל ערשט אַנקומענדיג, האָט ער קיינעם ניט ערלויבט צו שלייפען מיט פראַנק'ען און נעהמען אַ דראָשקע אָדער אַ לאַסט־טרעגער...

די פראַנקען וועלען צונויץ קומען!

אַז מען וויל לעבען מיט 15־20 רובעל אַ חודש טאָר מען זיך ניט וואַרפען מיט פראַנקען. און די טשעמאָדאַנעס און קאַרזינקעס איז ער מיט די חברה ניט קראַנק אַליין צו טראָגען...

— קינדער, איינס... צוויי... דריי! — פלעגט אַ קאָמאַנדע טאָן גלעקעל, כאַפענדיג אַליין אַ טשעמאָדאַן אויף די פּלייצעס... די איבעריגע פּעקלעך האָט צוכאַפּט זיין שטאַב, און דער עולם האָט געשטעלט פיס... זאָל זי נאָר זיך ניט פּלאָנטערען צווישען די פיס און לאָזען געהן... אַ צימער האָט ער שוין פאַר איהר, פאַר דעם האָט שוין דאָס אינפאָרמאַציאָנס ביוראָ פון פעראיין געזאָרגט... זי וועט וואוינען מיט אַ פילאָסאָפקע צוזאַמען און צאָהלען 6 פראַנק אַ חודש... ביליגער ווי באָרשטש!...

און אַז אַ פּאַסענדער צימער פלעגט ניט זיין אָנגעגרייט, פלעגט משה אָבגעבען זיין צימער אויף עטליכע טעג און אַליין געהן שלאָפען צו אַ חבר זיינעם אויף אַ קורצער סאָפקע אָדער גאָר אויף ביינקלעך...

אַזוי פלעגט ער ארומלויפען גאַנצע טעג פון איין עק שטאָדט צום צווייטען, אַ פערשוויצטער און פערסאָפּעטער, מיט דעם הוט אויף דער פּאָטילניצע, אַלעמען איינאָרדנען, ראַטהען און העלפען מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט און אפילו ניט געקענט, און ניט איין נפש האָט גלעקעל ערוואָרבען פאַר דעם ציוניזם...

ער איז געווען אויך שטאַרק בעליעבט און פּאָפּולער אפילו ביי זיי, די סאָציאַליסטען, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס ער פלעגט זיי אין די אויגען שעלטען מיט מגפות און שרפות... און אויב דער סאָציאַליסטישער טייל פון דער קאָלאָניע האָט יעדען ציוניסט בעטראַכט מיט

פערראַכטונג ווי אַן אידיאָט מיט אַ אונלאָגישען, פערפינסטערטען קאָפּ, האָט מען גלעקלען בעטראַכט מיט טיעפען בעדויערען און מיטלייד...

— אַך, ווען ער זאָל ניט זיין קיין ציוניסט! — פלעגט ניט איין סאָציאַליסטקע ריידען פון איהם מיט אַ טיעפען זיפץ פון הארצען...

און ניט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז משה גלעקעל זאָל קומען פאַרטאָג אהיים נאָך אַ פערזאַמלונג אָדער לאַנגער נאַכט דעבאַטע אַ מיעדער און צובראָכענער און זאָל געפונען אין זיין בעט געמיטלאַך שלאָפען עפּעס אַ פרעמדען, אונבעקאַנטען בחור אָדער פּאַרטיי־חבר.

משה האָט ניט בעדאַרפט קענען דעם אורח, אַז יענער זאָל זיך קענען נעהמען דאָס רעכט זיך צו לייגען ביי איהם אין צימער ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען און פאַרנעהמען זיין בעט.

משה'ס נאָמען איז געוועז בעקאַנט דער וועלט פון די ציוניס־טישע קאָנגרעסען, אין אַלע אַקאַדעמיש־אידישע פעראיינען, גלעקלען האָבען געקענט אַלע ציוניסטישע פיהרער פון דאָקטאָר הערצל ביז דעם קלענסטען, אַלע פּראָמינענטע חובבי ציון, כלל טוערס און פערזאָרגער פון אידישען פאָלק. זיין אַרכיוו האָט געקענט שטאָלצירען מיט ידידי בריוולאָך פון באַריהמטעסטע מענשען, אידען ווי ניט אידען.

משה האָט קאָרעספּאָנדירט מיט אַלע בעריהמטע קריסטען וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט'ן ציוניזם אָדער האָבען לויט זיין מיינונג און וואונש בעדאַרפט מיט איהם סימפּאַטיזירען.

עס איז ניט געוועז קיין אידישע באַוועגונג, צו וועלכער משה זאָל ניט האַלטען פאַר זיין נאַציאָנאַלען חוב צו נעהמען אַ שטעלונג, אַ פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע, זי שטיצען מיט'ן גאַנצען ברען פון זיין דאָז קיכאַט'ער נשמה, אָדער זי בעקעמפען...

קורץ, משה איז געוועז דער גרויסער סאַרווער פון אידישען פאָלק, וועלכער האָט געמוזט סאַרווען אויף אַלע אידישע חתונות...

און דערפאַר איז שוין קיינעם איבער דער גרויסער און ברייטער אידישער וועלט ניט געוועזן שווער צו קריגען אַ רעקאָמענדאַציע צו משה גלעקעל. בעזונדערס אַ סטודענט אָדער אַ סטודענטקע, וואָס איז געפאָהרען שטודירען אין דער שווייץ.

משה'ס פריינד און קארעספאנדענטען האבען ווייזט אויס די רע־קאמענדאציעס בעטראכט אלס א גרעסערע טובה פאר גלעקלען ווי פאר'ן רעקאמענדירטען אליין און זיינען דערפאר געווען זעהר פרייגיביג מיט די בקשות זעהן „פריסטראיען" דעם און דעם וואוילען טאלענטפולען בחור אדער די און די סימפאטיטשנע וויסענס־דורש־טיגע בארעשניע פון דער פיינסטער אידישער פאמיליע.

— — — — — — — — — — — — —

ווען גלעקעל איז נאך דער גרויסער שלאכט מיט די סאציאליסטען אין בערן־קעלער געקומען פארטאג צו זיך א היים א מידער און צו־בראכענער, ווי א גענעראל, וואס האט אליין געפיהרט זיינע רעגי־מענטען אין אטאקע, האט ער אין זיין בעט געפונען צוויי פארשוינען, איינעם א לאנגען, איבער'ן גאנצען בעט אויסגעצויגענעם בחור און איינעם א קורצינגען און צוזאמענגעדרעהטען אין א קנויל, וועלכער האט זיך געטוליעט צום לאנגען...

דער לאנגער בחור איז געלעגען צום ראנד פון בעט און אויפ'ן רוקען, מיט א פערוואָרפענעם, אויף די הענט אנגעשפארטען קאפ און פון זיין נאז האט זיך געטראגען א נישט אונטערבראכענער אין איין טאן געפיהרטער, מען קען זאגען, כמעט ריטמישער כראפ, פון וועלכען דעם בחור'ס איבערשטע ליפ פלעגט ריטמיש אויפציטערן.

דער קורצער בחור איז געלעגען צו דער וואנד און האט זיך גע־טוליעט מיט'ן פנים צום לאנגען, ווי צו א ברודער...

ביידע זיינען געלעגען אין אנטהון און אין פארשטויבטע שיך, אזוי ווי פון א ווייטען מהלך געקומענע און דער לאנגער איז גע־שלאפען אפילו אין מאנטעל... דעם מאנטעל האט ער געטראגען ווייזט אויס במקום פידזשאק, וועלכען ער האט ניט פארמאגט.

ביידע זיינען געשלאפען געשמאק און באוועגלאז שווער, שווער ווי שטיינער...

דאס האט שוין פארדראסען אפילו דעם גרויסען מכנים אורח משה גלעקעל.

וואס איז דאס אזוינס? איז מיין צימער א וועלט הקדש?

— העי, רב איד! פעטער! שטעהט אויף שלאָפען! — האָט זיך משה גענומען שטורכען און פורקען דעם לאַנגען בחור.

דער לאַנגער בחור האָט זיך א ריהר געטאָן און זיך אויסגעדרעהט צום קורצען מיט'ן פנים אין צום מכנים אורח מיט'ן רוקען...

דער גרויסער גוף האָט אין דער בעוועגונג אויסגעטיילט פון זיך אַן עקעלהאַפטען ריח פון שוויים און פון עפּעס אַן אונזויבערער בריאה....

ביי משה'ן האָט זיך פון דעם ריח אזוי פאַרדרעהט דער מיעדער שלעפעריגער קאָפּ אַז ער איז שיעור ניט אומגעפאַלען...

מיט גרויסער מיה האָט ער זיך פערשלעפּט צו דער קאַנאַפּע און האָט זיך ארונטערגעלאָזט...

ביי זיינע פיס האָט ער דערזעהן ליגען צוויי קלומקעס, געפּאַקט אין זעקלאַך פון דייטשע פוס־געהערס און אַלפען־שטייגער...

משה האָט פערשטאַנען, אַז זיינע געסט זיינען אויך פוס־געהערס און אַז זיי זיינען געקומען צו איהם פון א ווייטער מדינה.

ער איז אָבער אַליין געווען אַזוי מיעד און ערשעפּט פון זיין דעבאַטע און שלאַכט, אַז זיין מח האָט ניט געקענט ארבייטען. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף זיין קאַנאַפּע און איז אַליין שנעל אנשלאַפען געוואָרען ווי א דער'הרג'עטער.

— — — — — — — — — — — — —

אַז גלעקעל האָט געעפענט זיינע אויגען נאָך א קורצען און אונרוהיגען שלאָף און נעכאַפּט אַן אינסטינקטיווען קוק אויף זיין בעט — זיינען זיינע צוויי אומגעריכטע אורחים שוין ניט געווען. זייערע צוויי קלומעקעס ביי דער קאַנאַפּקע, אויף וועלכער ער איז געלעגען, זיינען אויך פאַרשוואונדען. משה האָט זיך גענומען רייבען די אויגען, אַזוי ווי די אורחים אויף זיין בעט וואָלטען געווען בלויז א חלום, א נאַכט וויזיאָן...

אין דער ווירקליכקייט פון דער פּאַסירונג האָט איהם אָבער שנעל איבערצייגט דאָס צוקנייטשטע געלעגער, אויף וועלכען די פרעמדע האָבען פערבראַכט זייער נאַכט...

אויף דעם קושען זיינען אין העלען זונשיין, וואס איז געפאלען פון פענסטער, ארומגעקראכען כינים, וועלכע האבען מיט זייער פראַ־פארציע זיך געקענט אסאציאירען בלויז מיט'ן גרויסען גוף פון אורח...

פראו יעגער! פראו יעגער! — האט ער אנגעהויבען שרייען מיט א גרויל איבער'ן ציטערנדען קערפער.

פראו יעגער איז ארייגעלאפען אן איבערגעשראקענע. משה האט זי צוגעפיהרט צום בעט און איהר מיט א שטומען גרימצארען אנגע־וויזען אויף די קריכענדע חיה'לאך, אזוי ווי זי וואלט געווען פעראנט־ווארטליך פאר זיי.

די בעל הבית'ע האט אויסגעשריהען ווי א פערוואונדעטע און האט זיך געכאפט ביים קאפ.

מיין גאט! דאס זיינען דאך איהרע לאנדסלייט... איהרע רוסען... דאס איז א געמיינהייט!

קיין גרעסערע בעליידיגונג האט מען פאר דער ציכטיגער דייט־שער הויז־פרוי ניט געקענט אויסטראכטען. זי האט זיך גענומען צוואַ־גען איהר קווארטיראנט דערפאר, וואס ער האט געמאכט זיין צימער צום נאכט אזיליום פאר אלע שמאראצער און לויזיגע רוסען.

— ווארום האט איהר זיי ארייגעלאזט?

— דאס זיינען דאך ניט די ערשטע און ניט די לעצטע. דאס איז אייער שולד, הער גלעקעל!... זיי האבען אויף אייך געווארט א גאנצען אבענד און אנטשלאפען געווארען. מיין גאט! ווי שרעקליך! ווי געמיין! — און די עמפערטע און אויפגערעגטע פרוי האט זיך גענומען מיט גרויל און עקעל אויף איהר פנים ארונטערשלעפען דאס בעטציייג, האט געמאכט פון דעם א קנויל און איז ארויס פון צימער, פארקלאפענדיג אונטער זיך די טהיר...

איידער אבער פרוי יעגער האט אריינגעטראגען פרישע בעטצייג זיינען די צוויי אורחים מיט זייערע קלומקעס געקומען צוריק.

דער קליינער איז נאכגעגאנגען דעם גרויסען ווי א קוה געהט נאך א קאלב...

— מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע פּריהשטיקען — האָט זיך אַזוי ווי פּערענטפערט דער לאַנגער בחור, אויסשטרעקענדיג צו משה׳ן אַ שלום עליכם ווי צו אַן אַלטען בעקאַנטען.

דער בחור האָט אַריינגעטראָגען אין צימער אַ ריח פון שוויים און פון אַן אונזויבערען קערפּער. דער ריח האָט ווידער גלעקלען אַ קלאַפּ געטאַן איבער׳ן קאָפּ און אַרויסגערופען ביי איהם נאָך אַ גרעסערען ווידערווילען געגען די אונבעקאַנטע און אונגעבעטענע געסט.

דער בעל הבית האָט דעם בחור׳ס אויסגעשטרעקטע האַנט געלאָזט הענגען אין דער לופט.

וואָמיט קען איך די הערשאַפטען דיענען? — האָט זיך געווענדעט צו זיי גלעקעל אין דייטשען, פּעררייסענדיג דערביי וואַזשנע דעם קאָפּ.

אויף אַזאַ קאַלטע און פיינדליך שטאַלצע אויפנאַהמע האָבען זיך די געסט, ווייזט אויס, ניט גערעכט. זי איז ניט געווען, ווייזט אויס, אין איינקלאַנג מיט די בעשרייבונגען פון דעם משה גלעקעל, וועלכע זיי האָבען בעקומען פון די מענשען, וואָס האָבען זיי געשיקט צו איהם. לויט יענע בעשרייבונגען האָבען זיי זיך געמענט אפילו אַריינלייגען אין זיין בעט... און איצט איז ער אַזוי גדול׳דיג ביי זיך...

די פראַגע און דער ניט געענטפערטער שלום עליכם האָט דערפאַר אַרויסגערופען ביים גרויסען בחור דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריין. זיינע קליינע, רינענדע אויגעלאַך האָבען זיך פּלוצים צו צויגען מיט אַ בייזען פלאַם...

אין ליכט אָבער פון דעם פלאַם האָט דעם אורח׳ס פּנים בעקומען אַ נייעם אויסדרוק, אַ גאַנצע נייע בעדייטונג, וועלכע האָט אָבגעשטעלט אויף זיך גלעקעל׳ס אויפמערקזאַמקייט. אַזוי ווי אַ מאַסקע וואָלט פּלוצים אַרונטערגעפאַלען פון דעם פּנים און אונטער איהר וואָלט משה דערזעהן אַ נייע, די ריכטיגע פיזיאָגנאָמיע פון בחור.

גלעקעל איז ניט געווען קיין גרויסער מענשענקענער. אַליין אַן אַגרעסיווער, אָבערפלעכליכער כאַראַקטער האָט ער זיך זעלטען אָבגעשטעלט פאַר מענשליכע פיזיאָגנאָמיעס און זיך איינגעטראַכט אין זיי.

דעם בחור׳ס פיזיאָנאָמיע, זיין גאַנצע גרויסע און אונזויבערע געשטאַלט האָט אין איהם אויפגערודערט עפּעס אַן אינסטינקטיווען ווידערווילען, אַ געפיהל פון שטאַרקער אונרוהע.

משה האָט זיך דערפאַר גענומען צוקוקען צו דעם ווילדען אורח. פאַר איהם איז געשטאַנען אַ הויכער סטוליוואַטער ישיבה־בחור מיט אַ לאַנגען פּנים, אויף וועלכען עס האָבען זיך געלויכטען צוויי קליינע אויגעלאַך, געלויכטען אונזיכער, ווי צוויי סיגנאַלען, וואָס בייטען דעם קאָליר פון זייערע פייערלאַך.

אויף משה׳ן האָט איצט שוין געקוקט אַ נייער אויסדרוק, אַ אויס־דרוק פון אָרימער און דיינקבאַרער תמימות, עפּעס פון אַ פרומער און יעזואיטישער עניות. אַ פּנים פון אַ ישיבה בחור, וואָס עסט קעסט און הענגט כסדר אָב פון פרעמדע חסדים.

גלעקעל האָט ניט געקענט אין זיין קאָפּ פאָרמולירען דעם איינ־דרוק, דאָס געפיהל פון אונרוהיגקייט, וואָס דער פּנים האָט ביי איהם ארויסגערופען. אַז ער האָט אָבער דערזעהן, אַז דער בחור איז אַ רוי־טער, אַז זיין ניט ראַזירטער פּנים איז בעדעקט מיט פייער רויטע שטעבילקעס איז איהם אַלעס געוואָרען קלאָר און פאַרשטענדליך...

גלעקעל אַליין איז געווען אַ ברונעט און ער האָט אינסטינקטיוו געהאַסט רויטע מאַנסבילען. ער פלעגט אָבער ניט לויפען פון רויטע סטודענטקעס.

דער בחור האָט זיך געלאָזט עקזאַמינירען פון גלעקעל׳ס אויגען, זיך גראַבענדיג אינצווישען אין זיינע אונצעהליגע קעשענעס און ארויסשלעפּענדיג פון דאָרט זיינע רעקאָמענדאַציעס...

משה האָט שטום גענומען פון בחור׳ס הענט די רעקאָמענדאַצ־יעס און זיי זייער קאַלט איינגעלאַדען צו זעצען.

די בחורים האָבען זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, ווי אָרימע קרובים, אַראָבלאָזענדיג זייערע קלומקעס אויפ׳ן דיל צווישען זייערע פיס. מיט די קלומקעס האָבען זיי זיך, ווייזט אויס, מורא געהאַט צו שיידען און האָבען זיי מיטגענומען אפילו ווען זיי זיינען ארויסגע־גאַנגען אויף אַ ווייל פריהשטיקען.

— וואס? איהר זייט עס דער וואלאזשינער עילוי? — האט פלו־צים אויסגעשריהען גלעקעל מיט התפעלות.

זיין קאלטער שטאלץ און פיינטשאפט צו די אונגעבעטענע געסט איז ביי משה פארשוואונדען ווי מיט'ן רויך...

— יא! — האט איהם קורץ געענטפערט דער לאנגער בחור. דער אויסדרוק פון זיין פנים און איבערהויפט פון זיינע צוויי קליינע אוי־געלאך האט זיך ווידער געבעטען. דער אויסדרוק איז איצט געווען א שטאלץ באריהמערישער...

— וואס־זשע דענקט איהר צו טאן אין בערן? — האט איהם גע־פרעגט גלעקעל.

— שטודירען מעדיצין מיט יוריספרודענץ...

— וואס פאר א שייכות האט מעדיצין צו יוריספרודענץ?

— פילאסאפיע שטודיר איך סיי־ווי־סיי פון ביכער וועל איך אין 4 יאהר ענדיגען 3 פאקולטעטען — האט איהם ערקלערט דער וואלא־זשינער עילוי קאלטבלוטיג.

צו וואס דארפט איהר ענדיגען מיט א מאל 3 פאקולטעטען?

— ווייל עס איז ניטא קיין פיהר — האט געענטפערט דער עילוי מיט א פלעגמאטישער ערנסט אהן א מינדסטען שפור פון איראניע אדער שפאס אין זיין טאן.

— מעגסט שוין ענדיגען 10 פאקולטעטען און מנשה בעק וועסטו אלץ בלייבען. — האט זיך געווענדעט דער קלענערער ברודער צו גלעק־לען — ער האט נאר א זכרון... דאס איז אן אלמער מיט ספרים, א לעבע־דיגע ביבליאטעק, אבער דער טויטעסטער גייסט, וואס איך האב אמאל געזעהן — האט דאס קלענערע ברודערל רעקאמאנדירט דעם גרע־סערען מיט אזא ביטערען, גאליקען אויסדרוק אויף זיין קליינעם, לאנג־געזויגענעם, כמעט פויגלישען פנים, אזוי ווי דער ברודער זיינער וואלט מיט זיין טויטען גייסט איהם פערזענליך אונגליקלאך געמאכט.

משה גלעקעל האט זיך גענומען צוקוקען צו דעם גאליקען פארשוין און האט ניט געקענט געפונען קיין איין איינציג שטריך פון ברו־דערליכער עהנליכקייט צווישען די צוויי בחורים.

די רעקאמענדאציע האט אבער דעם גרעסערן ברודער ניט נאר ניט בעליידיגט, נאר אפילו ניט געמאכט דעם מינדסטען איינדרוק.

דער פלעגמאטישער ישיבה בחור האט זיך בלויז אנגעבויגען צו זיין קלומעק האט איהם אויפגעעפענט און פון דארט ארויסגענומען א מגילה שאכטעל, עס געעפענט, און מיט א שטומען, קינדיש-נאאי-ווען שטאלץ דערלאנגט גלעקלען א מגילה.

משה גלעקעל האט אזש אונטערגעשפרונגען פון איבערראשונג.

— וואס איז דאס? אן אטעסטאט-זרעלאסטי?

דער עילוי האט זיך אויף דער פראגע בלויז פלעגמאטיש אויפ-געהויבען פון ארט און זיך גענומען טייטען מיט'ן פינגער.

— און איהר זעהט? אלץ פיאטערקעס... פינפען...

משה אליין האט פיעל אין זיינע יוגענד-יאהרען געארבייט אויף פיער קלאסען גימנאזיע און האט נישט געקענט קריגען קיין אטעס-טאט. דער בחור מיט דער „מאטורא" און מיט פינפען האט ביי איהם ארויס גערופען א געפיהל פון קנאה און גרויסען רעספעקט.

— איצט גלויבט איהר שוין, אז איך קען ענדיגען 3 פאקולטעטען אין 4 יאהר? דער גאנצער אטעסטאט האט ביי מיר גענומען צוויי יאהר.

— פאלאזשים... עס האט געדויערט א ביסעלע לענגער — האט בע-מערקט דער יונגער ברודער מיט א יעבידנע שמייכעלע.

דער עלטערער האט אפילו אויף איהם קיין קוק ניט געטאן, אזוי ווי עס וואלט גערעדט א קינד, וואס פערדיענט קיין אויפמערקזאמקייט, און ארייגלייגענדיג צוריק זיין אטעסטאט אין דעם שאכטעל און די שאכטעל צוריק אין קלומעק האט זיך דער רויטער, סטולעוואטער ישיבה בחור ארונטערגעלאזט צוריק אויף דער סאפע, האט פערמאכט די אויגען, האט זיך צוקאטשעט ווי א ישיבה בחור איבער דער גמרא און מיט א גמרא ניגון זיך גענומען אויסווייניג ציטירען גאנץ יוליוס צעזאר...

דעם בחור'ס פיזיאנאמיע האט זיך ווידער געביטען. מיט פער-מאכטע אויגען און זיך שאקלענדיג, האט ער איצט אויסגעזעהן ניט נאר עפעס ווי א תם נאר ווי א בינעזישער באלוואן.

משה גלעקעל האָט זיך אַזוי צולאַכט, אַז ער איז שיעור ניט אַריינגעפאַלען אין אַ היסטעריקע.

און דער געלעכטער האָט צובראָכן דעם גאַנצען באַריער פון פרעמדקייט און פיינדליכען שטאָלץ, מיט וועלכען גלעקעל האָט זיך באַלד אַבגעטיילט פון די אונגעבעטענע געסט.

אַליין אַ ישיבה־בחור האָט ער דעם אַנשטעל לאַנג ניט געקענט אַנהאַלטען.

און די צוויי ישיבה בחורים זיינען באַלד אַריין געגומען געוואָרען אונטער גלעקעל'ס פּראָטעקטאָראַט.

— — — — — — — — — — — — —

גלעקעל'ס פּראָטעקטאָראַט האָט זיך געצויגען בלויז איבער'ן נידעריגען טייל, דאָרט וואו עס איז געלעגען די אַלטע אוניווער־זיטעט, דער בערגן־גראַבען. ער האָט געהערשט בלויז איבער דער ציוניסטישער קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך צושפּרייט איבער'ן טהאָל.

דער באַרג, די סאָציאַליסטישע קאָלאָניע האָט געקוקט אויף משה'ס מלוכה מיט אַ ביטול, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פעראַכטונג. משה'ן אַליין, דעם גוטען, הארציגען, „סימפּאַטישענע פּאַריען", דעם פיהרער פון טהאָל האָט ניט איין מיידיל באַדויערט מיט אַ וועהטאָג אין הארצען...

אַך, ווען משה זאָל זיך ניט געווען פערבונדען מיט דער קלערי־קאַלער סוואָלאָטש מיט די צוקונפטיגע גאַליציאַנישע און אונגאַרישע רבנים, מיט די אַבסקוראַנטען, וואָס האָבען געזוכט דעם דאָקטאָר טיטול בלויז צוליעב פּרנסה, מיט די פרומע יעזואיטען, מיט פאַרלאָזטע בערד און ווייב און קינדער אין דערהיים!

ווען משה זאָל איבערהויפּט ניט געווען פערבונדען זיין שיקזאַל מיט'ן רעאַקציאָנערען ציוניסטישען גדאַנק!

וויפיעל מיידילשע הערצער וואָלטען געווען פאַר איהם אָפען! אַזוי אַבער?

פאַר'ן פיהרער פון דער רעאַקציע דאָס הייסט פון טהאָל, האָט זיך געשלאָסען יעדעס מיידילש הארץ דאָרט אויפ'ן באַרג...

און האט עס געקענט זיין אנדערש?

דער בארג האט געמוזט זיין ראדיקאל. ראדיקאליזם איז דאן גע־ווען די מאדע און דער בארג איז בעשטאנען מעהרסטענטיילס פון סטודענטקעס...

דאס ווייבליכע געשלעכט האט ניט געהאט דעם מינדעסטען פערדאכט, אז עס פאלגט די מאדע און ניט דעם ראדיקאלען גע־דאנק!

און אזוי האט דער בארג געלעבט אין אן אייביגען קריעגסצושטאנד מיט'ן טהאל. די ארמייען פון טהאל געגען בארג האט געפיהרט גלעקעל, די ארמייען פון בארג געגען טהאל האט געפיהרט ד"ר לאור־קאטש, דער אפאלא פון דער ווייבערשער קאלאניע אויף'ן בארג.

פון צייט צו צייט האבען אונטערגענומען א זעלבסטשטענדיגען אנגריף אויף'ן טהאל די שוועסטער באחמוטסקי, צוויי אלטע מיידען, וועלכע זיינען געווען באריהמט איבער גאנץ שווייץ מיט זייערע ביי־זע מיילער ווי מיט זייער אויסערגעוועהנליכער מיאוסקייט... די שוועס־טערלאך פלעגען ניט דעבאטירען, נאר זיך דראפען מיט די נעגעל ווי ווילדע קעץ און בייסען מיט די ציין, בייסען טיעף, טיעף ביז צום בלוט...

בעזונדערס פלעגען זיי בייסען אין א דעבאטע די מאנסבילשע אפאנענטען... בעזונדערס גרויזאם פלעגען זיי בייסען דעם אפאלא פון זייער אייגענער קאלאניע, דעם דר. לאוקאטש...

און ניט איינמאל פלעגט דער שעהנער דאקטאר מיט א בערדיל פון א קריסטוס לויפען אין א דעבאטע פון די שוועסטערלאך ווי א צובלוטיגטער און צופליקטער האהן נאך א שלאכט מיט א קאנקורענט...

און אזוי האט דער סאציאליסטישער געדאנק אויף'ן בארג גע־פיהרט מלחמות מיט'ן שאוויניסטישען געדאנק אין טהאל.

אן ארמיי פון אמאזאנקעס אויף'ן בארג האט זיך געשלאגען פאר'ן סאציאליסטישען געדאנק מיט'ן טהאל, וואס איז בעשטאנען אויסשליסליך פון זכרים, אפילו שוין ניט קיין יונגע, אפט באבער־דעטע און ניט זעלטען פליכאטע זכרים, מיט מענער פון עלטערע פרויען און טאטעס פון קינדער אין דער היים, אבער דאך זכרים...

און די זכרים האבען זיך געשלאָגען מיט דער זעלבער ביטערער ליידענשאפט, מיט'ן זעלבען בלוטיגען האס ווי די אמאזאָנען.ביידע ארמעען האבען געפיהרט דעמזעלבען הייליגען קריעג: פאר א וועלט־אנשויאונג, פאר א לעבענס־אידעאַל, פאר א רעליגיאָן...

און אזוי זיינען אין פעלד תמיד געשטאַנען צוויי ארמייען, צוויי מינים, זכרים און נקבות...

מען האט זיך געשלאָגען פאר הייליגע פרינציפען און סאָציאַלע פראָגראמען אהן דעם מינדסטען פערדאַכט, אז די מלחמה איז ניט קיין פרינציפען־מלחמה, נאר א געשלעכטס־מלחמה. די מלחמה פון מינים פאר און נעגען אונטעריאָכונג. מען האט זיך געשלאָגען אהן דער מינדעסטער אהנונג, אז דאס איז בלויז דער אייביגער ביאָלאָגי־שער פראָצעס פון ראסענרעפּראָדוקציע...

און דערפאר טאַקע אליין איז דער קאמף געווען אזא ביטערער, די שלאַכטען אזוי בלוטיג, די דעבאַטען אזוי ליידענשאפטליך.

עס האט דעבאַטירט ניט דער שכל נאר די נאַטור אליין, די ליי־דענשאפט פון געשלעכט.

— — — — — — — — — — — — —

אמאָל אבער פלעגט פאסירען א פאררעט... עס פלעגט פאסירען ניכער מיט די אמאזאנקעס פון בארג ווי אין לאגער פון טהאָל... אז א מיידעל זאָל פאררעטען איהר פלאג, איהרע קאמפקאמעראדען און לויפען אין טהאָל אריין, אין די ארעמס פון א בחור...

דער בארג פלעגט דאן קוקען אויפ'ן דעזערטיר ווי אויף א רענע־גאט און פאררעטער... דער טהאָל פלעגט יובעלען פון זיעג. בעזונדערס פלעגט יובעלען משה אליין, דער פעלדמארשאַל פון טהאָל... ער פלעגט שטאַלצירען מיט'ן מיידעל, וואס האט זיך באקעהרט צו זיין גלויבען מעהר פון בחור, אין וועמענ'ס ארים זי איז געלאָפען און צוליעב וועמען זי האט עס פעררעטען איהר פארטיי און איהר פלאג... ער פלעגט צונעהמען דעם קרעדיט פון בחור און איהם צושרייבען צום ציוניסטישען גערעכט...

— — — — — — — — — — — — —

און משה האָט גענומען אונטער זיינע פליגעל די צוויי ברידער באַכמוטסקי, טראָץ דער אַנטיפּאַטיע, דעם אינסטינקטיוועז ווידערווי־לען, וועלכע ביידע האָבען ביי איהם אַרויסגערופען פון ערשטען מאָמענט, עפּעס אונזויבערעס, מאָראַליש און פיזיש, האָט געשטעקט אין ביידע. משה האָט עס געפיהלט, מעהר אינסטינקטיוו... די אינערליכע אַנטיפּאַטיע צו זיי האָט איהם אַליין געערגערט, אויפגערעגט, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, וואָרום זיי שטויסען איהם אָב. ער האָט זיך ניט געקענט אָבגעבען קיין חשבון אין איהר, און ניט געוואָלט... משה האָט פיינט געהאַט זיך צו גריבלען אין זיינע געפיהלען, ער האָט עס פשוט ניט געקענט... עס איז געווען לחלוטין פרעמד זיין סאַנגווינישער נאַ־טור. אין דער באַציהונג איז ער געווען אַ זעלטענער אויסנאַהם צווי־שען דער אידישער שטודירענדער יוגענד. דערפאַר האָט ער געקענט אַזוי פיעל זיך טומלען, אַרומלויפען און זיך כסדר קאָכען און פוכקען ווי אַ לאָקאָמאָטיוו אונטער'ן העכסטען דרוק פון דאַמף.

גענומען האָט ער די ברידערלאַך אונטער זיין פּראָטעקטאָראַט פאַר דעם כבוד פון ציוניסטישען געדאַנק, געוועהנליך. דער וואָלאָזשינער עילוי האָט איהם ערקלערט, אַז ער איז אַ ציוניסט מלדה ומבטן און דער קלענערער ברודער האָט פאַרשפּראָכען זיך צו באַטראַכטען.

— וואָס איז דאָ דאָביי זיך צו באַטראַכטען? באַטראַכטען גאָר! וואָס פאַר אַ באַטראַכטען? — האָט זיך צוקאָכט משה.

— און איהר מיינט, אַז ער איז אַ ציוניסט? — האָט אַנגעוויזען דער קלענערער באַכמוטסקי מיט אַ פינגער אויפ'ן גרעסערען און עפּעס מיט אַ טריאומף פון אַ דעטעקטיוו, וואָס האָט געכאַפּט אַ גנב אין די אויגען.

משה האָט באַמערקט פון ערשטען מאָמענט, אַז דער קליינער האַלט אין איין קריטיקירען און באַליידיגען דעם גרויסען, אַז דער גרויסער נעהמט עס אָן מיט אַ שעפּסענער געדולד און פאַרשוויינט עס כסדר, אַז דער קליינער איז עפּעס סתם אַ יאַבעדניק. און ער האָט די ערשיינונג ניט פערשטאַנען. און ווייל ער האָט זי ניט פאַרשטאַנען האָט זי איהם געערגערט, גערייצט. און וואָס מעהר זי האָט איהם

גערייצט אַלץ מעהר איז געוואַקסען זיין אַנטיפּאַטיע צו ביידע, גע־וואַקסען אין אַ גרויסער, עפּעס אינסטינקטיווער שנאה...

מיט דער שנאה איז אָבער געוואַקסען משה'ס פּראָטעקציע צו די צוויי טיפּען, זיין אַנטהייל אין זייער לאַגע. מיט דער פּראָטעקציע האָט ער געוואָלט פאַרשרייען, פאַרטומלען זיין אַנטיפּאַטיע צו ביידע. משה האָט ניט געקענט פיינט האָבען. ער האָט געקענט בלויז פיינט האָבען געגנערישע אידייען און ערשט פון די אידייען איבערטראָגען זיין פיינד־שאַפט אויף די טרעגער פון אידייען. דערפאַר האָט ער ליעב געהאַט וואַסערמאַן און טאָפּף אין דער צייט, ווען אַלע האָבען זיי געהאַסט. דערפאַר האָט ער געהאַט אַזוי פיעל פריינט אפילו צווישען די סאָ־ציאַליסטען. ער האָט זיי געשאָלטען בלויז מיט טויטע קללות, ווי אַ מאַרק אידענע שעלט זיך, אָבער האַסען מיט אַן אמת'ן האַס האָט ער ניט געקענט.

די צוויי ברידער האָט ער שוין אָבער געהאַסט און ווייל ער האָט זיי געהאַסט שוין פון ערשטען קאָנטאַקט, האָט ער אָנגעהויבען אַרומ־לויפען און כלאַפּאָטשען פאַר זיי, צופּויקען איבער דער קאָלאָניע דעם נייעם אוצר, וואָס גאָט אַליין האָט איהם צוגעשיקט פאַר'ן ציוניסטי־שען אידעאַל.

די ערשטע סטאַנציע, וואו משה האָט זיך אָבגעשטעלט אין זיין טעגליכען טומעל און לויף איז געווען וואַסערמאַנ'ס קוואַרטיר. אַריין איז ער, ווי געוועהנליך, ווי אַ ווירבער.

— דער וואָלאָזשינער עילוי איז אָנגעקומען... אַ ציוניסט מלדה ומבטן... קען ש"ס, ספרא, תוספתא און מכילתא אויסווייניג, ציטירט אויסענווייניג יולי צעזאַר... לאַטיינישע און גריכישע קלאַסיקער, האָט אַן אַטעסטאַט פון אַ גימנאַזיע מיט גאָלע פּיאַטאָרקעס... אַ גאון! אַ גאון עולם! אַ ביבליאָטעק! אַ לעבעדיקע ביבליאָטעק! און דער ברודער שרייבט דראַמען. געבראַכט אַ דראַמע אין זיבען אַקטען און צוועלף בילדער... — און כאַפּענדיג אַ פּאָר לעפעל רייז פון סאָלדאַטסקי קע־סעל האָט ער זיך גענומען סטראַשען דעם „באָרג".

— איצט וועלען מיר זיי ווייזען וואו ראַקעס ווינטערען, אַ כאָלע־רע אויף זיי רבונו של עולם! דער וואָלאָזשינער עילוי געהט שרייבען

א רעפעראט, וואס וועט זיי צורייבען ווי מאן... אש און שטויב וועט ער פון זיי מאכען!

וואסערמאן איז ניט געווען און משה האט דאס אלעם אויסגע־שיט פאר טאפף'ן, וועלכער האט אויסגעהערט די גאנצע מעשה מיט א פארריסענעם בליק צו דער סטעליע אהן א בעמערקונג פון זיין זייט.

און כאפענדיג נאך א לעפעל רייז און אויסשיטענדיג נאך א פאר קללות און סטראשונקעס דעם „בארג", איז משה ארויס ווי א וויכער, געקומען צו לויפען אין עטליכע מינוט צוריק צום אפענעם פענסטער און האט ארויסגעשריהען:

— העי, טאפף! ווי ביסטו ערגעץ א בראך צו דיר? די באכמוטסקים וועלען נעכטיגען ביי דיר עטליכע נעכט, ביז איך וועל קריעגען פאר זיי א קווארטיר... זיי זענען אזוי שמוציג און לייזיג, אז קיינער וויל זיי ניט אריינלאזען... א כאלערע אויף די שווייצער... קיינע רוסען! אי, דארפען מיר א לאנד... אן אייגענע לאנד! געה טענה אבער מיט דער באנדע, א כאלערע אויף זיי. העי, טאפף! האדעווע זיי א פאר טעג פון „קאטיאל" און איך וועל דיר באצאהלען. אט האסטו פינף פראנק! — און שלײדערענדיג א פינף פראנק מטבעה אויפ'ן טיש, וועלכע האט זיך אראבגעקייקעלט אויפ'ן דיל, איז ער ווידער פאר־שוואונדען. און טאפף האט זיך גענומען קריעכען אויף אלע פיר און זוכען דעם זילבערנעם פינף פראנק שטיק. ער האט געוואוסט, אז מען גיט געלט דארף מען נעמען אונטער אלע אומשטענדען.

משה'ס צווייטע סטאנציע איז געווען די קווארטיר, וואו די צוויי שוועסטער באכמוטסקים האבען געוואוינט. די קווארטיר איז פשוט געלעגען אויף זיין וועג און משה פלעגט זי ניט אויסמיידען, זיך אריינכאפען, זיי און די גאנצע סאציאליסטישע באנדע אנשעלטען מיט טויטע קללות, לייענדיג דערנאך א פאר פראנק ביי זיי אדער פארקערט, זיי געבען א גמילות חסד, זיי טאן אן אנדער געפעליגקייט און אנטלויפען.

די שונאי ישראל, וועלכע האבען געהאסט דאס אידענטום, דעם ציוניזם מיט א זאאלאגישען האס, האבען ליעב געהאט משה'ן און פלעגען איהם אנקלאפען אין פענסטער, ווען ער פלעגט פארביילויפען.

משה פלעגט קיין מאָל ניט געהן, נאָר לויפען אין האסט, א פאַר־שמייעטער, ווי א סארוועך אויף א חתונה. אויך דאָס מאָל האָט איהם די אינגערע, ציפּקע, אַנגעקלאַפּט אין פענסטער.

— משה! וואַרף אַוועק דיין אידיאָטסקי ציוניזם וועל איך מיט דיר חתונה האָבען — האָט זיך געוועגדעט צו איהם די אינגערע ציפּקע, אין איהר געוועהנליכען ציניש פארשייטען טאָן, וועלכע האָט תמיד אויסגעמאַכט אַזאַ קאָנטראַסט צו דער עלטערער קלאַרא, וועלכע משה האָט אַ נאָמען געגעבען „די מאַרקסיסטישע אידענע". קלאַרא׳ס טאָן איז תמיד געוועזען אַ שווערער און קלאָציגער, ווי איהר טאַליע איז געוועזען קלאָציג, אַ ווירדיגער און געלערענטער, דער זעלבער טאָן און פראַ־זעאָלאָגיע, אין וועלכער זי האָט געשריעבען. פון דעם טאָן פלעגט זי אראָבקריעכען בלויז אין דער היץ פון אַ פּאָלעמיק, אין אַ דעבאַטע. אָבער אויך דאָן איז זי געוועזען בלויז סאַרקאַסטיש בייז, שפּאָטענד, אָבער ניט ציניש, וואָלגאַר ווי ציפּקע איז געוועזען, וועלכע איז געוועזען אַ מאַלערין, מעהר אַרטיסטיש, ווי די קלאַרא, און איז דערנאָך באַ־ריהמט געוואָרען איבער דייטשלאַנד מיט איהרע בייזע און צינישע קאַריקאַטורען אויפ׳ן דייטשען קייזערטום.

משה האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם מיאוסען מיידעל און איהר מיאוסקייט האָט פארקלעמט זיין הארץ... ער האָט שוין דערפאַר איהר ניט געענטפערט אויף דער באַליידיגונג פון ציוניזם, פון זיין לעבענס־אידעאַל און ניט אויפ׳ן שטיפערישען הייראַטס־פאַרשלאַג... משה האָט גוט געוואוסט, אַז אין דער שטיפעריי שטעקט אַ גרויסער ערנסט, אַז ציפּקע איז פאַרליעבט אין איהם. דעם שטיפערישען הייראַטס־פאַרשלאַג האָט ער שוין פון איהר געהערט עטליכע מאָל. ביי יעדען מ״ל האָט ער אָבער אַרויסגערופען אַ שוידער אויף זיין לייב...

אינערליכער טאַקט האָט איהם דערפאַר אָבגעהאַלטען זי צו באַ־ליידיגען, איהר וועה צו טהאָן, איהם אָבגעהאַלטען אינסטינקטיוו אָהן איבערלייגונג.

אַנשטאַט דעם האָט ער אָנגעהויבען צו פויקען וועגען וואָלאָזשי־נער עילוי.

דער וואָלאָזשינער עילוי איז געקומען: אַ בחור, וואָס געהט שטור־

דירען מעדיצין און יוריספרודענץ... קען ש"ס, ספרא, תוספתא און מכילתא אויסענווענדיג... ציטירט יולי צעזאר... גריכישע קלאסיקער. א ביבליאטעק!... א לעבעדיקע ביבליאטעק!... טאקע ווערט זיי שוין הארעוועו פון סאלדאטסקי קאטיאל. אן אטעסטאט פון א קלאסישער גימנאזיע מיט גאלע פיאטארקעס... געמאכט די מאטורע אין צוויי יאהר. איך האב שוין באשטעלט ביי איהם א רעפעראט געגען בונדיזם... אש און בלאטע! שטויב ווערט ער פון אייך מאכען — האט געשאטען משה. און איז אזוי פארכאפט געווארען פון דער פערספעקטיווע צו מאכען אש און שטויב פון „בארג" און פון די צוויי שוועסטערלאד, אז ער האט אפילו ניט באמערקט דעם שטארקען רושם, וואס זיינע ווערטער האבען געמאכט אויף די שונאי ישראל...

און דעם רושם האבען נאטירליך ניט געמאכט דער רעפעראט... די צוויי ווייבערשע ציגעלעך האבען ניט מורא געהאט פאר רעפעראטען... דעם רושם האט געמאכט דער וואלאזשינער עילוי אליין...

קלארא און ציפקע האבען זיך גענומען איבערקוקען מיט לאנגע, אונרוהיגע בליקען, אזוי ווי משה וואלט זיי געבראכט א טרויעריגע בשורה. אפילו ציפקעס פנים האט זיך פארוואלקענט און דער שטיפערישער אויסדרוק, מיט וועלכען זי האט אויפגענומען משה'ן, איז מאמענטאל אויסגעלאשען געווארען.

— אזוי... זיינען זיי שוין דא! — האט באמערקט קלארא צווישען די ציין.

— איך האב דאך דיר געזאגט, אז זיי וועלען קומען — האט זיך אנגערופען ציפקע מיט א גרויסען פארדרוס.

קלארא, וועלכע האט געשריעבען, ווען משה איז אריין ווי א באמבע אין זייער צימער, האט זיך מיט פארדרוס אויסגעדרעהט צו איהם מיט די פלייצעס און האט זיך צוריק פארטיעפט אין איהר ארבייט, וועלכע זי האט אונטערבראכען צוליעב דעם גאסט.

ציפקע האט זיך צוגעזעצט אין א שטוהל און האט אנגעשפארט איהר קאפ אויף דער האנט, א טרויעריגע און געערגערטע צום אוי־סערסטען. משה האט עס בעמערקט און אויפגעהערט צו שיטען. באלד

איז ער שוין געשטאַנען אין מיטען צימער פון די צוויי שוועסטער, ווי א גרויסער פראַגע־צייכען.

אַז צווישען די ברידער באַכמוטסקי און די שוועסטער באַכמוטסקי קען זיין א בלוטפארוואנדשאפט, די פארוואנדשאפט פון ברידער און שוועסטער, איז אויף זיין מחשבה ניט געקומען. די שוועסטער האָבען געהאַסט דאס אידענטום מיט אזא טיעפען, זאַפּלאַגישען האס, אז קיי־נעם וואלט ניט געקענט קומען אין קאָפּ, אז דער וואָלאָזשינער עילוי זאָל זיין זייערער א ברודער. דעם פאקט, וואס זיי אליין האָבען גע־קענט גוט העברעאיש און אפילו תלמוד האבען זיי פארבאָרגען ווי א גרויסע שאנדע... דערפאר האבען זיי זיך ניט געשעמט מיט זייער אידיש־רוסישען אַקצענט און האבען גערעדט בלויז רוסיש... זיי האָבען ניט געהאט דעם מינדעסטען פארדאכט אז זיי רעדען רוסיש מיט א שלעכטען אידישען אַקצענט און זיך באַטראַכטעט אַלס פּערפעקטע רוסען. קיין גרעסערע באַליידיגונג האָט פאר זיי ניט געגעבען, ווען מען האט זיי אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם אַקצענט. עס איז געווען ערגער, ווי זיי צו זאגען, אז זיי זיינען שוין אַלטע, מיאוסע מיידען... די שוועסטערלאך האבען אזא באַליידיגונג קיין מאָל ניט פארגעבען...

משה האט צוגעשריעבען דעם פּלוצליכען שנוי אין די שוועסטערס שטימונג ציפּקעס הייראטס־פארשלאַג, אויף וועלכען ער האָט ניט רעאַגירט און פארשוויגען, און איז געקומען אין א גרויסער פארלעגענ־הייט... א געפיהל פון רחמנות צו ציפקען האָט ווידער פארקלעמט זיין הארץ.

און אום צו פארשרייען זיין פארלעגענהייט און זיך אויסצודרעהען פון דעם פּלאָנטער, אין וועלכען עס האָט איהם אַריינגעוואָרפען זיין גוט, סימפאטעטיש הארץ, האט ער זיך ווידער גענומען לויבען דעם וואָלאָזשינער עילוי. לויבען מיט א כעס, ווייל ער האָט איהם פיינט געהאָט, פיינט געהאט פון ערשטען מאָמענט.

— א גאון! א גוואַלדיגער גאון זאָג איך אייך, איהר הערט ווי־ס איך דערצעהל אייך? בערג וועט ער איבערקעהרען, זאַג איך אייך!

ער האָט געוואָלט א לויב טהאָן אויך דעם קלענערען, דערמאָנען די דראמא אין זיבען אַקטען און צוועלף בילדער, עס האָט איהם אָבער

אבגעהאלטען דערפון זיין אנטיפאטיע צו דעם בייזען, גאליגען בחור׳ל.

דא אבער איז קלארא אויפגעשפרונגען פון שטוהל און האט א קלאפ געטהאן אין טיש.

— ביי זיך אבער וועל איך זיי ניט האבען! אויף קיין פאל. מיר זיינען שוועסטער, מיר ווילען אבער גארניט האבען מיט זיי צו טהאן.

— יא, זאלען זיי עס וויסען! בלוטפארוואנדשאפט איז גארנישט... מיר האבען שוין לאנג געבראכען מיט אונזער פאמיליע און זיי פאר־געסען! — איז אויך אויפגעשפרונגען פון איהר ארט ציפקע און האט זשעסטיקוליערט פאר משה׳ס פנים, א גרייטע, ווי א קאץ, איהם אויס־צודראפען די אויגען.

משה איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, אי פון דער איבערראשונג, וואס די צוויי ישיבה בחורים זיינען ברידער פון די אינטערנאציא־נאלקעס, אי פון דעם באנעהמען פון די שוועסטער צו די ברידער... דער אינצידענט אבער האט איהם טיעף פארוואונדעט, ווי א פער־זענליכע באליידיגונג...

א ווייל איז ער נאך געשטאנען און צוגעקוקט מיט פיין און אינערליכען גרויל, ווי די צוויי אלטע און מיאוסע מוידען האבען זיך נעקאכט און געשפרונגען ווי קעץ אין זיינע אויגען, רעדענדיג פון די ישיבה בחורים מיט א שנאה און מיט אזא האס צו זיי, אזוי ווי זיי וואלטען באגאנגען דאס גרעסטע פארברעכען און זיי געבראכט א גרויסע שאנדע.

— נאך מנשה בעק פעהלט מיר דא צו האבען! — האט זיך גע־קאכט קלארא.

— און משה־זעליג? משה זעליג! כא, כא, כא, — האט זיך צולאכט ציפקע — שוין איין מאל א משה זעליג!... וואס געהט ער שטודי־רען?—

משה גלעקעל האט זיך אויסגעגלייכט מיט ווירדע, ווי א באליי־דיגטער...

— זיי וועלען זיך באגעהן אהן אזוינע שוועסטערלאך! איך וועל פאר זיי זארגען! — האט ער זיך א קלאפ געטהאן אין ברוסט, האט

זיך אויסגעדרעהט צו די צוויי בייזע קעץ און פאַרלאָזען זייער צימער.

משה איז שוין אָבער ווייטער ניט געלאָפען, נאָר געגאַנגען ווי א פארטשאַדעטער פון דעם האַס און בייזער גאַל, וואָס די שוועסטערלאַך האבען אויסגעגאָסען פאַר איהם. משה האָט עס ניט געקענט פאַר־שטעהן און דערפאַר מוחל זיין...

ער איז געגאַנגען און געהאַלטען אין איין שפייען פאַר זיך: טפו, זאָלט איהר ווערען!

צוליעב די שוועסטערלאַך האָט ער אָבער אינסטינקטיוו אין דעם זעלבען מאָמענט, נאָך מעהר פיינט באַקומען די ברידערלאַך...

✧ ✧ ✧

דער איינזאַמער דאָרן

פערטער קאַפּיטעל

וואַסערמאַנ׳ס קאָפּ איז נאָך אַלץ געווען פערבאַנדאַזשירט...

דער ביערקופּעל, וואָס איז יענעם אָוונד געוואָרפען געוואָרען אויף איהם, האָט געלאָזט אין זיין קאָפּ ווי אין זיין נשמה טיעפע שפּורען...

חוץ דעם האָט די אויפרעגונג פון׳ם אָבענד אַרויסגערופען זיין אַלטע קרענק, וועלכע האָט געלויערט אין זיין אַנגעגריפענעם קערפּער.

15 סעמעסטער פון הונגער־לעבען און נויט האָבען ניט נאָר חרוב געמאַכט און פערברענט זיין נשמה, וועלכע איז איצט געלעגען אונטער אַ בּאַרג קאַלטען אַש. נאָר אויך צושטערט זיין קערפּער...

ער האָט כראָניש געליטען פון אַ מאָגען קאַטאַר און האָט שוין לאַנג בעדאַרפט האָבען אַן אָפּעראַציע אויף דער בּלינדער קישקע...

מיט אַ רואינירטען מאָגען זיינען געווען פערבונדען געפעהרליכע סאַפּשמערצען, וועלכע פלעגען איהם מאַכען דאָס לעבען איינפאַך אונערטרעגליך...

אַז ער פלעגט זיך אָוועקלעגען, איז שוין טאָפּ ניט אָבגעטרעטען פון זיין בעט און פלעגט אונאויפהערליך קאָכען וואַסער אין פאַן און איהם לייגען הייסע קאָמפּרעסען צום בויך און קאַלטע צום קאָפּ...

דרויסען, פאַר דעם אָפענעם פענסטער, איז געלעגען אַ זאַנפטער, פערקלערטער פריהלינגס־אָבענד.

די שמערצען האָבען וואַסערמאַנ׳ען אַביסעל אָבגעלאָזען און טאָפּ איז אַרויסגעגאַנגען צו זוכען אַ הלואה אין דער קאָלאָניע, אַ פּאָר פראַנק פאַר זיין קראַנקען חבר, וואָס האָט שוין צוויי טאָג גאָר ניט גענומען אין מויל.

דאָס איז אפילו ניט געווען זיין מלאכה, ער האָט עס פּשוט ניט געקענט... ער האָט נאָר געשפּיעלט די בעל־הבית׳טע... דאָס קאָכען

אויף דער מאַשינקע איז געלעגען אויף איהם... פאַר'ן איבריגען האָט שוין וואַסערמאַן אַליין געזאָרגט...

איצט אָבער איז וואַסערמאַן געלעגען ערנסט קראַנק, ער האָט בעדאַרפט וועניגסטענס האָבען אַביסעל זופּ פון אַן עוף און טאָפּ האָט געמוזט זאָרגען אַליין עפּעס צו קריגען. פון זיינע צוויי פלאַקערענדע וואַלפישע אויגען האָט מען געקענט זעהן, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דער קאַלאַניע מוטיג און ענטשלאָסען אויף אַלעס...

עס איז געווען אַ זאַנפטער זומער־אָבענד און וואַסערמאַן איז געלעגען אין בעט ביים אָפענעם פענסטער, זיין בליק און צוגלייך זיינע געדאַנקען האָבען געבלאַנדזשעט ווייט איבער די דעכער...

די שנעע־בעדעקטע אַלפּען־שפּיצען האָבען געברענט און זיך געוויכטען אין אַ מעלאַנכאָלישען זונען־אונטערגאַנג. די לעצטע זונען־שטראַהלען האָבען געפאַרבט דעם ווייסען־שנעע מיט אַלע פאַרבען פון רעגענבויגען און די שטענדיג מיט שנעע־בעדעקטע, גרייז־גרויע אַלפּען האָבען איצט אין ליכט פון זונען־אונטערגאַנג אויסגעזעהן ווי פערטראַכטע ריעזען מיט אַריבער־געוואָרפענע טערקישע שאַלען איבער זייערע קעפּ.

און די ריעזען האָבען נאַאיוו און נייגעריג, מיט אַ פערקלערטען און וועהמוטיגען שמייכעל אַריינגעקוקט אין טהאַל און צוגעזעהן מיט מיטלייד דאָס לעבען און ליידען פון מענשען...

אַך, די אַלפּען, בעלויכטעט פון דעם פייערדיגען זונען־אונטערגאַנג! זיי האָבען אימער צוגעשמידט וואַסערמאַנ'ס בליק און געפּייניגט זיין גייסט.

עפּעס אַ טיעף בענקעניש, אַן אונאויסדרוקבאַרער, טיעפער שמערץ האָט זיך אימער פון זיי געגאָסען אין זיין ברוסט און פון דאָרט זיך צונאַנגען איבער אַלע זיינע אָדערען ווי אַ ביטערער, ברענענדער גיפט...

זיי האָבען אימער געוועקט און געצונדען אין איהם אַ הייסע פיבערישע לעבענס־דורשט און אַ לעבענס־הונגער...

צוגלייך אָבער פלעגט זיך אין געגענוואַרט פון דעם פיעל־פאַרביגען ליכט פון זונען־אונטערגאַנג פאַנאַנדערוויקלען פאַר זיינע אויגען די פאַרגאַנגענהייט, דאָס גאַנצע לעבען זיינס...

און אט ליגט עס אויך איצט פאר זיין פיבערדיגען בליק צוואוי־קעלט מיט אזוי פיעל שמוציגע, עקעלהאפטע פלעקען!

די פערברענטע שיפען פון א בן הרב און א ישיבה בחור, די לאנ־גע 15 סעמעסטער פון דעם פערהונגערטען סטודענטען־לעבען מיט זיין וואנדערן פון איין אוניווערזיטעט צום צווייטען און פון פאקול־טעט צו פאקולטעט...

יא, אזוי פיעל צושטערטע וועלטען אונטער איהם...

און וואס ליגט פאר איהם אין דער צוקונפט?

גראנדיעזע פלענער, פלענער פון א איבער־מענש, פלענער וואס ווערען אבער איינציגווייז אויסגעלאשען ווי שטערען פארטאג, פאר דעם זונען־אויפגאנג, און ווערען איהם אליין לעכערליך...

און איצט טראגט ער זיך סאמע אין מיטען לעבענס־שטראם, טראגט זיך ארום ווי א שפענדעל און דער ברעג איז נאך אזוי ווייט, פערהילט ערגעץ וואו אין דער אונענדליכער לעבענס־נאכט און איז אונדערגרייכבאר.

אזוי איז ער געלעגען א קראנקער און א צובראכענער פאר'ן אפענעם פענסטער און זיין געדאנק האט זיך געגראבען אין דעם אש פון זיינע צושטערטע וועלטען, זוכענדיג דארט ווענינגסטענס א גוטע עראינערונג, אן איבערלעבטע שעהנע מינוט, א לעבענס־פונק, — איין איינציגען פונק, וועלכען מען זאל קענען צובלאזען און וועלכער זאל קענען אנצינדען ביי איהם א האפנונג, אן אידעאל, א קליין לעבענס־פייער, וואס זאל נעהרען די נשמה מיט קראפט און מוטה פאר'ן ווייטער'ן קאמף...

קאלט איז אבער דער אש און אונטער איהם טליהעט שוין ניט קיין איינציגער לעבענס־פונק!...

איז אין דער אמת'ן טאקע שוין אלעס פערלוירען? איז ער אב־גענארט אין אלע זיינע האפנונגען אין זיינע גרויסע איבערמענשליכע פלענער?

וואר־זשע איז זיין גייסט, דער שארפער מוח זיינער, וואס האט איהם געמאכט פאר אן עלוי אין ישיבה און האט תמיד געצויגען די

אויפמערקזאַמקייט פון אַלע פּראָפעסאָרען, מיט וועלכע ער פלעגט נאָך קומען אין בעריהרונג?

האָט דען ניט איהם פּראָפעסאָר ל. אַרומגענומען אין סעמינאַר פאַר אַלע סטודענטען און האָט איהם ניט געזאָגט, אַז ער האָט דעם מוח פון אַן עכטען פילאָסאָף?

האָט דען ניט איהם דער פּראָפעסאָר פון דער אָרגאַנישער כעמיע אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און האָט אין לאַבאָראַטאָריום פאַר אַלעמען, פאַר די קריסטען און די אידען, געזאָגט, אַז וואַסערמאַן איז דער דיאַלעקטיש־דענקענדער כעמיקער, דער כעמיקער פון דער צוקונפט און אַז ער האָפט, אַז ער וועט דורך אַפּריאָרישע שליסע קומען צו גרויסע אַפּאָסטעריאָרישע ענטדעקונגען און רעזולטאַטען?

וואו־זשע זיינען זיי אָט די רעזולטאַטען? וואו איז דער גייסט זיינער? פאַרוואָס האָט ער גאָרניט אויפגעטאָן ביז אַהער?

איז דער שכל זיינער, זיין שאַרפער וויציגער מוח שוין אויך איבערגעברענט ווי די נשמה זיינע, וואָס ליגט איצט ווי אַ חורבה אונטער אַ באַרג אַש?

ניין, ניין! דאָס איז אונמעגליך... ער וועט זאַמלען אַלע כחות און וועט זיך צוריק אויפהויבען...

עס ברענט נאָך אין איהם די לעבענס־דורשט. ער וויל נאָך לעבען, דענקען און שאַפען און דאָס אַליין איז אַ גוטער בעוויז, אַז זיין גייסט איז נאָך ניט טויט, אַז ער וועט זיך צוריק אויפהויבען און וועט צושווימען צו אַ ברעג. נאָר צוליעב וואָס? צוליעב וועמען?

צוליעב איהר... צוליעב אָט דער שאַטענקע מיט די שטאָהלגרויע אויגען, מיט אָט דעם מערקווירדיג צאָרנענדיגען בליק און מיט דעם נאָמען פלאָראַ.

יאָ, אַ ריכטיגע פלאָראַ! עטוואָס פרישעס, געזונטעס און מונטערעס, אַזוי ווי פון פעלד־בלומען, האָט געוויייעט פון איהר נשמה, פון איהר גאַנצען גייסטיגען יש, אַ גאַנצע, געזונטע נשמה אָהן אַ פּגם פון צווייפעל און איראָניע, דער היפך פון איהם...

איהר געשטאַלט שטעהט ווידער פאַר זיינע אויגען... אַ רייך־געבויטע פרויען־געשטאַלט מיט אַזעלכע מונטערע און טראַציגע ליניען,

מיט אזוי פיעל געזונטען רייץ און צויבער... זי שטעהט געבויגען איבער איהם און, ווי אין יענעם אווענד, פערלען זיך אויף איהרע לייכט־פארפארבטע באקען אזעלכע גרויסע טרעהרען און איהרע שטאהל־גרויע אויגען קוקען שוין ניט שטאלץ און בייז ווי תמיד.

ניין! אזוי קוקען נאר די, וועלכע ליעבען און ביי וועלכע די ליעבע ווערט געבוירען אין שמערץ און אין וועהטאג...

יא, אזוי שטעהט זי נידעריג געבויגען מיט א טרויעריגען קוק און אטעמט איבער איהם טיעף און פון איהר הייסען אטעם צופלאקערט זיך אין איהם די ליעבענס־דורשט אלץ שטארקער און הייסער אין זיין ברוסט.

יא, ער מוז זיך אויפהויבען, ליעבען און ארבייטען צוליעב איהר...

איז זי דען דאס ניט ווערטה?

און זי וועט קומען צו איהם.

ער זעהט זי שוין ארונטערשטייגען פון דארטען, פון די פורפור־רויטע אלפענשפיצען, ווי א פעיע מיט א צויבער־שטעקעל אין דער האנד...

זי וועט מיט דעם שטעקעלע אויפרודערען און צושארען דאס אש פון זיין פערברענטער און רואינירטער נשמה. זי וועט געפונען דארט אונטער איהם נאך א טליהענדען פונק, א ליעבענס־פונק און וועט צובלאזען און אנצינדען נאך אמאל זיין גייסט, זיין יונגענד־גייסט, וועלכער האט איהם געטריבען פון דער ישיבה צו פוס קיין פאריז צו זוכען נייעם וויסען און נייעם גלויבען...

איז ער דען ניט געגאנגען זוכען דעם נייעם גלויבען 6 חדשים צו פוס, פון שטאדט צו שטאדט, פון קאוונע נאך פאריז אהן א גראשען אין דער קעשענע?

ער וועט ווידער געהן מאנאטען לאנג צופוס, ביז ער וועט קר מען אין לאנד פון נייעם גלויבען און נייע אידעאלען...

יא, זי וועט נאך געפונען א פונק אין זיין נשמה און ער זעהט שוין ווי דאס צובלאזענע פייער בעלייכט איהר פנים מיט א גוטען, זיסען שמייכעל און איהר געלעכטער קלינגט שוין ווידער אין זיינע

אויערען ווי דאַמאָלס אונטער דער ווערענדע פון „רויטען הירש“, צווישען די בערג און טהאָל...

2.

די טהיר האָט זיך געעפענט און אין צימער איז אריינגעקומען טאַפּף...

ער האָט געטראָגען אין איין האַנט א פּעקעלע און אין דער אַנ־דערער א בינטעל ווייסע קעלנער...

אין זיין אונבעהאָלפענעם שטעהן אין מיטען דעם צימער, אין דעם אונגעוועהנליכען פלאַקער פון זיינע צוויי גרויסע, ווי ביי א וואָלף שוואַרצע אויגען, האָט וואַסערמאַן דערקענט, אַז מיט איהם האָט פּאַסירט עטוואַס אונגעוועהנליכעס.

אַז וואַסערמאַן האָט זיך אין איהם גוט איינגעקוקט, האָט ער דערזעהן, אַז טאַפּף געהט אין א נייעם, מאָדנעם אַנצוג און אַז פון פּעקעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנט און אַלץ ניט געוואָלט אוועקלעגען, האָבען זיך ארויסגעזעהן קליידער און וועש...

וואַסערמאַן האָט אַנגעשטעלט אויף איהם א פראַגענדען בליק...

טאַפּף איז צוגעגאַנגען צום טיש, אוועקגעלעגט דאָס בינטעל קעל־נער און האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע א גאַנצען הויפען מיט זילבער־געלט און האָט עס אויסגעשאָטען אויפ׳ן טיש...

— וואָס איז דאָס? וואו האָסטו דאָס גענומען? — האָט איהם וואַסערמאַן געפרעגט מיט א פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגען...

— ביי איהר... — האָט איהם טאַפּף געענטפערט מיט א פרעמדער שטימע, און אַבגעקעהרט דעם קאָפּ אַן א זייט...

וואַסערמאַן האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און זיך אוועקגע־זעצט אויפ׳ן בעט.

— וואָס הייסט? ווי קומסטו צו איהר? — האָט ער איהם גע־פרעגט און אין זיינע אויגען האָט אויפגעפלאַקערט א בייזער פלאַם פון אייפערזוכט...

ווי ער קומט? ער איז געגאַנגען אין גאַס... נו, האָט זי איהם באַגעגענט און אַז זי האָט איהם באַגעגענט האָט זי איהם געוועהנליך,

איינגעלאדען צו זיך... און דארט האט זי איהם געהייסען אראפּוואר־פען פון זיך זיין אלטען אנצוג און אנטאן אט דעם א... דעם ברודער׳ס, און אז ער איז אוועקגעגאנגען, האט זי איהם אריינגעשטופּט אט דאס פּעקעלע און די קעלנער אין דער האנט און האט אויסגעשאָטען אין קעשענע דאס גאנצע געלט, וואס זי האט ביי זיך געהאט...

— דו זאגסט א ליגען, דו לומפּ! ביזט אליין געגאנגען — האט וואסערמאן אויסגעשריען...

— שוין גאר ניט קיין ליגען — האט טאַפּף, קוקענדיג אליץ אן א זייט, א בורטשע געטאן.

— און דו האסט עס גענומען? האט איהם וואסערמאן געפרעגט מיט א ציטערענדער פון כעס שטימע.

טאַפּף האט געשוויגען און אראבגעלאזט דעם קאפּ, ניט וואגענ־דיג צו באגעגענען וואסערמאנ׳ס בליק, וועלכער האט דראהענד גע־פלאקערט אין דעם בין השמשות.

איניגע מינוטען זיינען פּאריבער אין א שווערען שטיל־שוויגען...

— אידיאט! — האט וואסערמאן אזוי ווי אויסגעשפּיגען אויף איהם מיט פעראכטונג און אראפּגעלאזט דעם קאפּ אויף דער קישען...

ווידער א לאנגעס שטילשווייגען... מען האט נאר געקענט הערען ווי וואסערמאן האט שווער געאטעמט...

— איין אנצוג האט זי געשיקט פּאר דיר — האט זיך ענדליך אבגערופען טאַפּף מיט דערזעלבער פערשטיקטער שטימע, ניט אויפ־הויבענדיג די אויגען אויף זיין חבר.

— וואס? פּאר מיר? — האט אויסגעשריען וואסערמאן ווי א פערוואונדעטער פון א טיעפער בעליידיגונג און האסטיג זיך אויפגע־הויבען אויף זיין געלעגער.

— זאלסט באלד פערפּאקען די זאכען און דאס געלט און איהר עס באלד אבטראגען, הערסט? דעם מאמענט... באלד — האט גע־שריען וואסערמאן ציטערנדיג מיט דעם גאנצען קערפּער — באלד... באלד!...

טאַפּף האט זיך ניט אבגערופען מיט קיין איינציג ווארט... ער האט לאנגזאם צונויפגענומען דאס געלט פון דעם טיש און האט עס אריינ־

געשאַטען צוריק אין קעשענע... ער האָט צוריק גענומען אין איין האַנט דאָס פּעקעל און אין דער אַנדערער דעם בינטעל קעלנער און מיט אַ אַראָבגעלאָזטען קאָפּ שטיל פערלאָזען דאָס צימער, בעגלייט פון וואַסערמאַנ׳ס צוויי בייזע און ברענענדיגע אויגען...

אַז די טיהר האָט זיך נאָך טאָפּף׳ן פערמאַכט האָט וואַסערמאַן אַז אויסגעמאַטערטער זיך אַראָבגעלאָזט אויף זיין געלעגער...

— מיינעם אויך? — האָט טאָפּף געפערעגט ביים פענסטער...

— וואָס דיינעם?

— אויך מיין אַנצוג? אה? אַבגעבען? — האָט געפרעגט טאָפּף, בעטראַכטענדיג דרויסען ביי דעם קאַרגען אָבענד־ליכט דעם געשענקטען אַנצוג.

אַד דו דומער טאָפּף! — געוויס דיינעם אויך — און וואַסערמאַן האָט שוין ווידער געלאַכט...

די טיהר האָט זיך ווידער געעפענט און די בעל־הבית׳טע האָט אַריינגעוואָרפען אין בעט אַריין אַ בריעף...

— היער האָבען זי איין בריעף... פון רוסלאַנד.

— פון רוסלאַנד?

ווי לאַנג איז דאָס אַז ער האָט פון דאָרט קיין בריעף ניט געהאַט! אַ גאַנצע אייביגקייט!

און וואַסערמאַן האָט געעפענט דעם בריעף מיט ציטערענדע הענט און האָט פון דעם צוריסענעם קאָנווערט אַרויסגענומען אַ פּאַפּירענעם דרייערעל און אַ בייגעלע פּאַפּיער, אָנגעפילט פון אַלע זייטען מיט זיין פאָטערס, רב׳ניש כתב, וועלכעס האָט זיך מיט דעם עלטער גאָר ניט געענדערט און איז געוועזען יונגענדליך, פריש און שטאָלץ ווי מיט 20 יאָהר צוריק... און וואַסערמאַן האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער דעם פענסטער און אָנגעהויבען ביים קאַרגען אָבענד־ליכט, וואָס האָט געהערשט אין דרויסען, לייענען דעם בריעף מיט אַ ציטערענדער, פרירענדער אונגעדולד...

„לבני היקר הנאור, המשכיל והחריף... הבקי בכל חדרי התורה ובכל חכמות הצוניות" וכו׳ וכו׳ — האָט אָנגעהויבען זיין בריעף דער קליינשטעדטעלדיגער רב מיט אַ לאַנגען געגרייזעלטען טיטעל.

„אחדשה"ט באתי להודיעך בני היקר כי אני ואמך תחי' הננו בקו החיים והשלום גיב גאָט זעלבע פון דיר צו הערען, אָמן סלה."

און אין אַ געמישטער שפּראך פון לשון קודש, אידיש און זוהר־לשון דערצעהלט דער קליינשטעדטעלדיגער רב זיין איין־און־איינצי־גען זוהן אז דער מעמד הפרנסה איז נתרופף געוואָרען, אז דער בעל־טאַקסע שלאָגט זיך מיט די קצבים און דערפאַר האָט ער שוין זעקס חדשים קיין שכירות ניט גענומען, ובנוגע צו די הייזועז און די ליכט, טראָגען זיי איצט בעונותינו הרבים אפילו קיין חצי רו"כ די וואָך ניט איין...

מילא, דאָס איז אַלץ אַ קלייניגקייט... לא על הלחם לבדו יחיה האדם... עיקר — האָט געקרעכצט דער אַלטער רב — איז דאָס וואָס נפלו בחותי ואני הולך למות ומי ימלא את מקומי? מילא, מסתמא וויל גאָט אַזוי... מסתמא האָט ער עס ניט פערדיענט ביי זיין ליעבען נאָמען, אז ער זאָל לאָזען אַ ממלא מקומו און דער כסא הרבנות וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור דורות, פון פאָטער צום זוהן מוז איצט פערפרעמדט ווערען ומאי דעביד רחמנא לטב עביד... און ער איז ניט מתרעם אויף דעם אויבערשטען... חס ושלום... דער עיקר איז דאָס וואָס ער קען נישט פאַרשטעהן, וואָס געוױערט עס ביי איהם אַזוי לאַנג... צו 18 יאָהר האָט ער געהאַט סמיכות אויף רבנות, פאַר וואָס־זשע האָט ער אין 8 יאָהר זיך ניט געקענט ענדיגען אָט די כעמי־יע?... פאַר 8 יאָהר קען מען דאָכט זיך אויסלערנען ניט נאָר כעמיע, אַ חכמה חצוניות, נאָר אפילו ספרא ותוספתא, גאַנץ ראשונים ואחרונים להבדיל... ממה נפשך, אויב שוין יאָ, זאָל שוין נעמען אַ סוף... ווייל מתי אעשה לביתי?... מען דאַרף דאָך אַמאָל פון אַ הויז אויך אַ טראָכט טאָן... מה גם שאמך תחי' הערט ניט אויף צו וויינען... עס איז שוין צייט אז זי זאָל עפּעס דערלעבען אַ נחת... ער איז שוין בלא עין הרע אַ איש בא בימים... קרוב צו ל' שנים...

און נאָך לאַנג קרעכצט און וויינט דער אַלטער, קליינשטעדטעלדיגער רב און שליסט דעם בריעף: והנני מצרף פה שלשה רו"כ ואני ואמך תחי' מחבקים אותך מרחוק ומבקשים להודיענו תיכף איפוא סעדת

בפסח ואם מצאת שם בהשווייץ שלך מצה שמורה ומכל הנשמע אצלך... ומתי תעשה עקזאַמען ותקבל את הדאָקטאָר לֿכעמיע, כי אמך נודעט זעהר די לֿעצטע צייט ובוכה בלילות בדמעות שליש. והנני אביך הקטן חיים צבי בהרב ר׳ ישראל ז״ל החופ״ק, ראַמאַנעווקע.״

— — — — — — — — — — — — —

— אַט דאָס איז עס!... אַט דאָס איז! — האָבען שטיל געשעפּ־טשעט וואַסערמאַנ׳ס קאַלטע ליפּען, אַז ער האָט איבערגעלייענט זיין פאָטער׳ס בריעף און אָראָבגעלאָזט דעם שווערען, אַזוי ווי מיט בליי אָנגעגאָסענעם קאָפּ צוריק אויף דער הייסער קישען...

מצה שמורה... כאַ, כאַ, כאַ!... נאָר דאָס פעהלט איהם... מעהר גאָר ניט... אַך, ראַמאַנאָווקע!... ק״ק ראַמאַנאָווקע מיט איהר אַלטען רב, וועלכער לֿעבט פון דעם מאָנאָפּאָל אויף די הייוועז און די חלב׳נע בענש־ליכט... וואָס טראָגט איצט בעוה״ר קיין חצי רו״כ די וואָך ניט איין... און דער בעל־טאַקסע וואָס שלאָגט זיך מיט די קצבים... וואָס פאַר אַ שעהנע וועלט דאָס איז! און ווי גליקליך וואָלט ער געווען, אַט דער אַלטער רב, אַז דער בן יחיד זיינער זאָל אוועקוואַרפען די חכמות חצוניות און ירש׳ענען פון איהם דאָס מאָנאָפּאָל אויף די ליכט מיט די הייוועז, אַבי די כסא הרבנית זאָל ניט פאַרפרעמדט ווערען.

און דאָס גאַנצע טיעפע עלענד, דער גאַנצער אומעט פון דעם פאַרוואַרפענעם און פאַרוואָגעלטען שטעדטעל ראַמאַנאָווקע, מיט זיין אַלטען קרעכצענדען רב האָט זיך אריינגעטראָגען צוזאַמען מיט דעם בריעף אין דעם האַלב־דונקעלען צימער און האָט זיך אריינגעגאָסען אין דעם בן הרב׳ס ברוסט ווי אַ ניפטיגער גאַז און איהם אָנגעהויב־בען צו שטיקען און צו וואַרגען... דאָס פּאַפּירענע דרייעריל האָט איהם נעבערענט די האַנט און ער האָט עס צוזאַמען מיט דעם בריעף אַ שלייַ־דער געטאָן אין דער דונקעלהייט פון צימער.

— יאָ... יאָ... ראַמאַנאָווקע און די אַלפּען... צוויי פערשיעדענע נאַטורען מיט צוויי וועלטען... און ער איז פון דאָרטען אוועק און אַהער ניט געקומען... ווייל אויך דאָ טראָגט ער אין זיך, אין זיין נשמה דעם קומער, דעם טיעפען טרויער פון דער פאַרוואָגעלטער ראַמאַנאָווקע

מיט זיין אלטען רב, וועלכער הויבט אן יעדען טאג פון זיין לעבען מיט חצות, מיט הערצרייסענדע געוויינען און יללות... און אט די זעלבע ראמאנאוועק האט פארשטעלט פאר זיינע אויגען די אלפען, די גאנצע שעהנקייט און ווערטה פון לעבען און אלעס איינגעוויקעלט אין אומעט און טרויער פון זיין פאטער׳ס חצות... און אזוי לאנג ווי ער וועט שוין לעבען וועט דער חצות קלינגען אין זיינע אויערען, אין זיין פינסטערער נשמה און וועט פערגיפטען אין איהם די לעבענס פרייד, דעם ווערטה פון לעבען...

און דאס איז דער סוד פון זיין חורבן... צוליעב וואס־זשע האט ער בעדארפט אנטלויפען פון אט דער ראמאנאוועק? וואלט דען ניט געוועזען גלייכער צו בלייבען דארט, צו פסקנ׳ען שאלות פאר די ראמאנאווקער ווייבער און זיי פערקויפען בענש־ליכט מיט הייוען אויף שבת?... וואס האבען איהם געגעבען די חכמות חצוניות? דאפעלטעס עלענד!

און די דונקעלהייט אין צימער איז געוואקסען אלץ געדיכטער און גרעסער ביז אלעס, דאס מעבעל און וואסערמאן מיט זיין בעט, זיינען פערשלונגען געווארען פון א געדיכטער, בלינדער פינסטערקייט און די זעלבע בלינדע פינסטערקייט האט ארומגערינגעלט די גאנצע צוקונפט זיינע. זיינע לעצטע האפנונגען און וואסערמאנ׳ען האט זיך אויסגעוויזען, אז מען האט איהם ארונטערגעשליידערט ערגעץ וואו אונטער דר׳ערד, אין א טיעפען, פינסטערען קעלער, אז ער טאפט פערצווייפעלט די ווענט און זוכט אן אויסגאנג, א שיין, און געפינט איהם ניט.

און דער שרעקליכער געדאנק, אז ער איז דארט פערמויערט אויף אייביג, אז ער וועט דארט בלאנדזשען און טאפען די פינסטערע ווענט אזוי לאנג ווי ער וועט לעבען און וועט ניט געפונען קיין אויסגאנג, קיין שיין, דער געדאנק האט אויף איהם ארויפגעיאגט א טויט־אנגסט, א טויט־פאניק און ער האט געוואלט שרייען צו דער בעל־הבית׳טע זי זאל ארייַנטראגען א לאמפ, ליכט אין פינסטערען צימער און דער געשריי איז דערשטיקט געווארען אין זיין האלז.

און אז ער האט זיך בעהערשט און פערטריבען פון זיינע אויגען

דאָס שרעקליכע געשפּענסט, האָט זיך אין זיינע אָדערען צוגאָסען אַ שטילער זיסער וועהטאָג, ווי אַ דערלייזונג, אַ מיטלייד, אַ רחמנות אויף זיך אַליין און ער האָט אָנגעהויבען צו כליפּען ווי אַ קינד, צו־ערשט שטיל און דערנאָך העכער און העכער ביז דאָס כליפּען איז אַריבער אין אַ היסטערישען געוויין, וואָס האָט געטרייסעלט זיין גאַנצען קערפּער מיט אַ קאָנוואולסיווען ציטער. און ווי ער איז אַזוי געלעגען אין דער פינסטער און געוויינט — איז אין צימער אַריינ־געלאָפען משה גלעקעל...

— וואָס מאַכסטו עפּעס? פּיהלסט זיך שוין בעסער, וואַסער־מאַן? — איך האָב נעכטען געוואָלט אַריינגעהן צו דיר און גע־וואהר ווערען וואָס דו מאַכסט... נו, האָב איך צו טאָן מיט די באַ־בעס... זאָג איך דיר, האָבען מיר געקראַגען אַ טראַנספּאָרט פון ציר־קיסטקעס, ערשטער סאָרט!... איך האָב שוין דיר פאַרגעשטעלט — האָט אָנגעהויבען צו שיטען ווי פון אַ זאַק משה גלעקעל און איז פּלוצלונג אָבגעהאַקט געבליבען — וואָס איז? דו וויינסט גאָר? וואָס איז מיט דיר, וואַסערמאַן? אום גאָטעס ווילען? פרוי שולצע! ברענגט נאָר די לאָמפּ! גיט ליכט, פרוי שולצע! — האָט ער דער־שראָקען, אויסער זיך געשריען אין דער אָפענער טיהר צו דער בעל־הבית׳טע.

פרוי שולצע איז האַסטיג געקומען צולויפען מיט דעם לאָמפּ...

— וואָס איז דאָ פאַרגעקומען? — האָט אויפגערעגט געפרעגט גלעקעל, אַז ער האָט באַמערקט וואַסערמאַנ׳ס קערפּער, וועלכער האָט קאָנוואולסיוו געציטערט און זיך געצאַפּעלט אויפ׳ן געלעגער... ער האָט איהם תמיד געזעהן נאָר אַ לאַכענדען, אַ שפּאַטענדען אָבער קיין מאָל ניט וויינענדיג, וואָס האָט פּאַסירט?

— קיינע אהנונג... פיליכט האָט דער בריעף איהם איין טרויע־ריגע נאַכריכט געבראַכט? — האָט ניט ווייניגער געשטוינט פרוי שולצע, אויפהויבענדיג פון דער ערד דעם בריעף און דאָס פּאַפּירע־נע דרייערעל...

מערקווירדיג, דער אימער לאַכענדער און שפּאַטענדער וואַסער־מאַן האָט זיך ניט פערשעמט פאַר זיי, פרעמדע מענשען...

אומגעקעהרט, זייער אנקומען האט אזוי ווי בעפרייט און אין איהם געעפענט א נייעם קוואל פון טרערען: זיין געוויין איז געוואַרען נאך שטארקער און העכער... פרוי שולצע און גלעקעל האבען געקוקט איינס אויף'ן אנדערען אונבעהאלפען, ניט וויסענדיג וואס צו טאן, ווי אזוי און מיט וואס איהם צו בערוהיגען.

— זאל יעמאנד געשטארבען זיין? — האט געפרעגט די בעל־הבית'טע, האלטענדיג נאך אלץ אין איין האנט דעם לאמפ און אין דער אנדערער דעם בריעף — אה, העכסט וואהרשיינליך... דער פאַטער אדער די מוטער. אנדערש קען עס ניט זיין.

משה גלעקעל האט מיט א ציטערענדער האנט גענומען פון איהר דעם בריעף און האט אנגעהויבען איהם דורכצולויפען מיט זיינע אויגען... און כאטש דער בריעף האט קיינעמ'ס טויט ניט געמעלדעט און וואסערמאנ'ס פאטער און מוטער זיינען געווען, לויט דעם בריעף בקו החיים והשלום, האט זיך משה'ס ברייטער פנים אנגעהויבען צו קנייטשען ביז ער האט זיך צוואויינט גלייך מיט וואסערמאנ'ען...

פרוי שולצע איז געבליבען פעסט איבערצייגט אז עמיצער איז טאקע געשטארבען, זי האט אבער נישט געקענט ארויסקריגען פון גלעקלען ווער איז דאס געשטארבען: דער פאטער, די מוטער אדער אן אנדער קרוב.

— אך, ליעבער גאט! הוילען זי דאך וועניגסטענס ניכט! דאס וויר איינמאל אלע שטארבען מוסען בלייבט איינע אלטע געשיכטע, — האט זיי געפרואווט טרייסטען די בעל־הבית'טע, — אבער העררגלעקעל! אום גאטעס ווילען וואס טוען זי? אנשטאט איהם צו בערוהיגען, מאכען זי איהם דעם שמערץ נאך פיינליכער —

אבער גלעקעל האט זיך שוין ניט געקענט אבשטעלען און האט געיאמערט אויפ'ן קול.

אך! איהר מענער... איהר מענער... ערגער ווי די ווייבער, — האט פרוי שולצע געשאקעלט מיט'ן קאפ און אזוי ווי זי האט עס ניט געקענט איבערטראגען האט זי זיך אנגעכאפט ביים קאפ און איז ארויסגעלאפען פון צימער.

און אַזוי האָבן זיי צוזאַמען געוויינט... דער פּאַיאַץ וואַסערמאַן און דער ווייכער, צאַרטער און ראָמאַנטישער גלעקעל. דער ערשטער האָט פילייכט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן ערנסט בעטראַכט און בעוויינט זיין אייגען שיקזאַל. דעם ווייכהערציגען און ראָמאַנטישען משה האָט עס סתם פאַרקלעמט ביים הארצען, אַז ער האָט איהם דערזעהן ווײנען און פילייכט האָט ער געוויינט אויף דעם אַלגעמיי־נעם אידישען שיקזאַל, וואָס האָט זיך אַזוי טריי אָבגעשפּיגעלט אין אָט דעם וואַסערמאַנ׳ען און פילייכט האָט דער בריעף, דער קרעכץ פון דעם קליינשטעדטעלדיגען רב אַזוי צוריסען זיין הארץ...

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז ער, גלעקעל, געוועזן דער איינציגער אין דער קאָלאָניע, וואָס האָט פערשטאַנען וואַסערמאַנ׳ען מעהר, נאַטיר־ליך, מיט׳ן געפיהל ווי מיט׳ן שכל. משה איז איבערהויפּט געוועזן מעהר אַ געפיהלס־מענש, אַ עכטער ראָמאַנטיקער, און דערפאַר האָט ער געזעהן ווייטער פון אַלע זיינע חברים, וואָס זיינען אין בילדונג און ענטוויקלונג געשטאַנען פיעל העכער און ווייטער פון איהם... מיט׳ן געפיהל האָט ער אָנגעטאַפּט די טראַגיק פון וואַסערמאַנ׳ס נשמה, וועלכע האָט צייטענווייז געקענט זיך און די גאַנצע אומגע־בונג, ווי אין יענעם אָבענד, אויפהויבען אויף דער גרעסטער הויך, אויף דער גרעסטער שטופע פון בעגייסטערונג.

לאַנג אָבער בלייבען אויף דער הויך האָט ער נישט געקענט. זיין ערנסט פלעגט אויפפלאַמען ווי אַ בינטעל שטרוי און לייכטען נאָר אַ מאָמענט און באַלד זיך אויסלעשען. ער פלעגט באַלד פון דאָרט אַראָפּפאַלען אין טיעפסטען און אין שמוציגסטען אָבגרונד, בעגלייטעט פון זיין קאַלטען, ציניש׳ען געלעכטער און פון דעם פלוך פון די יע־ניגע, וועלכע האָבען זיך געלאָזט פון איהם אַרויף פיהרען אויף דער הויך און בלייבען דאָרט שטעהן אויסגעלאַכטע, אויסגעשפּאָטעטע, ווי אַ סטאַדע בהמות...

גלעקעל האָט איהם גוט געקענט. ער האָט איהם אָבער בעטראַכט ווי אַ מין חולה מסוכן, וועמען עס קען העלפען ארץ־ישראל־לופט און ער האָט איהם מוחל געווען יענעם סקאַנדאַליעזען אָבענד, ווי פיעלע אַנדערע פּאַיאַצקע שטיק זיינע. ער איז געווען דער איינציגער אין

דער קאלאניע, וואס האט איהם ערנסט ליעב געהאט, האט שטאלצירט מיט איהם און זיך געריסען מיט יעדען פאר איהם און איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער, וואס איז געקומען איהם מבקר־חולה זיין, אז ער האט דערהערט אז ער איז ערנסט קראנק... און אז ער איז אריין אין דעם פינסטערען, אונהיימליכען צימער און האט דער־הערט זיין ביטערען געוויין און אז ער האט דערנאך ביים ליכט דער־זעהן איהם ליגען א צעבראכענעם, א צונויפגעקנייטשטען אונטער זיין טראגישען שיקזאל און א אונבעהאלפענעם, וויינענדען ווי א קליין, פערלאזען קינד, ווי א יתום: און ווען ער האט איבערגעלייענט דעם בריעף, דעם גרויסען און לאנגען קרעכץ וואס איז געקומען פון דארט, פון אט דער ראמאנאווקע, פון דעם קליינשטעדטעלדיגען רב, האט ער דערפיהלט אלעס וואס קומט איצט פאר אין זיין נשמה און עס איז קיין וואונדער ניט, אז ער האט זיך אויך צוזאמערט און צו־וויינט...

גלעקעל האט אנגעהויבען וואסערמאנ'ען צו בערוהיגען און צו טרייסטען ערשט דאן, ווען זיי ביידע האבען זיך גוט אויסגעוויינט.

— נו, גענוג... זאל זיין גענוג וואסערמאן... צו וואס איז דאס וויינען?

— אבער וואס האסטו זיך צורעוועט? — האט איהם געפרעגט וואסערמאן, ליגענדיג מיט דעם פנים אין קישען.

וואס מיינסטו, איך פערשטעה דיך ניט?...

— איך פערשטעה אלעס — האט ווייטער געכליפעט גלעקעל, ווישענדיג די אויגען — דערפאר שריי איך דאך, זאלסט אנטלויפען פון דאנען... א ביסעל ארץ־ישראל־לופט און דו וועסט צוריק געזונט ווערען ווי א מויער — האט ער איהם געטרייסט ווי א געפעהרליכען, שווינדזיכטיגען, וועמען נאר די ארץ־ישראל לופט קען אויסהיילען.

—ווארט, ווארט, לאז מיך נאר ענדיגען די פערפלוכטע בעמיע!... וועסטו שוין זעהן ווי איך וועל אנטלויפען פון דאנען — האט וואַ־סערמאן איהם געטרייסט מעהר ווי זיך.

— יא, יא, אנטלויפען... אנטלויפען ווי פון א פעסט אט פון דער גלות־לופט... א ביסעל ארץ־ישראל לופט און דו וועסט באלד אז אנ־

דער מענש מיט אַ נייער לונג, מיט אַ נייער נשמה — האָט שוין פּאַנ־טאַזירט גלעקעל און האַסטיג געשפּאַנט איבער דעם צימער — גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל דיך שוין זעהן אַ געענדיגטען! קיין מינוט, קיין רגע וועל איך דיך דאָ ניט לאָזען בלייבען... דאָרט וועסטו קומען צו זיך, וועסט ווערען אַ מענש, אַן אמת׳ער מענש און דו וועסט ערשט קענען ברענגען דעם אמת׳ען נוצען — און זיין שטימע האָט געקלונ־גען אַזוי צאַרט און זאַנפט, אַזוי טרייסטענד און בערוהיגענד מיט ברודערליכער איבערגעבענהייט און טרייהייט, מיט אַזאַ אָפּפערווילי־קייט, אַז וואַסערמאַן איז ווידער געווען גרייט זיך צו צואַוויינען...

און מערקווירדיג, אָט דער משה גלעקעל איז איהם איצט ניט גע־ווען אַזוי לעכערליך, נאַאיוו און דום ווי אַלע מאָל. אומגעקעהרט! ער איז איהם געוואָרען אַזוי טייער, ווי אַ דאָקטאָר, פון וועלכען איהר ערוואַרטעט אייער הילף, אַזוי ווי עס וואָלט גערעדט פון איהם צו זיין האַרץ די וויזהייט, די נבואה אַליין... און דערפאַר האָבען זיינע ווערטער אַזוי זיס געקלונגען אין וואַסערמאַנ׳ס אויערען און זיך אריינגעריסען אין זיין קראַנקער, טרייסט־באַדאַרפענדער נשמה, ווי אַ גוטער, אַלטער וויין, וואָס וואַרעמט און היילט, ווי אַ טייערער, היי־לענדער באַלזאַם...

מערקווירדיג! די מחיצה, וועלכע האָט עקזיסטירט צווישען די צוויי גרונד־פערשיעדענע און געגענגעזעצטע כאַראַקטערע, — וואַסער־מאַנ׳ס ציניזשער געלעכטער און גלעקעל׳ס נאַאיוויטעט — די מחיצה וואָס האָט זיי צוטיילט ווי אַ טיעפער אַבגרונד און אַזוי ווי פאַר־שוואונדען געוואָרען אין יענעם אָבענד...

וואַסערמאַן האָט זיך פלוצלונג דערפיהלט פריש און יונג ווי אַ קינד, אַזוי ווי ערשט אויסגעבאָדען אין אַ פרישען לעבענס־קוואַל. ער האָט מיט אַ פּאָר פרעהליכע און מונטערע אויגען נאָכגעפאָלגט גלע־קעל׳ס ברייטע, האַסטיגע טריט איבער דעם צימער און האָט זיך צו־געהערט צו זיינע פּלענער, צו זיינע גראַנדיעזע פּלענער, וועלכע זיי־נען אין דעם אָבענד געווען גראַנדיעזער ווי אַלע מאָל.

וואַסערמאַן האָט זיך צוגעהערט צו זיי ווי אַ קינד, וועמען מען דערצעהלט אַ מורא׳דיגע געשיכטע מיט גזלנים און מכשפות, ווי אַ

דורשטיגער פאלט צו אין א הייסען זומער־טאג צו א פעלד־קוואל און קען זיך ניט זעטיגען און זיך אבריסען פון פרישען, קאלטען וואסער...

און משה האט געקאכט רייז און ווידער געשפאנט איבער דעם צימער, געשפאנט אונענדליך און האט געבויט און געבויט... וואס איז ניט אויפגעבויט געווארען אין יענעם אבענד אין דעם קליינעם צי־מערעל! דאס גאנצע לעבען, די גאנצע צוקונפט פון אידישען פאלק! אז ער האט ענדליך זיך געלאזט אוועקגעהן האט ער ארויסגעשלעפט פון דער אונטערשטער הויזענקעשענע זיין בייטעלע, האט פון דארט ארויסגענומען 2 באנקנאטלעך צו 25 פראנק און נאך א זילבערנעם 5 פראנק שטיק, אלעס וואס ער האט פערמאגט און ער האט דאס איבערגעגעבען מיט אן עדעלער, ליעבליכער האנט־בעוועגונג, אזוי זאנפט און לייכט, עס זאל ניט וועה־טאן, ניט בעליידיגען וואסער־מאנ׳ען.

ער האט איהם געגעבען דיעזע סומע צו בעצאהלען פאר׳ן לא־באבאטאריום און זעהן דעם סעמעסטער מאכען א סוף און ענדיגען.

און אז וואסערמאן האט איהם פערוואונדערט געפרעגט: ווי קומט צו איהם דאס געלט, און וואס בעדייטעט עס איבערהויפט, האט ער איהם, שטעהענדיג שוין אין דער טהיר אויף אוועקצוגעהן, צו־געווארפען מיט א פריינדליכען און ממזר׳ישען וואונק:

— וואס איז דיין עסק? אז מען גיט דיר, נעהם... לעולם תקח! דו ווייסט דאך אז איך שנאר, שנאר איך ניט פאר זיך אליין נאר פאר אייך אלע, ממזרים!

און ער איז פערשוואונדען אין דער פינסטערער נאכט, אנזא־גענדיג נאך אמאל דורכ׳ן פענסטער:

— זעה, מאך א סוף און וישא יעקב את רגליו... טראג זיך אפ פון דאנען.

3.

די זון האט אנגעהויבען אראבצוגעהן אויף מערב זייט און די אל־ס׳איז געווען א שעהנער, זומערדיגער בייטאג...

טע מויערען האבען פון זיך שוין געווארפען א קיהלען, פרישען שא־

טעז, וועלכער האָט זיך ברייט צולעגט צווישען די אַלטע, שטיינער־נע גאַסען און אונטער די דיקע געוועלבען.

אין דעם אַלטען אוניווערסיטעט האָט פּראָפעסאָר שטיין, געהאַלטען זיין פאַרלעזונג איבער לייבניצען און זיין פילאָסאָפיע...

די פענסטער פון זיין אַודיטאָריום זיינען געווען אָפען און פון זיי האָט זיך געעפענט אַ ברייטער און וויטער בליק אויף די אַלפּען.

אַנגעטאָן אין זייערע בעסטע זומער־קליידער, געוועבט פון די זוניגע, זאַנפטע און רייכסטע פאַרבען, זיינען די אַלפען געשטאַנען איצט ניט פערכמאַרעט און טיעף פאַרקלערט, ווי כסדר.

בענאַסען פון זוננליכט האָבען די אַלפּענשפּיצען ארויסגעקוקט פון אונטער די לייכטע, דורכזיכטיגע, טולענע וואָלקענס מיט אַ טיעפען, יום טוב'דיגען ערנסט...

דאָ און דאָרט האָט זיך דער שלייער, די וואָלקענס צוריסען...

דאַן האָט זיך בעוויזען אַ שטיפעריש לאַכענדער און קאָקעטירענ־דער פּנים און ס'האָט זיך אויסגעוויזען אַז ווען די מוזיק גיט אַ שפּיעל, וועלען די בערג ניט אויסהאַלטען, און פערליערען זייער ערנסט, זיי וועלען אראָפּרייסען פון זיך דעם שלייער, זיך ארומנעמען און די נאַ־טור וועט טאַנצען אַ טייוועלטאַנץ און וועט אויסטאַנצען איהר ליי־דענשאַפט, וואָס האָט זיך יאָהרטויזענדע אָנגעזאַמעלט אין איהר יונג־פרויליכער ברוסט....

וואָסערמאַן איז אויך געווען אויף דער פאַרלעזונג און זיין בליק האָט געבלאָנדזשעט דאָרט צווישען די אַלפּען...

דער ווייסער שנעע האָט געבליאַסקעט פון ווייטענס און געבלענ־דעט די אויגען ווי אַ רייכעם חופּה־קלייד, וואָס איז אויסגעוועבט מיט דימענטען און יעדער באַרג אין אַזאַ חופּה־קלייד, פערשלייערט מיט אַ לייכטען, דורכזיכטיגען וואָלקען האָט אויסגעזעהן ווי אַ כלה, אָנ־געטהאָן צו דער חופּה.

עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די בערג וועט זיין שווער לאַנג צו בעהאַלטען זייער חופּה'דיגען ערנסט, דעם צנועה'דיגען כלה־בליק..

און אין זאַל איז געווען שטיל, ערנסט שטיל...

און ס'האט זיך אויסגעוויזן, אז ניט פראפעסאר שטיין רעדט צום אודיטאריום. זיין טיעפע ברוסט־שטימע האט זיך אזוי ווי געטראגען פון ווייטענס, פון די אלפען, דורך די אפענע פענסטער...

די שטימע האט גערעדט און דערצעהלט פון לייבניצער'ס לעבען, פון זיין דענקען און שאפען, פון לייבניצער'ס „וועלט־הארמאניע".

און די הארמאניע האט זיך אזוי ווי געצויגען דורך די אפענע פענסטער פון דארט, פון די אין ליכט און גלאנץ אנגעטהוענע אל־פען־שפיצען...

דעם פראפעסאר'ס שטימע האט זיך געגאסען איבער'ן זאל ווי א פערקלערטעס און מורמלענדעס טייכעל גיסט זיינע וואסערען צווי־שען פעלזען אין א מיעדען זומערטאג און דערצעהלט זיי און פער־וויגט זיי מיט זיינע מעשה'לעך...

און דער עולם איז געזעסען פערצויבערט און איינגעוויגט.. און צווישען איהם אויך וואסערמאן. ער האט זיך אזוי ווי פערגעסען.

ס'האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ניט פראפעסאר שטיין רעדט איצט פאר איהם, נאר יאקעל דער בדחן, דער ראמאנאוקער בדחן, וואס פלעגט אזוי שעהן בעזעצען א כלה...

און די כלה איז פלארא, די שעהנסטע כלה וואס די וועלט האט אמאל געזעהן.

און וואסערמאנ'ס מוטער, די אלטע ראמאנאוקער רב'צין מיט דעם שטערענטיכעל הויבט אויף די כלה פון איהר שטוהל, אזא ערנ־סטע און פארקלערטע, נעהמט זי אונטער דער האנט און שטייגט מיט איהר ארונטער פון די אלפען צו איהם און דער פאטער זיינער, דער אלטער ראמאנאוקער רב אין ווייסע זאקען, אין א אטלעסענער זשופעצע און שטריימעל, נעהמט איהם, דעם חתן אין צילינדערהוט אויך אונטער דעם ארעם...

און אט פיהרט מען זיי ביידע איבער'ן מארק צווישען די קליי־טען צום אלטען בית המדרש, דער בלינדער סאלאווייטשיק שפיעלט אויף דעם פידעל און טאפט געהט פאראוים, מיט דעם פנים צו דער חתן כלה און דירעזשירט מיט די הענט און גלאנצט מיט זיינע צוויי גרויסע שווארצע אויגען.

און אַט איז שוין דער אַלטער רב מסדר קדושין און ניט איהם דעם חתן צוברעכען דאָס גלעזעל און זי שמייכעלט אַזוי פאַרקלערט מיט איהרע ווייסע צייהן, אַזוי גוט... וועהמוטיג גוט...

אַט האָט שוין דער פּראָפעסאָר געענדיגט זיין פאָרלעזונג און דער עולם האָט זיך ראַשיג אויפגעהויבען פון די ערטער און האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איהם אין קאָרידאָר אריין.

וואָסערמאַן אָבער איז געבליבען זיצען ביים אָפענעם פענסטער מיט אַ בלאָנדזשענדען בליק אויף די אַלפּען און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען...

ער איז געזעסען אַזוי לאַנג, פערטיעפט אין זיינע בלאָנזשענדע צושטרייטע געדאַנקען, ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבען צו קלייבען אַ נייער עולם פאַר אַ נייע לעקציע.

דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבען און האָט פערלאָזען דעם אַלטען אוניווערזיטעט, ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט געהן צו זיך אַ היים אין שמוציגען צימער, וואו עס האָט זיך תמיד געהערט דער טשאַד פון דער בענזין־מאַשינקע.

מיט לאַנגזאַמע טריט און אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט דורך די ברייטע שטיינערנע טרעפּ אין טהאַל אריין, אין דעם הינטערשטען טייל שטאָדט.

דאָרט האָט געוואוינט פלאָרא מיט איהר ברודער, דעם בלינדען ווירטואָז...

איז ער אַהין געגאַנגען אַבזיכטליך?

ניין, ניט אַבזיכטליך...

ער האָט איבערהויפּט איצט, אין דעם מאָמענט ניט געהאַט קיין בעשטימטען געדאַנק, קיין פעסטען פערלאַנג...

זיינע געדאַנקען האָבען געבלאָנזשעט ווי יענע לייכטע, טולענע וואָלקענס אַרום די אַלפּען־שפּיצען, לייכטזיניג און זאָרגלאָז, אָהן אַ ריכטונג און אָהן אַ צוועק...

דאָס איז געווען פיליכט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען וואָס ער האָט אין זיך ניט געגריבעלט און האָט ניט געזוכט קיין צוועק, קיין עקזיסטענץ־בארעכטיגונג...

אז אוננאַרמאַלער מאָמענט אין זיין לעבען...

און דערפאַר אפשר איז איהם געווען אין דעם מאָמענט אזוי גרינג, לייכטער ווי תמיד...

ער האָט ארויסגענומען אויף א ווײַלע די פינגער פון זיינע וואונדען און האָט אויפגעהערט זיי צו רודערען...

די נאַטור איז געשטאַנען אין דעם גאַנצען פּראַכט פון איהר רייפער, זומערדיגער שעהנקייט, אזוי צופריעדען און גליקליך, אז קו־קענדיג אויף איהר האָט זיך ווידער געוואָלט האָפען, גלויבען און לעבען...

זי האָט איינגעלאַדען מען זאָל זיך פערגעסען און לייכט און גרינג אָטעמען די ריינע און שמעקענדע זומער־לופט.

און וואסערמאַן האָט לאַנג געוואַנדערט איבער די גאַסען, מיט אַן אראבגעלאַזטען קאָפּ און מיט צושטרייטע, לייכטע געדאַנקען, לייכט ווי די וואָלקענס אויף דעם הימעל און האָט גרינג געאָטעמט, פילייכט דאָס ערשטע מאָל, זינט ער איז געוואָרען א דערוואַקסענער מענש, א בר דעת...

ניט ווייט אבער פון בערג־גראבען האָט איהם די גוטע שטימונג פּלוצים פערלאָזען און איז אזוי ווי אויסגעלאָשען געוואָרען...

אין זיין האַרץ האָט זיך ווידער אריינגע'גנב'עט די אנגסט, א גיפטיגער אומעט.

ער האָט אָנגעהויבען ענגסטליך ציטערען ווי פאַר אַן אָנקומענ־דער געפאַהר.

אַלע וואונדען האָבען זיך ווידער געעפענט און האָבען אָנגעהויבען צו בלוטען און צו שמערצען.

וואָרום?

וואסערמאַן האָט אינסטינקטיוו אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און האָט אויפגעציטערט.

איבער'ן וועג, פאַר'ן בערגגראבען, האָט געקלונגען, טאַנצענדיג אין דער לופט, א בעקאַנטער שטיפערישער געלעכטער.

טיעף פערבויגט איבער'ן בערגגראבען איז געשטאַנען א הויכע, שלאַנקע פרויען־געשטאַלט און האָט מיט פיבערישע באוועגונגען גע־

וואַרפֿען פֿון אַ פּאַפּירענעם זעקעל אָראַנזשען אין גראָבען אַריין, האָט נערעדט צו די בערען און האָט זיך מיט זיי געפֿרעהט, ווי אַ קינד...

ביי וואַסערמאַנ׳ען איז דאָס בלוט פֿערקיהלט געוואָרען אין די אַדערען.

ער האָט זי דערקענט אין איהרע קערפּער־ליניען, אין דעם קינדיש שטיפֿערישען געלעכטער, געבייזערט האָט זי זיך ווי אַ מוטער, געלאַכט אָבער תמיד, ווי אַ זאַרגלאָז שטיפֿענדעס קינד.

יאָ, דאָס איז זי, פֿלאָראַ!

מיט שנעלע, שפּרינגענדע טריט איז ער אַריבערגעלאָפֿען דעם וועג און איז געבליבען שטעהן פֿאַר איהר.

אַך, ווען זי וואָלט איצט געקענט זעהן זיין פֿלאַטערענדעס האַרץ! אָבער וואו זיינען זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג געשמידט און געגרייט פֿאַר איהר?...

די ווערטער זיינען פֿערקיהלט געוואָרען אויף זיינע ליפּען, פּונקט ווי דאָס בלוט אין זיינע אַדערען...

פֿלאָראַ האָט דערפֿיהלט אויף זיך אַ בליק פֿון אַ מאַן, האָט אויפֿגעציטערט און זיך אומגעדרעהט. אַז זי האָט דערזעהן פֿאַר זיך וואַסערמאַנ׳ען האָט זי דערשראָקען אָפּגעשפּרונגען, אַזוי ווי זי וואָלט דערזעהן פֿאַר זיך אַ ווילדע חיה, וואָס איז גרייט זי צו אַטאַקירען...

איהר קינדערשע פֿרייד איז אויסגעלאָשען געוואָרען און איז אָבגעשטאָרבען אין דער לופֿט מיט אַ לייכטען קרעכץ און אַנגסט־געשריי, איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט שרעק און צוגלייך מיט צאָרען. אָה, ער האָט שוין געקענט איהר צאָרניגען בליק!

וואַסערמאַן האָט אָראָבגענומען פֿאַר איהר דעם הוט און האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ שטומען און הילפֿלאָזען בליק. ער האָט טרויעריג געשמייכעלט און זיין שמייכעל האָט געבעטען פֿערצייהונג און גנאָדע...

איינינע סעקונדען זיינען זיי געשטאַנען אַזוי איינס פֿאַר דעם אַנדערען, בעוועגלאָז און שטום. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופֿען מיט אַ ציטערענדער שטימע:

— איך קען אייך גאָר ניט.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זיך אויסגעדרעהט און איז פערשוואונדען מיט לייכטע און שוועבענדע טריט.

— איך קען אייך גאָר ניט — איך קען אייך גאָר ניט — האָבען לאַנג געשעפּטשעט וואַסערמאַנ'ס ליפּען און די פינף ווערטער האָבען פאַרלאָשען פאַר זיינע אויגען דעם זונען־אונטערגאַנג, די בעלויכטעטע אַלפּען, די גאַנצע וועלט און זיין אייגענע נשמה.

פינסטער און וויסט איז איצט געלעגען זיין אייגען לעבען פאַר איהם...

ער האָט זיך געלאָזט געהן אַ היים צוריק צו טאָפּפּ'ן מיט זיין אייבינער פּאַן רייז, צוריק צו זיך אין זיין פינסטערער און שמוציגער קאַנורע.

ער איז געגאַנגען ווי אַן אַרעסטאַנט געהט צוריק אין טורמע אַריין.

4.

ביים אַלפּענהאָטעל האָט זיך וואַסערמאַן אָבגעשטעלט...

דער שעהנסטער און רייכסטער האָטעל אין שטאָדט איז שוין איז גאַנצען געשטאַנען אין עלעקטרישען ליכט, זיינע גרויסע וועראַנ־דעם מיט די ווייס געגרייטע טישען האָבען געגלאַנצט און זיך געבאָ־דען אין העלען, בלענדענדען ליכט.

און די געסט זיינען געזעסען ביי דעם רייך סערווירטען „לעבעס־טיש“ פריי און געמיטליך און האָבען זיך געלאָזט באַדיענען פון ליע־בענסווירדיג־שמייכלענדע קעלנער.

צופריעדען זיינען געוועזען די קעלנער דערפון, וואָס אָט די מענ־שען זיינען אַזוי איידעל און גוט און לאָזען זיך פון זיי בעדיענען און עסען...

אייניגע פון זיי האָבען געגעסען מיט אַ טיעפען יום טוב'דיגען ערנסט, פּונקט ווי זיי וואָלטען ערפילט זייער לעבענס־מיסיאָן, אַ וויכ־טיגע און הייליגע צערעמאָניע אָדער וואָלטען געצאָהלט זייער חוב צו דער מענשהייט.

דער ריח פון די מאכלים האָט אַ קלאַפּ געטאָן וואַסערמאַנ׳ען אין נאָז אַריין און האָט פאַרכאַפּט ביי איהם דעם אָטעם.

ער איז געבליבען שטעהן אנטקעגען, אַנגעשפּאַרט אָן פאַנטאָן.

זיינע פיס האָבען געציטערט פון שוואַכקייט און זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו צאַפּלען און חלש׳ן. דער שאַרפער ריח פון די מאכלים האָט אַריינגעדרונגען אין זיין פאַרהונגערטען, אונבעפריעדיגטען קערפּער און האָט איהם פאַרטשאַדעט דעם קאָפּ, ווי אַפּיום...

לאַנג, לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען פאַר׳ן האָטעל און האָט דורשטיג געשלונגען דעם רייצענדען ריח פון די מאכלים, וועלכער האָט זיך צוגאָסען איבער זיינע אָדערען ווי אַ ברענענדער גיפט, ווי אַ הייסער און בריהענדער הונגער.

און דער הונגער האָט אָנגעצונדען אין איהם אַלע יאָהרענלאַנג אונטערדריקטע באַדערפניסען, די פאַרטויבטע און פאַרקאָוועטע לייךענשאַפטען.

ס׳האָט זיך אין איהם פּלוצים צובונטעוועט דאָס בלוט און פלייש און צוגלייך מיט זיי האָט דער בונט אָנגעצונדען זיין נשמה מיט אַ ווילדען כעס און רציחה.

ער איז געווען גרייט צו ברעכען און צושטערען אַלעס אַרום איהם, צו רייסען אַלע מאָראַלישע קייטען, אויפצורייסען מיט אַ באָמבע דעם האָטעל מיט די געמיטליך שפּייזענדע געסט און אַלעס צו פאַרניכטען.

אָבער ווי מאַכטלאָז איז זיין צאָרן !

ער קען פון קיינעם ניט נעהמען קיין נקמה פאַר זיין פאַרהונגערט און דערשטיקט לעבען.

פון דעם סערווירטען טיש קריגסטו נישט קיין ביין — האָט איהם געדרייצט אָן אינווייניגסטע, טייוולעשע שטימע און וואַסערמאַן האָט זיך ווידער געלאָזט געהן אַהיים, אין טורמע אַריין.

פּלוצים האָט אַ בלענדע געטאָן פאַר זיינע אויגען דער שילד פון דעם רוסישען קאָנסולאַט. ער האָט איהם בעמערקט אונטער דעם גרויסען עלעקטרישען לאָמפּ.

דער רוסישער קאנסולאט האט געוואוינט אין דעם זעלבען האטעל, אין בעל עטאזש. די קאנצעלאריע איז געווען בעלייכטעט.

ווארשיינליך האט מען דארט נאך געארבייט.

און די גרויסע אותיות פון שילד מיט דעם רוסישען אדלער האבען אנגעהויבען צו שווינדלען און צו טאנצען פאר זיינע אויגען אין א ווילדען טייוולישען טאנץ.

זיי האבען געלאקט און גערופען צו זיך, ווי אויסגעלאסענע גאסענפרויען...

א געדאנק האט אויפגעפלאקערט אין וואסערמאנ'ס פערנעבעלטען און פערטשאדעטען מוח, א שרעקליכער און עקלהאפטער געדאנק און דער געדאנק האט איהם גענומען איילען... און אזוי ווי ער וואלט זיך געשראקען, אז דער געדאנק זאל ניט אויסגעלאשען ווערען איז וואסערמאן אריין אין קאנסולאט מיט דעם געשפאנטען און גערייצטען געפיהל פון א מאן, וואס כאפט זיך אריין בגנבה אין א שאנד־הויז....

5.

אין א שטונדע ארום איז וואסערמאן שוין ווידער געגאנגען איבער די אויסגעלאשענע מארק־גאסען און זיינע טריט האבען ווייטער געהילכט אונטער די פינסטערע און איינזאמע געוועלבען.

מיט דער האנד האט ער געדריקט אין דער קעשענע געלט, דאס זעלבע געלט, וואס יהודה האט גענומען פאר קריסטוס...

און דערזעלבער טייוועל, וועלכער האט איהם פאר'ן בליאסקענדען אלפען האטעל געשטופט די האק אין דער האנט אריין, האט ווידער געטאנצט ארום איהם און האט איצט געשלעפט אהין, צום קרבן...

עס ציהט יעדען מערדער נאך אמאל אהין, צו כאפען א קוק אויף דעם בלוטיגען קערפער.

דא האט זיך אבער וואסערמאן בעטראכט, אז לאה ראבינאוויטש אדער דער קאטעגארישער אימפעראטיוו, ווי די קאלאניע האט זי גערופען, וואוינט זעהר ווייט אין דעם אונטערשטען טייל שטאדט,

ערגעץ אין אַ דאַך שטיבעל פאַר 5 פראַנק אַ חודש און דאָס האָט איהם אָבגעקיהלט און ער האָט פערהאַלטען זיינע שנעלע און פיבער־ריגע טריט.

דאַן האָט איהם דער טאַנצענדער טייוועל אַ שעפּטשע געטאָן אויפ'ן אויער אַז אַנדער געדאַנק.

— שעהן וואָלט געווען איצט צו נעמען די קראַסאַוויצע ראַבינאַוויטש אין בליאַסקענדען אַלפען האָטעל און זי מכבד זיין מיט אַ רייכע וועטשערע, מיט שאַמפּאַניער. טאַקע פאַר'ן זעלבען געלט, וואָס ער האָט געקראָגען פאַר איהר פון קאַנסול.

ער האָט זיך הויך צולאַכט...

אַז המצאה פון אַ טייוולישען קאָפּ!...

און ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו געהן מיט שנעלע, הילכענדע טריט, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּיס צו פערזאַמען, אַז דער פּלאַן זאָל ניט אָבגעקיהלט און אויסגעלאָשען ווערען.

— — — — — — — — — — — — —

לאה ראַבינאַוויטש איז געזעסען ביי אַ קליינעם לאָמפּ, מיט אַ בלויען אַבאַזשור, פאַרטיעפט אין לעזען, אָבער שוין ניט איבער קאַנט'ן... זי האָט שוין געהאַלטען ביי פּיכטע'ן.

וואַסערמאַן האָט עס געוואוסט איידער ער האָט נאָך אַריינגעקוקט אין איהר בוד, וואו לאה ראַבינאַוויטש האָט געהאַלטען אין דער פילאָסאָפיע האָט געוואוסט די גאַנצע קאָלאָניע...

אַז וואַסערמאַן האָט זי אָבגערופען אין דער דונקעלער טהיר פון דעם קליינעם און נידעריגען צימער איז זי אויפגעשפּרונגען און פערציטערט געוואָרען.

וואַסערמאַן ביי איהר? און אין אַזאַ שפּעטער נאַכט־שטונדע?

מענער האָבען פערנאַכלעסיגט דאָס קליינע, דאַרע און מיאוסע באַשעפעניש און האָבען זעהר זעלטען, כמעט קיין מאָל ניט איבערגעטרעטען די שוועל פון איהר צימער... די נאַטור האָט זי פאַררעכענט צום ווייבליכען געשלעכט דורך אַ טעות, דורך אַ מיספאַרשטענדניש, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט מאַכען אַ שפּאַס.

אבער דער שפאס איז שוין געווען צו גרויזאם און אונבארמ־הערציג...

און דערפאר האבען ניט נאר די מענער, נאר אפילו די פרויען, די סטודענטקעס מיט איהר זיך ניט גע׳חבר׳ט אינטים...

מ׳האט זי אויסגעמיעדען אזוי ווי אוים מיטלייד, אוים רחמנות און אזוי האט זי יאהרענווייז געלעבט איינזאם, ווי א דארען ביי א זייטען וועג, אהן א שטראהל פון אינטימער פריינדשאפט.

און קיינער האט זיך ניט געפרעגט, ווי אזוי לעבט אט דער איינ־זאמער און פערוואָרפענער דארען, וואס זיינען זיינע פריידען און טרוימען... ס׳האט קיינעם ניט אינטערעסירט.

דאס איינציגע, וואס מען האט פון איהר געוואוסט איז, וואו זי האלט אין דער פילאסאפיע. יעדער נייער פילאסאף, וועלכען זי פלעגט אנהויבען צו שטודירען, איז פאר איהר געווען א נייער עטאפ אויף איהר לאנגען, איינזאמען און צוועקלאזען וועג...

איהר מיעדע נשמה פלעגט זיך אויף דעם עטאפ אויסרוהען, זיך דערוואַרימען און זיך אנצונדען אויף א וויילע מיט אן ענטוזיאסטי־שען פלאם...

דאן פלעגט זי ווערען בערייד־עוודיג און גוזעלשאפטליך, אב־שטעלען בעקאנטע סטודענטען, זיי בעזוכען און ריידען לאנג, נערוועז און פייערדיג מיט שוים אויף די ליפען און בעווייזען אז דער פילא־סאף איז גרעסער ווי אלע, זי פיהלט אז ער, רעוואלוציאנירט איהר גייסט און מאכט זי פאריקט...

סטודענטקעס פלעגען זי גוטמוטיג אויסהערען און שמייכלען, מענער פלעגען פערלירען באלד די געדולד מיט איהר, פלעגען זיך אנ־הויבען צו וויצלען איבער איהר און אזוינע בייזע, ווי וואסערמאן, פלעגען זי איינפאך בייז אויסשפאטען און אויסלאכען און אפילו גראב באליידיגען ביז צו טרעהרען, ביז זי פלעגט קריגען היסטעריקע.

נאך אזא פאל פלעגט זי ווידער אויף לאנג אנטלויפען פון דער קאלאניע, זיך פערשפארען אין איהר צימער און ווידער וואנדערען אליין דעם גאנצען לאנגען, מיעדען און איינזאמען וועג איהרען...

— — — — — — — — — — — — —

וואסערמאַן האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דעם קליינעם קאָנאָפּקעלע און האָט אויסגעצויגען זיינע פיס. דער טייוועל, וועלכער האָט איהם געבראַכט אַהער, איז שוין אויסגעוואַקסען אונטער ראַבינאָוויטש׳ס פּלייצעס, ער האָט איהם געוואונקען איבער איהר קאָפּ און האָט איהם געוויזען מיט דעם פינגער אויף איהר קליין, דאַר און גרין פּנים׳ל.

דער טייוועל האָט איהם אויף אַלעס געוויזען און האָט געשטשירעט זיינע ציינער...

— איצט — האָט ער איהם צוגעוואונקען, — גיב איהר אַ ביסעל ליטעראַטור אַדער בריעף און שיק זי קיין רוסלאַנד... מיר וועלען זי, אַט די קראַסאַוויצע דאָרט צורעכט מאַכען.

וואסערמאַן האָט אָבער דערפיהלט אַ טיעפען מיטלייד מיט אַט דער קליינער און אַלטער סטודענטקע.

ראַבינאָוויטש איז געשטאַנען פאַר איהם, דעם אונערוואַרטעטען גאַסט, אַן איבערראַשטע, אַ פערשעמטע מיט צו דער ערד אַראָבגע־לאָזטע אויגען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געשעהמט מיט איהר קליינעם, אַרעמען גוף פאַר אַט דעם שעהנעם מאַן מיט זיינע צוויי קלוגע, שפּאַטישע אויגען אונטער די פּענסנע...

— ווען פאָהרט איהר קיין רוסלאַנד? — האָט ער זי געפרעגט נאָך אַ לאַנגער פּויזע — מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר פאָהרט אַ היים, זיך זעהן מיט די עלטערען און איך בין עקסטרא געקומען מיט אייך זיך געזעגענען.

אין דעם מאָמענט האָט וואסערמאַן אין גאַנצען פערגעסען אין דעם קאָנסול, און זיין נידערטרעכטיגען און עקעלהאַפטען פעררעטה...

ווארום זאָל ער טאַקע זיך ניט געזעגענען מיט איהר?

ראַבינאָוויטש האָט איהם אָבער ניט געענטפערט.

זי איז געוואָרען נאָך מעהר פאַרשעהמט, אַזוי ווי ער וואָלט איהר געזאָגט אַ זעהר שמייכעלהאַפטען קאָמפּלימענט.

דאָס גאַנצע אַרעמע ביסעל בלוט איז איהר אריין אין פּנים און איהרע, אין קלייען אויסגעקנעטענע בלייכע באַקען האָבען זיך אַביסעל פאַרפאַרבט.

פלוצים האט זי זיך צולאכט... מיט א לאנגען סקריפענדען געלעכטער...

וואסערמאן האט זי פערוואונדערט אנגעקוקט, אריבער די פענסנע, דער געלעכטער, וועלכער האט געטרייסעלט איהר קליין קערפעריל, האט זי געמאכט נאך מעהר אונגאטירליך און מאוס'ער...

ראבינאוויטש האט עס פערשטאנען אין זיין בליק, וועלכען זי האט איבערגעכאפט אויף זיך, און האט פלוצים אבגעבראכען איהר געלעכטער, איז צוגעגאנגען צוריק צום טיש און האט זיך אראבגעלאזט איבער איהר בוך.

א לאנגע פויזע.

— וואָרום ענטפערט איהר מיר ניט? — פרעגט זי וואסערמאן.

— עס פעהלט מיר נאך געלט, — איז געווען איהר קורצער ענטפער, ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ פון דעם בוך.

אך, ווי געניאל פיכטע איז! — איז זי ווידער אויפגעשפרונגען פון איהר שטוהל — אה! ער איז בליצארטיגער פון קאנט'ן. קאנט איז טיעף, פיכטע אבער בליצט, און בעלייכטעט מיין גייסט ווי דער בליץ די פינסטערע נאכט — און ראבינאוויטש האט פעריסען די הענט אויף דעם קאפ און האט אנגעהויבען צו שפאנען איבער דעם קליינעם צימער און ריידען ווי צו זיך אליין איבער פיכט'ען...

וואסערמאנ'ען האט עס פערדראסען...

איהרע רייד האבען געשפרונגען, פונקט ווי מען וואלט זיי ארויסגעטריבען פון אינווייניג, מיט גוואלד. עס איז געווען קלאר, אז די געדאנקען פון אט דעם מיידעל זיינען וויים איצט פון פיכטען און פון דער גאנצער פילאסאפיע, אז זי בעמיהט זיך איצט מיט פיכטען צו פארשטעלען און צו פערטומלען גאנץ אנדערע געפיהלען, וועלכע עס האבען אנגעצונדען אין איהר יונגפרויליכען, פערהונגערטען קערפער דער אונערווארטעטער באזוך פון אט דעם שעהנעם מאן. איהרע שריט איבער'ן צימער זיינען געווארען אויפגערעגטער און שנעלער, און באלד איז זי געלאפען אזוי ווי געטראגען פון דעם שטורמווינד, וועלכער האט פלוצים אויסגעבראכען אין איהר אונטערדריקטען און פערשמאכטען פרויענהארץ.

צוגלייך אָבער מיט די פּעריסענע הענט האָט זיך פּעריסען די קורצע שוואַרצע בלוזקע אויף איהר קליינער פיגור. אונטער דער בלוזקע האָט וואַסערמאַן דערזעהן אַ ציצענע העמד...

און די העמד און די קינדישע, גאַנץ אונענטוויקעלטע טאַליע איהרע האָט אַרויסגערופען אַ קאַלטען ציטער איבער זיין ליב...

—וויפיעל פעהלט אייך נאָך, אז איהר זאָלט קענען פאָהרען אַ היים? — האָט ער זי פּלוצים אונטערבראָכען און האָט זיך אויפגע-הויבען פון זיין אָרט.

ראַבינאָוויטש האָט זיך ניט אָבגעשטעלט, האָט זיך ניט אויסגע-דרעהט צו איהם און האָט איהם אזוי ווי צוגעוואָרפען פון דעם וועג:

— מיר פעהלען וועלכע 120 פראַנק... מיין ברודער האָט מיר גע-זאָלט שיקען.

100 פראַנק איז געווען די סומע וואָס ער האָט געקריגען פון רו-סישען קאָנסול... פאַר וואָס? ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס. זי וועט ער ניט אַרויסגעבען אין זייערע הענט... ניע אין לעבען!

— נאָט אייך 100 פראַנק... איך וועל זעהן אז מאָרגען זאָל אייך משה געבען נאָך 20 פראַנק — און וואַסערמאַן האָט איהר דערלאַנגט 4 קנאַקענדע באַנקנאָטען צו 25 פראַנק יעדע.

ראַבינאָוויטש איז געבליבען שטעהן איבעראַשט. ס'האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז פאַר איהר שטעהט ניט דער גוט בעוואוסטער וואַ-סערמאַן, זאָנדערן אַן אַנדער מענש. וואַסערמאַנ'ס רעפּוטאַציע איז געווען פון אַ „נעהמער". ער האָט גענומען ביי יעדען אונטער אַלע אומשטענדען.

און דאַ ניט ער, און וועמען? איהר? ווען האָט ער צו איהר אַ גוט וואָרט גערעדט? זי איז פאַר איהם תמיד געווען אַן אָביעקט פון לצנות, פון בייזען שפּאַס. און וואו האָט ער גענומען געלט? מסתמא איז אַ בער גע'פּגר'ט אין וואַלד, אָדער ער איז פּלוצים רייך געוואָרען.

וואַסערמאַן האָט איבערגעלייענט איהרע געדאַנקען אויף איהר פּערוואונדערט געזיכט.

— געהמט! איך האב געקראגען געלד פון א פערלאג פאר א מאנוסקריפט. איך האב נאך געלד אין באנק — איז געווען זיין ענט־ווארט אויף איהר איבערראשונג און ער האט איהר מיט איין האנט געשטופט דאס געלט און מיט דער אנדערער האנט האט ער אנגעהויבען צו גלעטען זי איבער'ן פנים.

און זי האט זיך געלאזט... ווי א פערפאלגט הינטעל געלאזט...

איהרע פערגליווערטע פינגער האבען זיך ניט געקענט צונויפלע־גען און דאס געלט איז ארויסגעפאלען פון איהרע הענט.

וואסערמאן האט זיך אנגעבויגען, האט עס אויפגעהויבען און עס אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש. ראבינאוויטש איז נאך אלץ געשטאנען און האט געקוקט אויף איהם פערוואונדערט.

וואס קוקט איהר אזוי אויף מיר? איך וואונדערט וואס וואַ־סערמאן דער „נעהמער" קען אמאל געבען? — האט ער זי געפרעגט — און האט איהר צערטליך ארויפגעלעגט די האנט אויף דעם קאפ און האט איהר טיעף אריינגעקוקט אין די אויגען.

ראבינאוויטש האט זיך נאך אמאל צולאכט. דער געלעכטער האט אנגעשטעקט און געטרייסעלט דעם גאנצען קליינעם קערפער איהרען. אזוי, אז זי האט זיך געמוזט אנשפארען אן דעם טיש, זי זאל ניט אומפאלען.

אוננאטירליך און פאלש האט געקלונגען איהר געלעכטער אין וואסערמאנ'ם אויערען. מ'האט געזעהן, אז זי וויל וויינען און ניט לאכען, אז דער געלעכטער קעמפט און וויל אין איהר דערשטיקען א געוויין...

און באלד טאקע האט דער געלעכטער געפלאצט, פלוצים, אזוי ווי עמיצער וואלט איהם איבערגעריסען און זי איז איבערגעגאנגען אין געוויין, אין א היסטעריש געוויין...

זי איז געפאלען אין שטוהל, האט ארונטערגעלאזט דאס קעפיל אויף דעם טיש, צווישען איהרע הענט און האט געוויינט אזוי הויך און הארצרייסענד, ציטערנדיג קאנוואולסיוו מיט דעם גאנצען קליי־נעם און קינדיש אונבעהאלפענעם קערפער...

וואַסערמאַן האָט זי שטיל גענומען ביי דער האַנד, האָט זי צו־געצווינגען צו דער קאַנאַפּע און האָט זי אַוועקגעזעצט צו זיך אויף די קניעס ווי מען זעצט אַוועק אַ קליין, וויינענדיגעס קינד.

ראַבינאָוויטש האָט זיך ניט געוועהרט...

אומגעקעהרט, זי האָט אַראָבגעלאָזט איהר קעפּיל אויף זיין ברוסט, האָט זיך צוגעטוליעט צו איהם, אַזוי ווי זוכענדיג שוץ ביי איהם און האָט זיך נאָך שטאַרקער צואוויינט.

אַ ציטערענדע און וויינענדיגע איז איהר קליינער, אָרעמער קער־פּער געלעגען אין זיינע אָרעם׳ס ווי אַן אונטערגעשאָסענער און פלאַ־טערנדער פויגעל.

וואַסערמאַן האָט שטיל אויפגעהויבען איהר קאָפּ און האָט זי, די קליינטשיקע, מיאוסע און בעליידיגטע, שטיל אַ קוש געטהאָן.

ראַבינאָוויטש האָט אויסגעשריען, אַזוי ווי אַ האַנד וואָלט אָנגע־כאַפּט און צוזאַמענגעפּרעסט איהר בלוטענדעם הארץ, אַזוי ווי עמי־צער וואָלט זי אָפּגעבריהט...

דאָס איז געווען דער ערשטער קוש פון אַ מאַן אין איהר פער־שמאַכט און דערשטיקט פרויענלעבען!

דער יאָהרענלאַנג ערוואַרטעטער קוש!...

פיליכט האָט זי זיך שוין מעהר ניט געריכט אויף דעם קוש...

ביי וואַסערמאַן אָבער האָט איהר לײדענשאַפטליכער אויסגעשריי אָנגעצונדען דאָס גאַנצע בלוט אין אַלע זיינע אברים... ער האָט זי געכאַפּט אויף די הענט ווי אַ קליין קינד, האָט זי שטאַרק געטוליעט און געדריקט צו זיין אָנגעצונדענער ברוסט און האָט אָנגעהויבען צו שפּאַנען מיט דער קליינער לאַסט איבערן צימער און צו קושען ליי־דענשאַפטליך איהר קליין מיאוס פּנים׳ל...

און אַרומלויפענדיג מיט איהר אויף די הענט אַט אַזוי אַ הין און צוריק איבער דעם קליינעם צימערעל, האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ ווילדער טיגער, ווי אַ בעסטיע, וועלכע טראָגט אין מויל אַ גרויסען, בלוטיגען פויגעל, אַ רויב און זוכט נאָר אַ ווינקעל וואו זיך צו פער־באָרגען, צו פאַרצעהרען און אויסצוזויגען דאָס בלוט פון זיין קרבן...

און די בלוטיגע רויב האט געקרעכצט צווישען דער בעסטיעס ציין, אבער ניט פון וועהטאג און שמערץ...

זי האט געקרעכצט פון וואהנזין, פון אונערווארטעטען און אונגעהאפטען גליק...

דאס ליידענשאפטליכע, רופענדע קרעכצען פון קרבן האט גענאסען בוימעל אויף דעם פייער פון דער אויפגעפלאקערטער, קראנקער ליידענשאפט זיינער...

דער טיגער האט זיך מיט זיין רויב ארונטערגעלאזט אויף דער סליינער קאנאפקע...

— — — — — — — — — — — — —

באלד אבער האט די בעסטיע אבגעשליידערט פון זיך די קליינע ראבינאוויטש מיט עקעל, ווי מען שליידערט אב א מיאוס'ע און קאלטע זשאבע, איז אויפגעשפרונגען און איז אנטלאפען פון צימער.

דער טייוועל איז איהם נאכגעלאפען און האט איהם בעגלייט מיט א טייפלישען כא, כא, כא! וועלכער האט זיך באלד אויסגעמישט מיט דעם ווידער־קול פון זיינע שנעלע טריט, וועלכע האבען געהילכט אונטער די געוועלבען פון די שמאלע גאסען...

6.

דער נעקסטער מארגען האט געבראכט דער קאלאניע א טרויעריגע, איבערראשענדע נאכריכט...

לאה ראבינאוויטש איז בעגאנגען זעלבסטמארד...

איהר ווירטין האט זי געפונען א הענגענדע אויף א האנטוך, אויף דעם קרוק פון דער טהיר...

און די לאה ראבינאוויטש, וועלכע איז ביים לעבען געשטאנען איז אונטערגרונד פון דער קאלאניע, צווישען די איינזאמע און ווילדע, איז נאך דעם זעלבסטמארד ארויפגעשווימען אויף'ן אויבען אן...

אלע זיינען געווען ערשיטערט פון דער קאטאסטראפע און האבען זיך דערפיהלט ווי פעראנטווארטליך און שולדיג פאר דעם מיט

גוואַלט־אַבגעשניטענעם יונגען לעבען. די איינזאַמע און פון אַלע פער־נאַכלעסיגטע סטודענטקע איז פּלוצים, נאָך דעם טויט, אויסגעוואַקסען פאַר די אויגען ווי אַ לעבעדיגער פּאַרוואורף און האָט געמוטשעט יעדענס געוויסען.

אין דעם טאָג איז שוין קיינער ניט געגאַנגען צו לעקציעס. אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטאָן פון דעם אויבערשטען טייל שטאָדט, וואו עס האָט געלעבט די קאַלאַניע אין טהאַל אריין, וואו לאה ראַבינאַ־וויטש האָט געוואוינט.

די אויפגעהאַנגענע איז שוין געלעגען אויף דער קליינער סאָפע אין איהר שוואַרץ קליידעל און בלוזקע און מיט דעם פּאַרוואָרפענעם סעפּעל, האָט זי אויסגעזעהען ווי אַ דערשאָסענע וואָראָנע.

דרויסען, אַרום איהר הויז, אין דער שמאָלער גאַס איז שוין גע־שטאַנען אַ גרויסער עולם פון סטודענטען און בירגער, הויז־ווירטינס זיינען געשטאַנען אין קליינע רעדלאַך, האָבען געשאָקעלט טרויעריג מיט די קעפּ און גערעדט וועגען דער אָרעמער רוסין מיט גרוים מיטלייד.

די קאָמאַנדע האָט באַלד איבערגענומען משה גלעקעל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פריהער הויך און געשמאַק אויסגעוויינט. ער האָט אָנגעהויבען צו לויפען איבער'ן שטאָדט, צווישען חברים, האָט גע־זיפצט, זיך געכאַפּט ביים קאָפּ, געמאַכט מיט די הענט, קורץ, גע־כלאָפּאָטשעט ווי ער איז געווען געוואוינט.

געלט אויף בעגראָבען איז געווען.

אויף דעם טיש האָט מען געפונען די הונדערט פראַנק, וואָס וואַסערמאַן האָט אַוועקגעלעגט, און די הונדערט פראַנק האָבען גע־מאַכט דעם זעלבסטמאָרד געהיימניספולער און רעטזעלהאַפטער...

די קאַלאַניע האָט פעררופען אַ גרויסע טרויער־פערזאַמלונג און האָט געמאַכט אַ גרויסען הספד אויף ראַבינאָוויטש.

מען האָט געמאַכט אויספאָרשונגען וועגען דער אורזאַכע פון זעלבסטמאָרד. די אויספאָרשונגען האָבען גאָר ניט געקענט פעסט־שטעלען, אויך ניט ערקלערען פון וואַנען עס האָבען זיך גענומען ביי

א'הר אויפ'ן טיש די באנקנאטען. די פאסט האט בעשטעטיגט אז זי האט שוין לאנג ניט געקראגען קיין געלט פאר ראבינאוויטש. און אזוי האט ראבינאוויטש מיטגענומען דעם סוד מיט זיך אין קבר אריין...

דער קבר איז געמאכט געווארען מיט דער גרעסטער זארג און ליעבע פון דער קאלאניע. פאר דער קבורה האט געזארגט א קאמיטע פון די פראמינענטסטע חברים. אן דער שפיצע איז געשטאנען משה גלעקעל, וויימער יעדער האט זיך בעמיהט צו בעצאהלען דער טויטער ראבינאוויטש די אויפמערקזאמקייט און ליעבע, וועלכע מען הזיט איהר ניט געגעבען ביים לעבען.

דעם קליינעם, קינדערשען ארון האט די קאלאניע דעם גאנצען לאנגען וועג פון איהר היים ביז צום בית־עולם געטראגען אויף די הענט.

די הענט האבען זיך געביטען, יעדער האט געוואלט דעם כבוד צו בעווייזען דער טויטער זיין ליעבע און טיעפען טרויער. סטודענ־טען האבען איבערגעגעבען דעם ארון סטודענטקעס, נאר משה גלע־קעל האט קיינעם ניט אבגעגעבען זיין פאדערשטען ארט... ער האט געטראגען דעם סעקרעטאר פון ציוניסטישען פעראיין ביז צום גרוב און דער שוויים האט פון איהם געגאסען ווי פון א ביבער...

אז מען האט אראפגעלאזט דעם ארון האט דאס ערשטע ווארט זיך אויך גענומען גלעקעל.

אבער מיט די ערשטע ווערטער האט ער זיך שוין אנגעהויבען צו ווארגען, זיך היסטעריש צוואויינט און איז אבגעגאנגען אן א זייט צוגלייך מיט איהם האבען זיך צוואויינט אלע פרויען און מענער.

דאן האט זיין פלאץ פערנומען וואסערמאן.

קיינעם וואלט גאר נישט איינגעפאלען אז ער וועט רעדען.

וואס האט דא דער פאיאץ צו טאן?

אבער איידער מען האט זיך ארומגעקוקט האט ער שוין גערעדט מיט זיין טיעפער ברוסט־שטימע און האט דערצעהלט אן אריענטאַ־לישע לעגענדע פון א דארן.

— ביי אַ ברייטען, איינזאַמען וועג,ביים זוים פון אַ ווייטער־זאַמדיגער און וויסטער שטרעקע, איז געוואַקסען אַ קליינער דאָרן.
איינזאַם און פּערוואָרפען איז געשטאַנען דער דאָרן...

דער שוים פון דער ערד איז געווען פאַר איהם אַ שטיפמוטער און האָט ניט געוואָלט ערנעהרען זיינע וואָרצלען.

די וואָלקען פלעגען פערביישווימען גלייכגילטיג און קיין מאָל איהם ניט שענקען קיין טראָפּען טוי.

34 אַ. בוקשטיין

די זון פלעגט איהם אומבאַרעמהערציג ברענען און די ווינטען גרויזאַם ביישען.

יאָהרענלאַנג איז דער דאָרן אַזוי געשטאַנען און האָט געטריקענט פון ווינד און היץ, וואַרטענדיג און טרוימענדיג פון אַ לאַסקע, אַן אומאַרמונג פון אַ זאַנפטען, פייכטען ווינטעל...

איינמאָל איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַסטוך מיט אַ סטאַדע אייזלען און שאָף און האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען איינזאַמען דאָרן.

דער דאָרן האָט אַ ציטער געטאָן פון פרייד...

דאָ איז וואָסערמאַן געבליבען שטעהן און האָט אַראָבגעלאָזט טיעף דעם קאָפּ.

דער עולם האָט ביי די ווערטער אויפגעציטערט.

ווי אַ בליץ האָט ביי אַלע אויפגעפלאַקערט דער געדאַנק: אָט וועט דער סוד פון זעלבסטמאָרד ענטדעקט ווערען.

וואָסערמאַן האָט עטליכע מינוט אַזוי פאַרטיעפט נאָכגעדאַכט, אַזוי ווי דורכגעלעבט אַ קורצען, שווערען קאַמף און האָט געלאָזט דעם עולם וואַרטען געשפּאַנט, מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם.

פּלוצלונג האָט ער אויפגעציטערט מיט דעם גאַנצען קערפּער זיי־נעם, אַזוי ווי ער וואָלט פון זיך אָבגעטרייסעלט אַ פּיינליכע ערינע־רונג, האָט זיך אויסגעדרעהט צום אָפּענעם קבר און האָט פערלאָזען דעם בית־עולם און דעם שטוינענדען עולם מיט אַ טיעף פאַרבויגטען קאָפּ.

די קאָלאָניע איז שוין אָבער געווען געוואוינט צו זיינע עקס־צענטרישע שטיק, עס איז ניט געווען קיין צייט דאַריבער נאָכצודענ־

קען און דער לייכט אויפגעפלאַקערטער פאַרדאַכט איז באַלד אויסגעלאַשען און פערלוירען געגאַנגען אין דעם אַלגעמיינעם געדראַנג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אַרום דעם אָפענעם קבר...

יעדער האָט געוואָלט האָבען די מצוה צו וואַרפען אַ לאָפּאַטע ערד אין דעם קבר...

נאָר וואָסערמאַן'ס לענענדע פון דעם איינזאַמען דאָרן האָט שוין קיינער ניט גענומען דאָס וואָרט, דער דאָרן האָט געשטאָכען און געשמערצט אין יעדענ'ס האַרץ און געוויסען...

און אַזוי האָט מען אָנגעהויבען פאַרשיטען דעם קבר [illegible]ן מיט איהם דעם סוד פון דעם אָבגעריסענעם לעבען.

דערפאַר האָבען די סטודענטקעס דעם קבר, רייך און שעהן בעפוצט מיט בלומען.

✧ ✧ ✧

דער באַל.

פינפטער קאַפּיטעל.

דער ערשטער קאָנטאַקט מיט דער קאָלאָניע, דער אינצידענט צווישען איהר מיט וואַסערמאַן'ען אויף דער וועראַנדע פון „רויטען הירש" האט געלאָזט אַ דאַרען אין פלאָרא'ס נשמה.

צוערשט איז דאָס געווען אַ קאָנטאַקט מיט אַ נייער, איהר פאָל־שטענדיג אונבעקאַנטער און פרעמדער וועלט. אויפגעהאָדעוועט אין אַ סביבה פון אַסימילאַציע, קינדער פון אַ געמישטער הייראַט, פון אַ קורלענדער־דייטשער מוטער, פון וועלכער זי און איהר ברודער האָבען גע'ירש'נט זייערע מוזיקאַלישע טאַלאַנטען, און פון אַ באַרימטען רו־סיפיצירטען אַדוואָקאַט, וועלכער איז געווען אַ איד בלויז אין אָב־שטאַמונג, בלויז אין נאָמען — האָבען די סאָלאָווייטשיקעס זעהר ווייניג געוואוסט פון אידענטום און אידישע אינטערעסען. מוזיק, מיט וועלכע זיי האָבען געלעבט און געאָטעמט, איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע קונסט, וועלכע האט פאַרעהרער צווישען אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער. דער פידעל און די פיאַנא האט גערעדט די שפּראַך פון קאָסמאָפּאָליטיזם און איז פאַרשטאַנען געווען איבער דער גאַנצער וועלט... מיט דער שפּראַך האָבען זיי געקענט וואַנדערען איבער דער גאַנצער וועלט און זייער פאַטערלאַנד איז געוואָרען די גאַנצע וועלט, זייער אייביגע היים — דער האָטעל און דאָס גאַסט־הויז.

די אידישע טראַגעדיע האט פאַר זיי, די קינסטלער, ניט עקזיס־טירט, זיי האָבען פון איהר אין דער קינדהייט, אין דער סביבה פון אַסימילאַציע, וואו זיי זיינען אויפגעוואַקסען, ניט געהערט... דאָרט האט מען עס אויף די ליפּען ניט געבראַכט... און אַז זיי זיינען אויס־געוואַקסען און אַנגעהויבען צו קאָנצערטירען און וואַנדערען איבער דער וועלט, האט זיי די וועלט איבעראַל באַגעגענט מיט אַפּלאָדיס־מענטען און מיט בלומען...

טיפען ווי משה גלעקעל, וואַסערמאַן און טאַפּף, קינדער פון גלות און פון אַן איבערגעבראַכענער עפּאָכע מיט איבערגעבראַכענע נשמות, זיינען פאַר זיי געווען אונבאַקאַנט, אין גאַנצען פרעמד... זיי אַליין

זיינען דאָך געווען אַזוינע גאַנצע מיט גליכע אַהן סוקעס, און האַרבעס געוואַקסענע נשמות... דער ערשטער קאָנטאַקט מיט די טיפֿען, האָט פֿאַרטשעפּעט זייערע נשמות, ווי דער שטאָך פֿון אַ דאָרען, לאָזענדיג דאָרט אַן אונאָנגענעהמע עראינערונג.

אונאָנגענעהם איז באַזונדערס געבליבען די עראינערונג פֿאַר פֿלאָרא..., פֿאַר איהר, דער אַריסטאָקראַטקע, דער קאַרעקטער און זעלבסט-באַהערשער, פֿאַר איהר, וואָס האָט תמיד געשפּיעלט די מויטער צום עלעטערען פֿון איהר ברודער, איז דער אינצידענט מיט וואַסער-מאַן'ען געווען אַזוינס, וואָס איז געווען דערווידער איהרע גוטע אַריס-טאָקראַטישע מאַניערען, ניט אין איינקלאַנג מיט גוטער ערציהונג, אַז זי איז נאָכ'ן אינצידענט געבליבען אַליין מיט איהרע געדאַנקען און געפֿיהלען, האָט עס זי כמעט געשווידערט... זי האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין די טאַקטלאָזיגקייט... פֿאַר איהר איז דאָס הויפּזעכליך געווען אַ טאַקטלאָזיגקייט, זיך אַריינצומישען אין אַ פֿרעמדער, איהר ניט אנגעהענדער אַנגעלעגענהייט, און וואו? אויף אַ ווערענדע פֿון אַ קאַפֿע, איז אַן עפֿענטליכען פּלאַץ...

און דאָך האָט דער אינצידענט פּאַרזייעט אין איהר נשמה נאָך עפּעס, אַזוינס, וואָס זי האָט גאָרניט געאהנט, וואָס זי וואָלט בשום אופֿן ניט געגלויבט, וואָס וואָלט זי אפשר איבערגעשראָקען, ווענינגס-נענס העכסט שאָקירט, ווען עמעצער וואָלט עס איהר געזאָגט, דערויף אויפּמערקזאַם געמאַכט... דאָס איז געווען אינטערעס, געוואַלדיגער אינטערעס צו דער גאַנצער קאָלאָניע, צו משה גלאָקעל, צו טאַפּף'ן און הויפּזעכליך צו וואַסערמאַן'ען... און ווייל זי האָט צו איהם געהאָט דעם גרעסטען אינטערעס, האָט זי אונבאַוואוסט פֿאַר זיך אַליין, איהם בסדר פֿאַרשטעלט מיט'ן אינטערעס צו משה'ן און צו טאַפּף'ן... און וואָס מעהר זי האָט אין איהר נשמה פֿאַרשטעלט דעם אינטערעס צו וואַסערמאַן'ען, אַלץ מעהר איז דער אינטערעס אַרויסגעקראָכען אויבען אַז, אין פֿראָנט פֿון איהרע אויגען, געדאַנקען און געפֿיהלען... זי האָט איהם באַטראַכט אַלס פֿרעמד, אונערצויגען, האָט געזעהן אין איהם אַזוי פֿיעל חסרונות, האַרבעס און סוקעס אין זיין נשמה, און דאָך האָט זי זיך מיט איהם אַזוי אינטערעסירט, און דאָך איז ער בסדר געשטאַנען פֿאַר אירע צאַרניגע אויגען, ער, דער פֿרעכער בחור,

וואס האט זיך ערלויבט זי, די בארימטע פיאניסטין, צו באליידיגען אין אן עפענטליכען פלאץ...

— — ווער איז ער דער שמאראצער? ווי האט ער געוואגט? — האבען ניט זעלטען געשעפטשעט איהרע ליפען.

און אונגלויבליך פאר איהר אליין, האט זיך צו דעם צארניגען געפיהל צוגעמישט א צווייטעס, א מוטערליכעס, וואס מוסר'ט און וויל קארעגירען... אויסבעסערען... עס איז צוגעקומען דאס געפיהל פון דער אקאמפאניסטקע, וואס האט געמאכט איהר ברודער צום גרויסען פי־דעל־ווירטאוז... סאלאווייטשיק האט געקענט שפילען באגייסטערט, ווי א ווירטואז, בלויז ווען פלארא האט מיט איהם מיטגעשפיעלט... אהן איהר זיינען זיינע פינגער געווען אונזיכער, ווי זיינע בלינדע טריט אהן דער שטיצע פון איהר ארים...

מאמענטענווייז האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז וואסערמאן מוז אויך זיין א מין ווירטואז, וואס קען קומען צו זיין אנטפלעקונג, פולען אויסדרוק דורך איהר אקאמפענימענט, אז זי וואלט איהם אוועק־געשטעלט אויפ'ן ריכטיגען וועג...

א פרעכער קערל ער איז! — האט זיך אין דער זעלבער צייט, געבייזערט די פיאניסטקע.

און דאך איז זי געגאנגען הערען זיין רעפעראט, דעם ערשטען רעפעראט פון דער קאלאניע, ווען זי האט זיך דערוואוסט בסוד פון משה'ן, וועלכער האט זי איינגעלאדען צו זיין זיעג איבער די סאציא־ליסטען, אז וואסערמאן וועט רעדען...

דער אווענד אבער האט שוין געלאזט טיעפע וואונדען פון דעם דארען, וואס האט געהייסען וואסערמאן... טיעפערע וואונדען, ווי די, וואס וואסערמאן אליין האט באקומען אין זיין קאפ פון דעם פון איהר געשליידערטען ביערקופעל...

צוערשט האט זי זיך אין גאנצען איבערגעשראקען פאר זיין וואונד, וואס זי האט פאראורזאכט. דאס מוטערליכע געפיהל צו דעם „פרעכען ציניקער" האט זיך נאך מעהר פארטיעפט, איהר הארץ מעהר געבלוטעט, ווי וואסערמאן'ס וואונד אין שארבען... הויפטזעכליך אבער האט זי, די קארעקטע און גוט־ערצויגענע, זיך איבערגעשראקען פאר א סקאנדאל, אז די געשיכטע זאל ניט אריין אין די צייטונגען, וואס האבען ניט

לאנג געשענקט איהר און איהר ברודער אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט, באשיט מיט שבחים און רום... זי האט דערפאר באשלאסען צו פאר־לאזען בערן און האט זיך גענומען גרייטען אין וועג אריין.

דאס אוועקפאהרען אבער האט זיך עפעס פארצויגען. דערנאך דאס באגעגעניש מיט דעמזעלבען „פרעכען מאן" ביים בערנגראבען, דאס אימפולסיווע צוריקווייזען, די כמארע, מיט וועלכער דאס צוריק־ווייזען האט שנעל בארעקט זיין פנים, די לאכענדע אויגען פון דעם ציניקער און סאטיר, דער גרויסער אומעט, וואס האט די לאכענדע אויגען אזוי שנעל אויסגעלאשען, פאר'חושכ'ט די גאנצע נידערגע־שלאגענע און אונגליקליכע געשטאלט, וואס זי האט געלאזט אונטער זיך, האט זי דערנאך לאנג געפייניגט מיט דער חרטה פון א גרויסען פאר־ברעכען, פון א באגאנגענער גרויזאמקייט...

און זי האט שוין געזוכט געלעגענהייטען די עולה צו פאריכטען, דאס אונרעכט צו פארגלעטען... דאס פארלאזען פון בערן איז שוין אפגעלעגט געווארען, איהר ברודער האט זיך ווייטער געפיהלט ניט גוט און אפגעלעגט דאס וואנדערען... פיליכט האט אויך איהם צוריקגעהאלטען די קאלאניע, די עקזאטישע טיפען, א משה גלעקעל, וואס וויל אבקויפען ביים סולטאן פאלעסטינא מיט הכל אשר בכל דורך א מעקלער אן ארמענער, א וואסערמאן, וואס וויל מיט שטראהלען איז בערן אויפרייסען ווייטע מדינות, מיט א טאפף, וואס קאמפאנירט די מוזיק פון שוויינען...

פאר איהם איז דאס געווען א נייע, פרעמדע וועלט... פול מיט טראגישען אינטערעס...

און אנשטאט צו פארייזען, האבען די סאלאווייטשיקס זיך ארויס־געצויגען פון „רויטען הירש" אין אבערלאנד און זיך באזעצט אין שטאדט.. און אזוי ווי משה גלעקעל איז אונפערמיידליכערווייזע גע־ווארען א בן בית ביי די סאלאווייטשיקעס און זיי אונגעפרעגטערהייט פארשריבען אין זיין ארמיי, זיינען ברודער און שוועסטער אריינגע־צויגען געווארען אין ווירבעל פון דער קאלאניע...

דער סוף איז געווען, אז די סאלאווייטשיקעס האבען זיך צוליעב צייט־פערטרייב מאטרעקולירט אויף דעם פילאסאפישען פאקולטעט,

און דאס פארעל איז געווארען א פאמיליארע ערשיינונג אויף די לעק־ציעס פון די פאפולערסטע פראפעסארען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ב

משה גלעקעל האט געגעבען א באל...

דער זומער־סעמעסטער איז אפילו געווען ווייניג גינסטיג פאר א באל, בעלער פלעגען געגעבען ווערען נאר ווינטער, נאר אזוי ווי ביי משה'ן איז פלוצים געבוירען געווארען א נייער פלאן, א שפאגעל נייער, וועלכער האט באדארפט ברענגען די וויכטיגסטע און גרעסטע רעזולטאטען פאר דעם אידישען פאלק, און אזוי ווי פאר אלע זיינע פלענער האט מען באדארפט האבען געלט, און דערצו נאך זעהר פיעל געלט, פשוט מיליאנען, איז געבליבען ביי איהם און ביי זיין שטאב, אז מען מוז מאכען א באל, און דאס באלד, און דערצו נאך א באל פון באלענלאנד, אז מען זאל האבען פון איהם וואס צו דערצעהלען אויף דור דורות. און הויפטזעכליך זאל ער אריינברענגען א שעהנע אפותיקא, און מיט דעם וועט מען שוין אנהויבען צו רעאליזירען דעם נייעם פלאן, וואס האט באדארפט קאסטען ניט מעהר ניט ווייניגער, לויט גלעקעל'ס גענויסטע רעכענונגען, ווי 2 מיליאן מיט 403,567 פראנק מיט 77 סאנטים.

אז דער בודזשעט פון דעם נייעם פלאן איז געווען א ריכטיגער, ביז די 77סאנטים, האבען גאראנטירט טאקע די 77 סאנטים אליין... אז מען רעכענט אוים אזא גרויסע זאך ביז א סענט, איז מסתמא ריכטיג... ווייטער האבען גאראנטירט דערפאר, דאס וואס דעם רעכענונג האבען געמאכט פאכלייט. וויסענשאפטליכע מיטארבייטער האט משה'ן אין דעם אויסארבייטען פון זיינע פלענער קיינמאל ניט געפעהלט. ער אליין איז אפילו געווען א ביסעל ווייטליך פון דער וויסענשאפט און האט זיך מיט שטאלץ געהאלטען פאר דעם פראקטישען כלל־טוער, וואס האט פיינט טעאריעס, פיזיקע־מיזיקע מיט פרינציפיעלע שטאנד־פונקטען; ער איז געלאפען פון זיי אזוי ווי פון א פעסט און האט גערעדט פון זיך, קלאפענדיג זיך אין ברוסט, מיט דעם קולאק: „מיר פראקטיקער".

דערפאַר אבער האָט ער געלעבט אין צענטער פון וויסענשאַפט און האָט געהאַט חברים, וואָס זיינען אַלע געווען מענער־דער־וויסענ־שאַפט...

משה גלעקעל האָט געהאַפט, אַז דער באַל וועט אַריינברענגען לכל הפחות ריינע 1000 פראַנק. אַז ער וועט האָבען די טויזענט פראַנק וועט ער זיך ווענדען צום נאַציאָנאַל פאָנד, אַז מע זאָל איהם לייען נאָך 2000 פראַנק און מיט דריי טויזענט פראַנק האָט ער געהאַפט צוזאַמענצושטעלען אַ קינאָמאַטאָגראַף, וואָס זאָל צייגען אין לעבעדיגע בילדער דאָס נייע לעבען אין ארץ־ישראל. אַז ער וועט האָבען דעם אַפּאַראַט און די בילדער וועט ער זיך שוין מיט אַ פּאָר חברים אַליין במחילה אָוועקלאָזען איבער די אידישע שטעדט און שטעדטלאך, וועט ארומפאהרען בכל תפוצות ישראל און צייגען איבעראַל דעם אידישען פאָלק די בילדער און וועט אויף אַזאַ אופן אויפטאָן צוויי זאַכען מיט איינמאַל.

ראשית וועט ער דערמיט פּראָפּאַגאַנדירען דעם ציוניזם... קיין בעסערער מיטעל קען ניט געבען און וועט ניט געבען. אַ קלייניגקייט אַז אילוזיאָן! דאָס איז דאָך דאָס בעסטע פּראָפּאַגאַנדע־מיטעל!

צווייטענס וועט ער טאַקע מיט דעם קינאָמאַטאָגראַף צונויפקלייבען אָט די נויטיגע 2,403,576 פראַנק מיט די 77 סאַנטים. אָה, בלתי ספק!

און מיט דעם געלט וועט ער גרינדען די ערשטע עקספּערימענט־סטאַנציע פאַר אַגריקולטור אין ארץ ישראל!

און כאָטש די סאָציאַליסטען האָבען פיינט געהאַט די ציוניסטען תכלית שנאה, ווי אַ גוי דעם אידען, אָדער אומגעקעהרט, איז פון דעסטוועגען אויף דעם באַל געקומען די גאַנצע סאָציאַליסטישע קאָ־לאָניע, די גאַנצע פּני פון סאָציאַליזם מיט לאַווקאַטש'ן אַן דער שפּיצע, און אַז די גדולים זיינען געגאַנגען, זיינען די קטנים שוין במילא אויך געקומען...

גלעקעל איז דאָך ניט געווען קיין נאַר. אַלס אַ פּראַקטישער מענש, האָט ער פון זיין פּלאַן קיין וואָרט ניט דערצעהלט די סאָציאַליסטען... ווען ער דערצעהלט זיי, חס ושלום, פאַרשטעהט איהר שוין אַליין, אַז אַלעס וואָלט געווען פאַרלאָרען. ניט נאָר זיי וואָלטען ניט געקומען, זיי וואָלטען איינפאַך געמאַכט אַ כעמישע אָבסטרוקציע און אַרונטער־

געריסען דעם באַל... אַט די „באַנדיטען“ וואָלטען ניט דערלאָזען, אַז די בילדער פון ארץ ישראל זאָלען אַריינברייננגען אויף אַ ציוניסטישען צוועק 2,403,576 פראַנק מיט 77 סאַנטים, אַזאַ מאַיאַנטעק. גיכער וואָל־טען זיי דערטרונקען משה גלעקעל מיט דעם ציוניזם אין איינעם. ער האָט זיי דערום גאָרניט דערצעהלט און האָט זיי אונטערגעשטעלט אַ פיסעל...

ווידער האָט דאָך דעם באָל געגעבען, ניט די ציוניסטען, נאָר משה גלעקעל און ער איז געווען פאַרעכענט פאַר אַ „באַראָשי פאַרען“ ביי אַלע סטודענטקעס... מילא, האָט מען איהם צוליעב געטאָן און מען איז געגאַנגען...

ווייטער איז די פראָגראַם געווען אַז אינטערעסאַנטע... אַה, משה האָט געקענט צונויפשטעלען אַ פראָגראַם! ניט אומזיסט האָט ער געצעהלט שוין דעם 20טען סעמעסטער אַלס סטודענט!... ניט איין סטודענטען־באָל האָט ער שוין געגעבען אין די 20 סעמעסטער!...

עס האָבען געזאָלט שפּילען דער בלינדער סאָלאָווייטשיק מיט זיין שוועסטער פלאָראַ, וועלט־באַרימטע קאָנצערטיסטען. ווייטער האָט טאַפּף דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען געזאָלט דיריזשירען אַן איינענע קאָמפּאָזיציע...

די קאָמפּאָזיציע האָט אין פּראָגראַם געטראָגען דעם נאָמען „כאַאָס“, אַ נאָמען וואָס האָט אַזוי פיעל פאַרשפּראָכען און אינטריגירט און איז געווען אַזוי צוגעפּאַסט צום קאָמפּאָזיטאָר אַליין: צו זיין גרויסען קוד־לאַטען קאָפּ שוואַרצע האָר, צו זיין אַנצוג וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין קנעפּ און פלעגט זיך צונויפשפּיליען מיט זיינע צוויי, אין די אַרבעל אַריינגעשטעקטע הענט; קורץ, צו זיין גאַנצען כאַאָ־טישען וועזען און זיין רעפּוטאַציע אין דער קאָלאָניע!

ווייטער האָט דאָס פּראָגראַם פאַרשפּראָכען קאַריקאַטורען, וויצען, סאַטירען, לעבעדיגע בילדער און אַנדערע סענסאַציעס. און ועל כולם האָט דאָס פּראָגראַם פאַרשפּראָכען צו צייגען אין אַ לעבעדיג בילד משה גלעקעל אַליין, אַזש אויף דעם באַרג סיני!...

פאַר דעם באַל האָט משה געדינגען דעם גרעסטען לאָקאַל פון שטאָדט און דערצו בחצי חנם.

אין אַ פרעמדען פראַק מיט לאַנגע אַרבעל און קורצער טאַליע, מיט אַ באַנד פון ציוניסטישע פאַרבען אַרום אַרבעל, איז משה אַרומ־געלאָפען און געקאָמאַנדעוועט מיט אַ קול פון אַ פעלדמאַרשאַל, אַרומ־געלאָפען פון זאַל צום וועסטיבול און צוריק, עמפּאַנגענדיג די אָנ־קומענדע פּראָמינענטע געסט און ברייגענדיג זיי אין זאַל אַריין. ער איז אַרומגעלאָפען אַ פאַרשוויצטער, מיט דעם טיפען און פאַרזאָרגטען ערנסט פון אַ מחותן, וואָס האָט באַדאַרפט פיהרען זיין בת יחידה צו דער חופּה און עמפּאַנגט יעצט די טייערע מחותנים.

די עכטע מחותנים אַבער, די איינגעלאַדענע פּראָפעסאָרען, האָבען אַזוי ווי אויף צו להכעיס זיך אַביסעל פאַרשפּעטיגט... דאָס האָט פאַר־שאַפט גלעקלען די גרעסטע אונרוה און האָט געמאַכט זיין לויפען נאָך נעלער און שטורמישער. מיט די צוויי צובלאָזענע פּאָלעס פון זיין פראַק האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ פליהענדער שוואַרצער פויגעל איבער דעם זאַל. דעם קאָנצערט האָט מען ווייטער ניט געקענט אָנהויבען, וויילדי סאָלאָווייטשיקס, די גרעסטע אָנציהונגס־קראַפט פון דעם באַל, זיינען אַלץ ניט געקומען...

— גאָט מיינער! וואו זיינען זיי? — האָט ער פאַרצווייפעלט גע־בראַכען די הענט און געשריען: — טאַפּ! וואַסערמאַן! קוגעל! ממזרים! וואו זייט איהר? לויפט ברייגנען די סאָלאָווייטשיקעס! געוואַלד! אַלץ אויף מיין קאָפּ! — און ער איז ווידער געלאָפען אין וועסטיבול.

דעם מאָל אַבער האָט ער זיי שוין אַריינגעפירט, גאָט צו דאַנקען!

— ווילקאָמען! ווילקאָמען! טייערע געסט... טייערע געסט... דאַנקע שעהן.... דאַנקע שעהן... — האָט געפּלאַטערט אַרום פּלאָראַ'ן משה גלעקעל, אַראָבנעהמענדיג פון איהרע אַקסעל דעם פּערפּיומירטען, לייכטען, ווייסען, זיידענעם באַל־מאַנטעל... ער איז געבליבען שטעהן ווי פאַרבלענדעט פון איהר רייץ און שעהנקייט.

אַ הויכע, אַ פּערפּיומירטע, מיט איהר הויכען קאָפּ קאַשטאַנענע האָר, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַן אָנגעוואָרפענער הויפען פון פריש אָנגעקאָסעטען און שמעקענדיגען היי, אין אַ טיפען דעקאָלטע, וועל־כעס האָט טיעף געעפענט איהר אַטלאַס־גלאַטע ברוסט און פּלייצעס, אין דער גאַנצער פּראַכט פון איהרע, אַזוי ווי פון מאַרמאָר אויסגע־

האקטע קערפער־ליניען, וועלכע זיינען געוועזן אזוי צארט און אלבאס־טער־ווייס, הימליש לייכט פארשלייערט אין דעם זייד און טיול פון איהר דורכזיכטיגען ראז־ווייסען באל קלייד—מיט אלעם צוזאמען איז זי געשטאנען פאר זיינע אויגען ווי א געטין, ווי א מאיעסטעטישע קעניגען־געשטאלט.

פיהרענדיג אונטער׳ן ארעם דעם בלינדען סאלאווייטשיק, וועלכער האט אין פראק און ווייסען העמד אויסגעזעהען ערנסט און טרויעריג, איז פלארא געבליבען שטעהן אויף א מאמענט אין בופעט, וואס האט געדיענט אזוי ווי א דורכגאנג צום באל־זאל. זי האט זיך ארום־געקוקט, זוכענדיג עמיצען מיט די אויגען....

און זי האט איהם דערזעהן...

ער איז געשטאנען דארט אין ווינקעל אין א נאפאלעאנען־פאזע, מיט דעם גוט באקאנטען שמייכעל אויף די ליפען... זי האט שנעל געוואלט פארבייגעהן אין זאל אריין, אזוי ווי מיט דער אבזיכט איהם אויסצומיידען. אנטלויפען פון איהם. עס איז שוין אבער געווען שפעט...

וואסערמאן האט זיי שוין פארשטעלט דעם וועג און האט זיך פארבויגט מיט אן איראנישער, איבערטריבענער העפליכקייט...

— מיין גרעסטע האכאכטונג, מיינע הערשאפטען! איך האב די עהרע—

פלארא האט אנגערוקט איהרע געדיכטע ברעמען און צוגעווארפען א פראגענדען בליק און אזוי ווי איהם אבגעגאסען מיט דער קעלט פון איהרע שטאל־גרויע אויגען.

זי האט געוואלט געהן ווייטער, ניט ענטפערענדיג אויף זיין גרוס. דער בלינדער סאלאווייטשיק אבער, וואס האט מיט איהם נאר צוויי מאל גערעדט דאן אין „רויטען הירש", האט איהם דערקאנט נאך דער שטימע און זיך אבגעשטעלט:

אה, דאס זייט איהר... דער וואס וויל די וועלט אויפרייסען?...

— יא, איך האבע די עהרע! דאס בין איך דער, וואס וויל די וועלט אויפרייסען — האט זיך וואסערמאן ווידער פארבויגט מיט׳ן גרעסטען ערנסט און רעספעקט און האט אנגעשטעלט זיין בליק אויף

פלארא'ם דעקאלטע, דעם דעקאלטע פון ווייסען מארמאר מיט בלויע אדערען...

פלארא האט א ציטער קעטהאן מיט דעם גאנצען קערפער איהרען, מיט דעם גאנצען וועזען, דאס איז געווען א בליק פון א הונגעריגען וואלף, וואס איז גרייט זיך ווארפען אויף זיין קרבן, צו כאפען איהם באלדביים גארגעל... זי האט עס דערפיהלט אינסטינקטיוו...

— זאל איך אייך דעם מאנטעל אין דער גארדעראבע באהאלטען? — האט געפרעגט גלעקעל א ציטערענדער איבער איהר און פלאטע-רענדער.

— יא, זייט אזוי פריינדליך — האט איהם געענטפערט פלארא און איהם געשענקט א שמייכעל, א געטליכען שמייכעל.

גלעקעל'ס פנים האט אויפגעשטראלט פון דעם שמייכעל, זיין ברייט געזיכט איז געווארען נאך ברייטער און ער איז אוועק בא-האלטען איהר מאנטעל, דעם לייכטען און שמעקענדיגען צויבער-מאנטעל.

פלארא איז באלד געקומען צו זיך פון דער אונרוהיגקייט, אין וועלכער עס האט איהר אריינגעווארפען אט דער הונגעריגער וואלף, וואס איז יעצט געשטאנען פאר איהר. דא איז ער געווען אונשעדליך. און זי איז אבזיכטליך געבליבען שטעהן פאר איהם, אום צו רייצען איהם א ביסעל מיט דער פראכט פון איהרע אנטפלעקטע קערפער-ליניעו...

— און איהר לעבט נאך, הא? — האט זי איהם געפרעגט וואר-פענדיג אויף איהם אן אנגעבמארעטען בליק...

— יא, ווי זי זעהען, גנעדיגסטעס פריילין, איך לעב... אפילו דער קופעל וואס איהר האט מיר געשליידערט אין שארבען, האט מיך ניט געקענט טויטען...

— קופעל? וואס פאר א קופעל? — האט נייעגריג געפרעגט סאלאווייטשיק.

— א שאד! א שאד! — האט באמערקט פלארא.

— וואס ליגט אייך אזוינס אין מיין לעבען? ווארום ווילט איהר מיך אונבאדינגט אומברייגגען? — האט איהר געפערגט וואסערמאן, ניט

אראבלאזענדיג זיינע ציניש־באגערענדע אויגען פון איהר מארמארנעם דעקאלטע...

— מיר ווייזט אויס, אז איך וואלט אייך אליין געטהאן די גרעסטע טובה.

— דאן האט איהר א גרויסען טעות, דאס לעבען איז מיר ניט אזוי נמאס... און פאר וואס זאל עס מיר נמאס זיין? ווענינ שעהנע, ליעבענסווערטהע זאכען זיינען נאך דא אין לעבען?

— פאר אזא ציניקער איז שוין גאר נישטא אויף דער וועלט, — האט איהם פלארא אזוי ווי בייז געענטפערט, פארשטהענדיג זיין אנצוהערעניש. זי האט מיט א לייכטען ציטער אזוי ווי געוואלט אראבווארפען פון זיך זיין בענעהרענדען בליק...

— לעבט... לעבט... 120 יאהר — האט זיך גוטמוטיג אריינגעמישט דער ברודער — נאר רייסט די וועלט ניט אויף... מען טאר ניט זיין אזוי שלעכט... א אידעע פון א מענשען! וואס האט איהר צו דער וועלט? נא דיר גאר די וועלט אויפרייסען!

— זאגט איהר, אז פאר מיר איז שוין גאר נישט איבערגעבליבען אויף דער וועלט? פון דעם רייך סערווירטען טיש וועט מיר קיין איין שטיקעל, קיין איין ביין ניט צופאלען?

— ניין! — האט מיט א פעסטער איבערצייגונג און ערנסט גע־ענטפערט פלארא.

— איהר האט א טעות, א גרויסען טעות.

— קיין טעות! — האט מיט א שטארקער באטאנונג געזאגט פלארא.

— וואס זשע טהוט מען?

— דאס איז אייער זאך... די קאסעקווענצען דארפט איהר ציהען און ניט איך...

— פלארא! — האט פרובירט מילדערען איהר הארטען טאן דער בלינדער ברודער.

וואסערמאן׳ס אויגען האבען אויפגעפלאקערט ווי ביי א ווילדער חיה, וועלכע איז פאריאגט פון יעגער אין א ווינקעל, פון וועלכען מען קען שוין ניט אנטלויפען.

אבער נאר אויף א מאמענט...

באַלד האָט ער שוין געלאַכט... ציניש געלאַכט... זי האָט פון זיין גע־לעכטער אריינגעוואָרפען אין אַ קעלט.

פלאָרא האָט אויפגעהויבען הויך דעם קאָפּ און איז ווי אַ קעניגין אריין אין זאַל. וואָסערמאַן איז געבליבען אַליין, אַליין מיט זיין קרומען און געלען געלעכטער...

— קיין ביין, קיין שטיקעל פּוז דעם רייד־סערווירטען לעבענס־טיש, — האָבען געשעפּטשעט זיינע ליפּען...

און אַז משה איז צוגעלאָפען צו איהם מיט אַ ליאַרעם ער זאָל געהן אונטען אין וועסטיבול און וואַרטען אויף די פּראָפעסאָרען און איבערהויפּט ניט שטעהן ליידיג, נאָר עטוואָס טהאָן פאַר דעם אידעאַל, האָט איהם וואָסערמאַן אַבגעשיקט צום טייוועל, איהם מיט די פּראָ־פעסאָרען, מיט דעם גאַנצען באַל און אידעאַל אינאיינעם און איז ביין אַבגעגאַנגען אָן אַ זייט...

משה איז געבליבען שטעהן פאַרשטיינערט. וואָסערמאַן האָט שוין ווידער געבונטעוועט... ערשט ניט לאַנג איז ער געווען שוין אַ שטיקעל מענש...

משה האָט זיך אויסגעשאָלטען מיט טויטע און הויכע קללות און איז אַוועק ווייטער מיט צוויי צובלאָזענע פּאָלעם ווי אַ רויב־פויגעל. אַוועק אין זאַל אַבשטעלען די טענץ, וואָס האָבען זיך נעדאַרפט אָנ־פאַנגען נאָך דעם קאָנצערט און וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען פריהער, ווייל דאָס פּובליקום האָט ניט געהאַט וואָס צו טהאָן און האָט זיך געלאַנגווייליגט, וואַרטענדיג אויף דעם קאָנצערט. דער פאַרשוויצטער עולם האָט זיך דאָן אַ לאָז געטהאָן אין בופעט זיך דערפרישען. דאָרט איז באַלד געוואָרען רוישיג און הייס...

אַז וואָסערמאַן האָט דערזעהן, ווי דער עולם עפענט די בייטעלאָך איז אין זיין הונגעריגען און דאָרשטיגען קאָפּ גלייך געבאָרען געוואָרען אַ געדאַנק, אַז אָט דאָ קאָן מען מאַכען אַ קאָלאָסאַלע הלואה, אַן אויסערליכע אַנלייהע.

דאָס גאַנצע פּובליקום איז איהם געווען באַקאַנט און אַזוי ווי עס עפענט זיך אַ בייטעלע, צו געהן און בעטען אַ גמילת חסד: אַ פראַנק, צוויי, ווי נאָך ווען...

עס וועט זיין פאר יעדען אזוי אונערוואַרטעט, און איידער ער וועט האבען צייט זיך איבערצולייגען און אָפּזאָגען, וועט די הלואה שוין זיין געמאכט, כמעט ארויסגענומען פון בייטעלע...

זאגען אז ער האט ניט, וועט קיינער ניט וואגען, האלטענדיג דאס בייטעלע אין דער האנד...

דער קליינער געלער טייוועל פון דעם גרויסען מאן האט שוין ווידער געלאכט, געלאכט פון איהם און זיין גרויסקייט...

דער קליינער טייוועל האט זיך באַזעצט אין זיין גרויסער נשמה ווי דער חלפן ביים בית המקדש און האט זי תמיד אויסגעוועקסעלט אין קליינע מטבעות, אין פראנקען און סענטימען פאר א מיטאג...

און דער געדאנק איז איהם אזוי געפעלען, אז ער האט זיך באלד געוואלט נעהמען פאר דער ארבייט... באלד אבער איז געווארען א מהומה, מען האט אנגעהויבען שרייען:

— פראפעסארען! פראפעסארען! די פראפעסארען געהען שוין.

און ווירקליך, באלד האט גלעקעל אריינגעפיהרט פראפעסארען פון ארגאנישער כעמיע און פון פיזיק.

דער עולם, וואס האט אנגעפאקט דעם בופעט איז געווארען שטיל און געמאכט רעספעקטפול א וועג פאר זיי.

משה האט געטאנצט ארום די פראפעסארען און זיך געריבען די הענד פון פרייד. די צוויי געהויבענע געסט האבען איהם איינגאנצען פארשעהנט די שמחה.

— זינד וויר ניכט צו שפעט, הערר גלעקעל? האט געפרעגט דער אלטער פראפעסאר פון פיזיק, זוכענדיג דורך די ברילען שעהנע מיידעלשע געזיכטער ארום זיך.

— אה, ניין, ניין, הערר פראפעסאר! העכסט צייטמעסיג... זעהר דאנקבאר... זעהר דאנקבאר... — האט איהב בארוהיגט משה.

— האבען די סאלאוויטשיקעס שוין געשפיעלט? — האט געפרעגט פראפעסאר קאראטעצקי, א פאליאק, וועלכער איז שוין געווען באקאנט מיט דער שעהנער פלארא. ער איז אייגענטליך צוליעב איהר געקומען צום באל...

— ניין! ניין! מיר האבען ערווארטעט די הערען פראפעסארען.

— און וואָס האָבען זי זאָנסט אין קאָנצערט פּראָגראַם? — האָט געפרעגט פּראָפעסאָר מילער.

— וויר האבען „כּאַאָס“... דעם „כּאַאָס“.

— כּאַאָס? — האָט אַזוי ווי אַ ציטער געטהאָן דער מאַן פון דער וויסענשאַפט, — דער פּינקטליכער דייטש, וואָס האָט ליעב געהאַט אָרדנונג... — וואָצו ברויכען זי דעם כּאַאָס? וואָס פאַר אַ כּאַאָס?

— עס איז אַ קאָמפּאָזיציאָן... כּע. כּע, כּע, פון אַ סטודענט... פון סטודענט טאַפּף.. אַ גרויסער מוזיקער! — האָט איהם רעקאָמענדירט גלעקעל

— אַ שעהנער נאָמען, דאָנערוועטער! — האָט באַמערקט מיט אַ געלעכטער דער פּראָפעסאָר פון דער אָרגאַנישער כעמיע, אַלע דריי זיינען פאַרשוואונדען אין גרויסען רוישענדען זאַל...

נאָך זיי האָט זיך אַ לאָז געטהאָן דאָס פּובליקום פון בופעט. וואָסערמאַן איז אָבער געבליבען...

זיין קאָפּ איז איצט געווען באַשעפטיגט מיט דער הלואה, מיט דער גרויסער קאָנטריבוציע, וואָס ער האָט זיך געריכט היינטיגען אָווענד צונויפנעהמען אין דעם בופעט... ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, זיך געוואָרגען פון געלעכטער און אַרויסגעקוקט אויף קרבנות...

זיין ערשטער קרבן איז געווען פּישטשענקאָ, אַ גלח'ס אַ זוהן, וועלכען מען האָט אַרויסגעשמיסען פאַר אַ בונט פון זשיטאָמירער סעמינאַריע.

דאָס איז געווען אַ הויכער שייגעץ, אַ ריעז אין אַ בלוזע מיט לאַנגע האָר און אַ גרויסער זאַאיקע. אַז ער פלעגט זיך זאַאיקען פלעגט ער אויסגלאָצען אַ פּאָר גרויסע אויגען, בלאָזען זיך און שפּייען, אַז עס איז געווען אַ צער בעל־החיים איהם דאַן אָנצוקוקען. געקומען איז ער קיין בערן ניט צו שטודירען נאָר „איסקאַט פּישטשי דליאַ ד־ד־ד־דוכאַ“. ווי ער פלעגט אויסרעדען מיט גרויס מאַטערניש מיט זיין שטאַמעלדיגען צונג.

באַגעגענט האָט איהם משה אויף דעם וואָקזאַל ווי אַלע פּנים חדשות, האָט איהם באַלד באַזאָרגט מיט אַלעם און איהם אַזוי ענטציקט מיט זיין באַדינונג, אַז ער האָט זיך פּשוט פאַרליעבט אין איהם און אין גאַנצען אידישען פאָלק און הויפּזעכליך אין ציוניזם און האָט פון דאַן אָן ביי יעדער געלעגענהייט מיט באַוואונדערונג געשריען:

„וואס נאראד! ב־ב־ב־אלשאי נאראד!“ און האט זיך צוגעטשעפעט צו גלעקלען, אז ער זאל איהם פארקויפען א שקל, און אריינגעהמען צווישען די „סיאניסטען“...

משה האט עס באלד פארגעלעגט אויף אן „עקסטרא בארופענע פארזאמלונג“ צו בעראטען, „אז אויסער־געוועהנליכער פאל אין דער געשיכטע פון דער באוועגונג“, ביז צוויי ביינאכט האט מען דיסקוטירט אין פישטשענקעס געגענוואַרט אט דעם „אויסער־געוועהנליכען פאל“ און מען האט די פראגע, צי מען קען איהם פארקויפען א שקל און אריינגעהמען אין פאראיין אלס מיטגליעד היים דעבאטירט פון אלע זייטען און שטאנדפונקטען. גרויסע רעדעס און שלאכטען האט מען אבגעהאלטען, אבער אומזיסט! צו קיין רעזאלוציע, צו קיין פרינצי־פיעלען באשלוס האט מען ניט געקענט קומען... יעדער מיטגליעד האט אריינגעטראגען זיינע א רעזאלוציע צום אבשטימונג און וויפיעל עס זיינען געווען מיטגליעדער אזוי פיעל זיינען געווען רעזאלוציעס. דאן האט משה גענומען די גאנצע געשיכטע אויף זיך, איהם פארקויפט א שקל און איהם געמאכט דאמיט פאר א „סיאניסט“...

געוועהנליך פלעגט זיך דעם גלח'ס זוהן משמח זיין אויף א באל ווי ביי אן אייגענער שוועסטער אויף דער חתונה. ער פלעגט טאנצען מיט אלע אידישע סטודענטקעס, גלאצען מיט די אויגען און שרייען „ב־ב־ב־אלשאי נאראד!“ און פלעגט זיי אלע פיהרען אין בופעט אריין „אסוועזשיטסיא לימאנאדאם!“...

— אך, מאיא ניזש־זשאישאיע! — האט ער זיך דערפרעהט מיט וואסערמאַן'ען

— נו, קאקאי פאקולטעט איזבראל? (וואס פאר א פאקולטעט האסטו אויסגעקליבען?) האט איהם געפרעגט וואסערמאן, — ווייל פישטשענקא האט זיך א יאהר גע'ישוב'ט וועגען דעם, וועלכען פאקול־טעט ער זאל אויסקלייבען...

— פ־פ־פ־ילאסאפיאו טשיסטואיו... פ־פ־פ־ילאסאפיאו, — האט מיט גרויס מאטערניש ארויסגעקוועטשט פון זיך דעם גלח'ס זוהן גלאצענדיג ווילד מיט זיינע אויגען.

— צו וואָס טויג עס דיר? וואָלט דען ניט גלייכער געווען בלייבען אַ גלח אויף דער אוקראַינע און צונויפנעהמען קנישעס ביי די גוים?... צו וואָס טויג דיר פילאָסאָפיע?

פישטשענקאָ האָט אויף איהם אויסגעגלאָצט זיינע צוויי אויגען. ער האָט זיך אויף אַזוינע דיבורים פון אַ אידישען סטודענט נישט געריכט...

— אַ ד־ד־ד־וך? (און דער גייסט?) — האָט ער געפערגט וואַ־סערמאַן'ען און ביז ער האָט אויסגערעדט אָט דעם „דוך" איז פון איהם שיעור זיין אייגענער דוך אַרויס...

— אַך, דו נאַאיווער פּאָפּ! פאָהר צוריק! אַ שלעכטען דוך האָסטו דאָרט אין רוסלאַנד? וועליקאַליעפּני דוך! איך אויף דיין אָרט וואָלט געווען אַ קאַלאַדאַטשנע אין רוסלאַנד, אין קיעוו, צוםביישפּיעל, אין אַ אידישען אוטשאַסטאָק און וואָלט גענומען כאַבאַר ביי די אידען אויף וואָס די וועלט שטעהט... שפּייט אויף דער פילאָסאָפיע! אַן אויסגעבלאָזען איי איז זי ניט ווערט...

דער אַרעמער שייגעץ איז געשטאַנען און האָט געפינטעלט מיט די אויגען און געגאַפט... ער האָט אַזאַ טיפ ווי וואַסערמאַן ניט געקענט פאַרשטעהן...

— הער, ברודער! האָסטו אפשר געלד? אַה? מאַך ברודער אַן הלואה, — האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאַן אין פּלייצע וואַסערמאַן.

די ווענדונג איז פּישטשענקאָ'ן זעהר געפעלען. דער זאַאיקע האָט זיך אַזש אַ טרייסעל געטהאַן פון שמחה...

— אַה, איס אוד־ד־ד־וואָלסטוויעם, — און דער שייגעץ האָט זיך אַ כאַפּ געטהאַן צום בייטעלע — וויפיעל?

— גיב אַ 10 פראַנק...

— פּאַזש־זשאַלויסטיע! פּ־פּ־פּאַזש־זשאַלויסטיע! — און ער האָט געעפענט דאָס בייטעלע, אַז וואַסערמאַן זאָל זיך אַליין נעהמען.

— נעהמט מעהר, נעהמט מעהר! — האָט זיך מיט איהם געדונגען דער זאַאיקע.

— נו, לאָז זיין 15 פראַנק, — האָט איהם צוליעב געטהאַן וואַסער־מאַן. ער האָט צונויפגעשאַרט אין בייטעלע 15 פראַנק און זיי אַריינ־געלאָזט אין דער וועסטען־קעשענקע...

פעשטשענקא איז געווען העכסט גליקליך, וואס וואסערמאן האט איהם געטהאן די טובה, ער האט איהם אויס דאנקבארקייט לאנג און שטארק געדריקט די האנד און איז אריין צוריק אין זאל צו די אידישע מיידלאך, וועלכע זיינען איהם געפעלען געווארען ניט ווייניגער ווי דאס אידישע פאלק.

וואסערמאן'ען האט געשטיקט דער געלעכטער... און ער האט גע־זוכט מיט זיינע לאבענדע אויגען א נייעם קרבן. די אונטערנעהמונג האט פארשפראכען גרויסען ערפאלג.

— מייזעל, — האט זיך געווענדעט וואסערמאן צו א צווייטען סטודענט, וועלכער האט געקויפט פאפיראסען אין בופעט און גראדע געעפענט דאס בייטעלע צו צאהלען — איך האב געלייענט דיין נייעם ארטיקעל אין הצפירה...

— טאקע? — האט אויפגעשטראהלט מייזעל. פון שמחה איז ביי איהם אזש דער פענסנע אראבגעפאלען פון דער נאז — אה, וואס זאגסטו?

— ערשטער סארט, איך גראטוליר דיר! א טען.... אן אמת'ער טען!... ווי לאנג קרענקט טען צי ער וועט אזוינס אנשרייבען... הער, ממזר! שרייב! האלט אין איין שרייבען! דער ארטיקעל איז ווירק־ליך עטוואס נייעס... עטוואס אזוינס... אזוינס...

און מייזעל האט זיך אזוי צושמאלצען פון וואסערמאן'ס קאמפלי־מענטען, פון פרייד און זעלבסטצופריעדענהייט, אז ער האט מיט אמאל געהייסען געבען וואסערמאן'ען א גלאז סעלצער־וואסער פאר 5 סאנטים... פאר מייזלען איז דאס געווען א גרויסע מטבע...

— זעה נאר וויפיעל געלד ער האט! הער! לייה מיר א גמילת חסד... לייה מיר צוויי פראנק — האט וואסערמאן געבעטען, אריינקו־קענדיג צו איהם אין בייטעלע אריין.

— אה, מיט פארגעניגען... מיט גרויס פארגעניגען... צוויי פראנק... מיט פארגעניגען... — און מייזעל האט צוגעטראגען דאס בייטעלע צו זיינע צוויי קורצזיכטיגע אויגען, און האט דארט אנגעהויבען מיט ציטערענדע פינגער צו זוכען צוויי פראנק.

ער האט אבער באלד זיך געכאפט, אז ער טהוט א גרויסע נא־רישקייט, וועלכעס וועט איהם קאסטען א סך ערגערניש, האט שנעל

צוגעשלאָסען דאָס בייטעלע, האָט עס האַסטיג באַהאַלטען טיעף אין קעשענע און האָט געזאָגט מיט אַ בייזען טאָן :

— איך האָב ניט... איך האָב ניט... דו האָסט מיר נאָך יענע חובות ניט באַצאָהלט !

וואַסערמאַן איז געבליבען שטעהן מיט אַן אַרויסגעשטעקטען צונג... דער ענטפער איז פאַר איהם געווען אונערוואַרטעט... די גאַנצע גאַל זיינע איז איהם אריין אין מויל און האָט איהם געבראַכטען דעם צונג זיינעם... ער איז געוואָרען געל פאַר פאַרדרוס.

— אַה, דו ווילסט ניט... אויב אַזוי ביסטו אַ שמירער, אַ שוסטער, אַ באַנדער, אַ לאַטוטניק און ניט קיין שרייבער ! אַה, דו טען? אויך מיר אַ טען ! געה פוץ די שטיוועל ביי טען'ען ! כאַ, כאַ, כאַ !

— פאַיאַץ ! — האָט איהם אַזוי ווי אַ שפּיי געטהאָן אין פּנים אריין מייזעל און איז אַוועק אין זאַל.

— 3 —

אין זאַל האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבען שפּילען טאַפּף'ס „כאַאָס" און דער גרויסער טומעל איז אַזוי ווי אָבגעשניטען געוואָרען און פאַרשוואונדען דורך די אָפענע פענסטער אין דער פינסטערער זומער־נאַכט און האָט זיך אָבגערופען מיט אַן עכאָ צווישען די בערג...

און טאַפּף איז געשטאַנען אויף דער עסטאַדרע מיט אַ גרויסען צופּאַטעלטען קאָפּ שוואַרצע האָר און דיריגירט, דיריגירט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען זיין אייגען ווערק...

מיט שנעלע און שטורמישע האַנד־באַוועגונגען האָט דער קאָמ־פּאָזיטאָר צוערשט אָנגעהויבען אַרויסרייסען פון יעדען אינסטרומענט זיינע ווילדעסטע טענער, זיינע האַרץ־געשרייען און האָט זיי אָנגע־הויבען צו שליידערען איבער דעם גרויסען זאַל, דורך די אָפענע פענס־טער אין דער ווייטער, פינסטערער נאַכט...

אַלע דיעזע טענער, זיינען געלאָפען, האָבען געפילדערט, זיך גע־שטויסען, געשפרונגען איינס איבער דעם צווייטען, זיך געשלאָגען, געקעמפּט און געטראָטען איינס דאָס צווייטע...

פיינדליך איינס צום צווייטען, און אָהן אַ שום פאַרוואַנדשאַפט צווישען זיך, זיינען די ווילדע צובראָכענע טענער געלאָפען ווי צורי־

סענע מחנות חיל פון א שלאכט, געלאָפען און געריסען ביי אלע די הערצער מיט די אויערען מיט זייער דיסהארמאָניע, מיט זייער ווילדקייט און אומגעלומפערטקייט...

און די דיסהארמאָני האָט געגעבען דעם הינטער־גרונד פאַר דעם „כאאָס", פאַר דעם תהו ובהו, וועלכער האָט עקזיסטירט פאַר דער וועלט־באַשאַפונג און אויף דעם הינטער־גרונד פון דעם כאָאס האָט זיך אָנגעהויבען די טראַגעדיע, די געבורטה מיט איהרע וועהען און שמערצען, די וועלט־באַשאַפונג...

אבער די טראַגעדיע גופא האָט שוין יעדער אינסטרומענט געשפיעלט סאָלאָ, פאַר זיך אליין, יעדער האָט פערזאָניפיצירט אַן אַנדערען, אַ באַזונדערען גייסט, וואָס האָט באַדאַרפט געבאָרען ווערען איז וועהען און לײדען...

צוערשט האָט געשפיעלט די פלייטע...

ווארום די פלייטע?

דאָס איז געווען אַ לענגערע סאָלאָ־פּאַרטיע, וועלכע האָט געזאָלט אויסדריקען צוערשט די געבורט פון דער צערטליכקייט, פון זאַנפטקייט, פון ווייבליכער שוואַכקייט, קורץ, די געבורט פון ווייב אין דער נאַטור.

ווארום האָט טאַקע אָנגעהויבען פון ווייב און האָט איהר אָבגעגעבען דעם ערשטען פּלאַץ אין זיין קאָמפּאָזיציע?

ווער ווייסט!... פיליכט האָט ער אליין ניט געוואוסט ווארום, און פונקט ווי דאָס ווייבליכע איז לייכט און גראַציעז אזוי האָט זיין דיריזשאָר־שטעקעל, גראַציעז, לייכט און צאַרט געשוואונגען אין דער לופט און די פלייטע האָט זיך געקלאָגט, אַזוי ווי זיך געבעטען... אזוי ווי די געבורט, דאָס ווערען זאָל זי שרעקען... קיין גוטעס, קיין פרייד האָט זי ניט ערוואַרטעט פון איהר געבורט... צייטענווייז האָט אין הינטער־גרונד און פון וויטענס אונטערגעברומט דער שווערער באָס, עפּעס האָט די ברוטאַלע מאַכט געוואָלט פאַרטויבען, עס האָט אבער איהר ניט געהאָלפען...

אַ שרעקליכער, האַרצרייסענדער וועהגעשריי!... און זי, דאָס ווייב, ליגט געבאָרען אין בלוט און אין לײדען... פאַר אייביגעס לײדען!

אָבער באַלד איז אַרויס דער באָס, דער גרויסער און מעכטיגער באָס, און האָט אָנגעהויבען מיט זיין שווערער און לײדענשאַפטליכער שטימע

ברומען און דערצעהלען זיין האַרץ, דאָס ליעבעס־באַדערפטיגע און בענקענדע האַרץ פון דעם איינזאַמען מאַן.

איהם האָט באַלד אונטערבראָכען די פידעל, דערנאָך דער קלאַר־נעט, איינער האָט אונטערבראָכען דעם צווייטען און האָט זיך געאיילט צו דערצעהלען דער שטיל־קרעכצענדער פליוטע פון זיין ליעבע צו איהר, פון זיין אייביגער בענקשאַפט אין פאַרלויף פון דעם יאָהר־טויזענדען כאַאָס, פאַר דער וועלט־באַשאַפונג. יעדער האָט זיך גע־קלאָגט און געיאָמערט, געצאַפּעלט און באַגעהרט, ליידענשאַפטליך באַגעהרט!...

און טאַפּף האָט געגלאַנצט מיט די וואָלפישע אויגען און געקריצט מיט זיינע ווייסע צייהן, איינהאַלטענדיג מיט זיין שטעקעלע די האַסטיג־לויפענדע און ליידענשאַפטליכע טענער, איינהאַלטענדיג זייער לויף און זייער ליידענשאַפט... ער האָט אַזוי ווי פון זיי פאַרלאַנגט ישוב הדעת, געלאַסענהייט, דייטליכע ערצעהלונג, און קלאָהרען פאַר־טראַג... אייניגע אָבער, וועלכע האָבען באַדאַרפט זיין שטאַרקער, לייר־דענשאַפטליכער האָבען זיין שטעקעלע געשטופּט און געטריבען און דאָס פּובליקום איז געזעסען שטיל, פאַרכאַפּט און געשמיעדט פון די מוזיקאַלישע וועלען, וועלכע האָבען פאַרפלייצט דעם זאַל, אַלע זיינען געזעסען פאַרצויבערט...

און אַז דאָס שטעקעלע האָט געמאַכט דעם לעצטען שוואונג אין דער לופט און די מוזיק איז אָבגעריסען געוואָרען און פאַרשוואונדען דורך די אָפענע פענסטער אין דער פינסטערער נאַכט, אַז דער לעצטער עכאָ איז פאַרשטאָרבען דאָרט, צווישען די בערג, איז דער זאַל נאָך אַלץ געווען באַצויבערט שטיל.

קיינער האָט זיך ניט געריהרט פון זיין פּלאַץ, האָט זיך ניט אויפגעהויבען...

אָט האָט אָבער טאַפּף אויסגעדרעהט צום פּובליקום זיין טויט־בלייכען פּנים מיט צוויי פלאַקערענדע אויגען און די לופט פון גרויסען זאַל איז ערשיטערט געוואָרען פון אַ מעכטיגען בראַוואָ, וואָס האָט זיך געריסען פון אַלע ברוסטען, ווי אַ שטורעם מיט אַ דונער...

טאַפּף האָט לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, איז אַרונטער פון דער עסטראַדע און זיך געלאָזט געהן צום אַרויסגאַנג... דאָס פּוב־

ליקום, די שטורמישע אוואציעס האבען פאר איהם ניט עקזיסטירט, ער האט זיי ניט באמערקט און ניט געוואלט ענטפערען דעם יובעלנדען פובליקום מיט זיין שמייכעל, מיט קיין לייכטער קאפ־באוועגונג...
די אוואציעס ווערען שטורמישער... דער עולם האט זיך אויפגעהויבען און א לאז געטהאן נאך איהם... טאפף האט זיך דערשראקען און אנגעהויבען צו לויפען... דער עולם איז איהם נאכגעלאפען אין בופעט אריין...

טאפף האט שנעל געכאפט א ביינקעל, האט עס לייכט, ווי א פעדער אויפגעהויבען אין דער לופט, איבער זיין קאפ, גרייט זיך צו פארטיידיגען.

— איך דארף ניט אייער בראווא... אייער ערפאלג! קיין ווערט האט ער ניט פאר מיר... ווער זייט איהר? וואס פארשטעהט איהר?
— האט ער געשריען און ווילד געגלאנצט מיט די גרויסע שווארצע אויגען....

דאס פובליקום וועלכעס האט זיך געשטופט א קאפ אויף א קאפ, האט איהם ניט געקענט הערען אין טומעל, האט איהם ניט פארשטאנען אדער ניט געוואלט פאשטעהן... זיין פיגור האט געמוזט זיין עכט קאָמיש... ווייל מען האט געלאכט און געשריען: בראווא! בראווא!

און אז דער בראווא איז געוואקסען איז טאפף איינפאך געווארען ווילד פון כעס... ער איז געשטאנען מיט'ן ביינקעל פאר דעם עולם, ווי א צורייצטער אקס שטעהט פאר דעם טערעאדאר, גרייט איהם צו נעהמען אויף זיינע הערנער...

עמיצער האט געוואלט ביי איהם ארויסרייסען דאס ביינקעל פון דער האנט... טאפף האט א ווילדען ברום געטהאן, ווי אן אקס אין דעם שפאנישען צירק...

— שווייגט! איך היים אייך שווייגען! — האט טאפף געדונערט מיט זיין שטימע, וועלכע האט געוואלט איבערשרייען אלע...

כא, כא, הא, הא הא, — האט געהילכט דער געלעכטער און דער טומעל פון עולם, וואס האט אנגעפילט דעם בופעט.

אבער דא האט זיך דורכגעשטופט און צוגעגאנגען פלארא און האט רוהיג אהן א ווארט ארויסגענומען פון זיין האנט דאס ביינקעל און עס שטיל אוועקגעשטעלט אויף דער ערד...

טאַפּף איז געבליבען שטעהן פאַר איהר מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען ווי אַ געצוימטער ליב פאַר דעם בליק פון זיין צעמעריין.

דאַס פובליקום איז פּלוצלונג, אַזוי ווי דורך אַ קאָמאַנדע, שטיל געוואָרען...

— אָבער איך פאַרשטעה עטוואס אין מוזיק? — האָט איהם פלאָראַ געפרעגט, אַריינקוקענדיג אין זיינע אויגען...

— יאַ! — האָט שטיל געענטפערט טאַפּף און האָט נאָך טיעפער אַרונטערגעלאָזט זיין גרויסען קודלאַטען קאָפּ...

— אויב אַזוי, ערלויב איך מיר אייך צו אומאַרמען — און פלאָראַ האָט מיט איהרע ענטבלויזטע, פאַרפיומירטע הענט שנעל אַרומגע־כאַפּט זיין קאָפּ און האָט אַ קוש געטהאָן קאַפּף׳ס שטערען — איך דאַנק אייך וואַרעם און הערצליך... די עטליכע מינוטען זיינען געווען די שעהנסטע אין מיין לעבען.

— גיב איהם אַ קוש אויך פאַר מיר! — האָט זיך פון צווישען עולם דערהערט סאָלאָווייטשיקס אויפגערעגטע און צוגלייך אונטער־דריקטע שטימע.

— און דאָס איז פאַר מיין ברודער... ער פאַרשטעהט שוין אודאי וואָס מוזיק איז... — און פלאָראַ האָט איהם געגעבען דעם צווייטען קוש.

אַלעס האָט פּאַסירט אַזוי שנעל, אַזוי אונערוואַרטעט, אַז טאַפּף איז געבליבען שטעהן ווי אַ צוטומעלטער, פּשוט אַן איבערגעשראָקענער אויף טויט...

דאָס אַלעס איז געווען צופיעל פאַר די נערווען פון פאַרהונגערטען קאָמפּאָזיטאָר. טאַפּף האָט פאַרלאָרען דעם קאָנטראָל איבער די אָנ־געשריינגטע נערווען. אַ קאָנוואולסיווער ציטער האָט אָנגעהויבען צו לויפען איבער זיין קערפּער. ער האָט פאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענט און זיך פּלוצים, אונערוואַרטעט צוכליפּעט.

דער עולם איז געבליבען שטעהן שטיל, פאַרלעגען, מען האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ שטעלונג מען זאָל נעהמען צו דער טראַגי־קאָמעדיע.

דאַ איז צוגעגאַנגען זיין חבר וואַסערמאַן, וועלכער האָט נאָכגע־פאָלגט די גאַנצע סצענע פון ווייטענס, זיין פּנים איז געווען נעל

פון אייפערזוכט און אין זיינע אויגען האט געפלאקערט אן אונהיימ־ליכער פלאם... ער האט געוואלט מאכען זיין חבר, זיין ליעבלינג און איינציגען פריינד, לעבערליך, לעבערליך צום טויט...

— גאלדענער טאפף! דיין הארץ האט ניט געקענט אויסהאלטען דעם גרויסען ערפאלג, דעם גרויסען זיעג און האט געבראכען! לאמיך דיך אומארמען! דיין ערפאלג איז דאך מיין ערפאלג! — האט אנגע־הויבען מיט א טעאטראלער פייערליקייט וואסערמאן און האט ברייט אומארמט זיין פריינד...

פון דער טראגי־קאמעדיע איז געווארען א פארס... דער עולם האט אויסגעשאסען מיט א געלעכטער...

פלארא האט זיך געשטעלט צווישען דיביידע חברים און האט אויסגעשריען מיט פלאקערענדע פון עמפערונג אויגען.

— פאיאץ! איך וועל אייך ניט ערלויבען איהם אויסצולאכען...

— ניט נאר א פאיאץ... ער איז א רענעגאט... אן עלענדע נשמה, — האט עמיצער אויסגעשריען פון פובליקום...

דער עולם האט זיך אומגעקוקט, זובענדיג צווישען זיך דעם, וואס האט אויסגעשריען... דאס איז געווען מייזעל. מען האט זיך איסטינק־טייו צורוקט, איהם געמאכט א וועג און געשפאנט שוין אבגעווארט דעם אנקומענדען סקאנדאל.

— וואס האסטו דא צו טהאן צווישען אונז... צווישען אט דער גאנצער אידעאליסטישער יוגענד?... ארויס פון דאנען! משומד! דיין פלאץ איז ניט דא צווישען אונז, נאר צווישען די לאנדאנער מיס־יאנערען! פארפעסטע ניט אונזער לופט, נבלה! — האט געשריען מייזעל, קעמפענדיג מיט זיין פענסנע, וועלכע האט אין אויפרעגונג ניט געוואלט איינזייצען און איז געשפרונגען פון זיין לאנגער נאז...

— משומד? מיסיאנערען? — האט געגאפט דער עולם.

— יא, יא, דער פארשוין, אט דער מיזעראבעלער מענש האט זיך שוין אמאל גע'שמד'ט און האט געפרעדיגט קריסטענטום צווישען די ווייטשעפעל'ער אידען... איך האב באווייזע... איצט איז ער צווישען אונז, אויף א ציוניסטישען באל, אט דער פארעטער...

איצט האט וואסערמאן אויפגעהויבען דאס ביינקעל, עמיצער האט עם געוואלט פון איהם ארויסרייסען.

— פּי, וואַסערמאַן! אַ שלעכטע פּאַרטיידיגונג אַ בײַנקעל!... — האָט מען געשריען פון עולם.

— פּאַרטיידיגט זיך... פּאַרטיידיגט זיך! — האָבען געשריען אַנדערע...

— פּאַרטיידיגען זיך פאַר אייך? עס פעלט מיר גאָר נישט אײַן!

באַלד אָבער איז איהם די ראָליע געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך גענומען זי שפּיעלען מיט אַפּעטיט און פּאַרנעהם... צוערשט האָט ער זיך צולאַכט, צולאַכט הויך און טעאַטראַליש, ווי אַקטיאָרען לאַכען אויף דער ביהנע...

— צו וואָס זאָל איך מיך פּאַרטיידיגען? כאַ, כאַ, כאַ! ווער זייט איהר, איך זאָל מיך פאַר אייך פּאַרטיידיגען? איך האָב געוואָלט, בין איך געוואָרען אַ פּראָטעסטאַנט און געפּריידיגט קריסטענטום צווישען די ווייטשעפּל'ער אידען... וואָס פאַר אַ פּרעדיגען! כאַ, כאַ, כאַ! איך האָב געפּעדעלט... געפּעדעלט מיט דעם קריסטענטום... כאַ, כאַ, כאַ! ווי דאָ אין אָבערלאַנד מיט קנרצוואַהרען... כאַ, כאַ, כאַ, די מיסיאָנערען האָבען מיר געצאָהלט... כאַ, כאַ, כאַ, גוט געצאָהלט, עסען און טרינקען און אַ שילינג אין קעשענע... נאַ דיר גאָר פּאַרטיידיגען זיך... איך וועל וועלען וועל איך מאָרגען ווערען אַ קאַטאָליק, כאַ, כאַ, און איך לאַך פון אייך, כאַ, כאַ, כאַ!

דער עולם איז שוין געווען עמפּפּערט עס איז ענטשטאַנען אַ טומעל פון פּראָטעסטען, וואַסערמאַן האָט איהם איבערגעשריען:

— ווער זיין איהר? כאַ, כאַ, כאַ! פליגען... נולען... עזלען, פּי־ליסטער! כאַ, כאַ, כאַ!

דער פּאַרשוין האָט זיך שוין צופיעל ערלויבט... ווער ווייסט וואָס פאַר אַ טרויעריגע ענדע דער סקאַנדאַל וואָלט געווען גענומען... די אינגערע סטודענטען וואָלטען איהם געווים געווען געלינטשט...

צו זיין גליק האָט די געשיכטע גענומען אַ נייע ווענדונג... פון זאַל איז געקומען צו לויפען משה.

— וואַסערמאַן! וואַסערמאַן! וואו ביסטו? פּראָפעסאָר קאָראַ־טעצקי זוכט דיך, וואַסערמאַן! היער איז ער, הערר פּראָפעסאָר! — האָט ער אַנגעוויזען אויף איהם דעם פּראָפעסאָר.

דער עולם אין בופעט האָט זיך צושטופּט און געמאַכט קאַראַטעצ־קי'ן אַ וועג, אַז דער פּראָפעסאָר האָט דערזעהען וואַסערמאַן'ען מיט אַ ביינקעל אין דער האַנט איז ער געבליבען שטעהן פאַרוואונדערט.

— וואָס קומט דאָ פאָר, מיינע הערען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— איינע דיסקוסיאַן — האָט איהם געענטפערט וואַסערמאַן און אַראָבגעלאָזט דעם ביינקעל.

— און דער שטוהל אַלס באַווייז־מיטעל? — האָט איראָניש באַ־מערקט דער פּראָפעסאָר — שעהן! יאָ, זאָגען זי מיר ווי וואָהנען זי דען אייגענטליך? איך האָבע זי הויטע דען גאַנצען טאָג זוכען לאַס־סען... און מאַן קענטע זי ניט אויספינדיג מאַכען... זינד זי ניכט געמעלדעט?...

— איך וואָהנע יעצט הויפּט פּאָסט־לאַגערענד, הערר פּראָפעסאָר!

— אַה, זי מיט איהרע וויצען. אימער וויצען. אַן עכטער וויצ־באָלד. ווייסען זי אַבער פאַן איהרען יונגסטען און שעהנסטען וויץ?

וואַסערמאַן'ס גאַנצער וועזען האָט אויפגעשוידערט... ער האָט דער־פיהלט דאָס אָנקומען פון אַ גרויסער פּאַסירונג.

— נעמליך? — האָט ער געפרעגט דעם פּראָפעסאָר און אַ געדיכ־טער וואָלקען האָט זיך אַנגערוקט און באַדעקט זיין געזיכט מיט שרעק און געשפּאַנטער ערוואַרטונג...

דער פּראָפעסאָר האָט איהם עקזאַמינירט און באַטראַכט פון אַלע זייטען... אַזוי ווי זיך געוואָלט איבערצייגען צו דאָס איז ער... דער־זעלבער וואַסערמאַן... דער מאָמענט האָט געדויערט אַן אייביגקייט...

— זי ווייסען גאַר ניכט דאָס זי יעצט איין גליקליכער און רייכער מאַן זינד? אַה? — האָט זיך געווענדעט דער פּראָפעסאָר מעהר צום פּובליקום ווי צו איהם.

— וואָס מיינט איהר דערמיט, הערר פּראָפעסאָר? — האָט זיך אַנגערופען וואַסערמאַן מיט אַ ציטערענדער כמעט פאַרשטיקטער שטימע.

— וואָס איך מיינע? בע, בע, בע, — און דער פּראָפעסאָר האָט ווידער געווענדעט זיין בליק פון וואַסערמאַן'ען צום עולם און פון עולם צו וואַסערמאַן'ען, — איך מיינע דעם פאַרבשטאָף דען זי ענט־

דעקט האבען... זי וויצבאַלד! — און דער פּראָפעסאָר האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע און איינגעלאַדען דעם עולם מיט זיינע אויגען זיך צו באַטייליגען אין טריאומף פון זיין טאַלאַנטפולסטען תלמיד...

— אה... אה! — האָט שוין געברומט די קאָלאָניע.

— איך? פאַרבשטאָף? אום גאָטעס ווילען, וואָס רעדט איהר, הערר פּראָפּעסאָר? — און וואסערמאַן האָט זיך געכאַפּט מיט איין האַנט ביים הארץ און זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער צווייטער אָן אַ שטוהל.

ווי שוואַך איז ער געוואָרען! אָט... אָט וועט זיך דאָס הארץ צורייסען... אזוי הויך און שטארק קלאַפּט עס...

— וואס זי הערען! — און דער פּראָפּעסאָר האָט איהם גענומען אונטער דער האַנד — זי האָטטען דעם ריכטיגען אויסגאַנגס פונקט... איך האבע דאָך איהנען איממער געזאגט: זינד, מיין פריינד, די פּרעמיסען ריכטיג, בעקאָממען זי דען ריכטיגען רעזולטאַט... איך האבע הויטע איהרע רעטארטען דורכגעזעהן... נון, האבע איך ענטדעקט דאָס זי די אָנגעשטרעבטע פארבינדונג עררייכט האבען... יא, יעצט האָבען זי איינען דעראַרטיגען פאַרבשטאָף, וועלכער וועט בריינגען אַ רעוואָ־לוציאָן אין דער טעקסטיל אינדוסטריע... איך גראַטולירע, מיין פריינד און ביז שטאָלץ אויף זי... ערלויבען זי מיר, איך זאָל זי אומאַרמען... זי זינד דער עכטער צוקונפטס־כעמיקער.

און דער פּראָפּעסאָר האָט אומאַרמט זיין תלמיד פאַר דעם גאַנצען איבעראַשטען עולם...

וואַסערמאַן האָט דערפיהלט צוערשט, אַז די פיס זיינע ווערען שוואַכער, שוואַכער ביז צום פאַלען... אַז די ערד דרעהט זיך אונטער איהם און דער גאַנצער עולם דרעהט זיך אין שווינדעל פאַר זיינע אויגען, און באַלד... באַלד וועט ער מיט דעם גאַנצען עולם, מיט דעם באַל־זאַל פאַרשווינדען אין אַ טיעפען אבגרונד, פאַרשווינדען ווי אין אַ חלום...

דער פּראָפּעסאָר איז איהם געקומען צו הילף און האָט איהם פעסט גענומען אונטער דעם אָרעם.

— קאָממען זי... קאָממען זי... מיר מוסען יעצט די געשיכטע באַ־ראטען... איך וויל נאָך הויטע נאָך פּאַריז צוועקס פּאַטענטפּעראויסערונג

דראטען...דען פאטענט װעלען מיר מארגען מעלדען — און קאראטעצקי האט אװעקגעפיהרט זיין תלמיד צװישען צװיי שורות פון גאפענדען עולם אין באל־זאל...

— —

פלארא האט אנגעהויבען צו שפיעלען איהר נומער צוערשט אין באגלייטונג פון ברודער, דערנאך אליין, אויסער פראגראם.

װי זעלטען, װי מערקװירדיג, איז געװען איהר שפיעלען דעם אװענד, דאס איז געװען א לארבער־קראנץ, אויסגעפלאכטען פון טענער און שעהנסטע מוזיקאלישע בלומען און פראזען.

פאר װעמען האט זי געפלאכטען אין דעם אװענד דעם לארבער־קראנץ?

צװיי מענשען זיינען געװען אין דעם אװענד זיעגער אין דער סטודענטישער קאלאניע, ביידע חברים.

די קאלאניע איז געװען געװאוינט זיי צו זעהן תמיד אינאיינעם און האט זיך טאפף'ן אהן װאסערמאן'ען אדער פארקערט ניט געקענט פארשטעלען.

פאר װעמען זשע פון זיי ביידע האט די שעהנע און באריהמטע פיאניסטין געזונגען איהר טריאומף־הימן?

פאר װעמען פון זיי האט זי געפלאכטען איהר לארבער־קראנץ?

פילייכט פאר ביידע....

װער האט דאס געקענט װיסען?

מעגליך אז זי אליין האט עס אויך ניט געװאוסט...

— 4 —

אויפ'ן צװייטען טאג איז שוין דער סטודענט װאסערמאן, מיט זיין ענטדעקונג געװען דער טאג־העלד פון דער שװייצארישער פרעסע, באזונדערס פון דער בערנער, װעלכע האט שטאלצירט מיט'ן שילער פון „אונזער האכשולע". זי האט געװעהנליך פארשװיגען, אז דער צוקונפטס־בעמיקער איז א רוס אדער א איד... און די קאלאניע האט זיך װידער געקאכט, און אויף דעם צװייטען טאג, אין די צװיי קיכען, אין דער סאציאליסטישער װי אין דער ציוניסטישער, דארט װי דער עולם פלעגט זיך פארזאמלען צו מיטאגסשטונדע, אין די צװיי הויפט

קוואַרטירען פון דער קאָלאָניע, איז וואַסערמאַן מיט זיין ענטדעקונג געווען דאָס איינציגע געשפּרעך.

עס איז ניט געווען קיין געוועהנליכעס געשפּרעך... עס איז געווען אַ טומעל פון אַן אויפגערעגטען ביהן־שטאָק, וואָס איז געווען אויפגערודערט, איבעראַשט פון אַן אונערוואַרטעטער באַמבע, וואָס וואַסערמאַן האָט אַריינגעשליידערט אין זייער קליין וועלטעל. דער עולם האָט שטאַרק דעבאַטירט די געשיכטע צוערשט געוועהנליך פון טעאָרעטישען שטאַנדפּונקט: איז דאָס אַן ערפינדונג, אַ רעזולטאַט פון קאָנסעקווענטען דענקען... עטוואָס וואָס מען האָט ביי געוויסע פּרעמיסען געקענט פאָראויסזעהן און אָנשטרעבען, אָדער גאָר אַן ענטדעקונג, אַ שפּיעל פון בלינדען צופאַל... וועלכען וואַסערמאַן האָט ניט געקענט פאָראויסזעהן און וועלכעס איז געקומען צו איהם ווי צו דעם גליקליכען און אויסערוועהלטען...

געוויס האָבען זיינע שונאים, וועלכע זיינען געווען אין צאָהל אַ סך גרעסער פון זיינע פריינד, פאַרטראַטען דעם לעצטען שטאַנדפּונקט, איינינע זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען געזאָגט, אַז עס איז נאָך פריה צו טריאומפירען. זאָל מען אַקאָרשט זעהן צו דער פאַרבשטאָף וועט זיך לאָזען רייניגען. עס זיינען פאַראַן פאַרבשטאָפען און פאַרבשטאָפען! און אין הארצען האָבען זיי אודאי געוואונשען, אַז דער פאַרב־שטאָף זאָל זיך אַרויסווייזען שמוציג, אַז מען זאָל איהם ניט קענען רייניגען און די גאַנצע ענטדעקונג זאָל אַוועק מיט'ן ווינד...

עמיצער האָט פאַרזוכט אַריינצוטראָגען אין געשפּרעך מייזעל'ס באַשולדיגונגען, אַז וואַסערמאַן איז געווען אַ משומד און אַ מיסיאָנער. מען האָט אָבער דערויף ניט רעאַגירט, עס איז ניט געווען קיין סענסאַציע, די קאָלאָניע האָט סתם ווייניג געהאַלטען פון וואַסערמאַן'ס מאָראַליטעט, באַטראַכט איהם אַלס אַ טונקעלע פּערזענליכקייט, צוליעב איהם שוין אויך זיין חבר טאַפּף, האָט זיך פון ביידע געהאַלטען פון ווייטענס, ווי פון מצורעים און פאַרשטויסענע, און מען האָט זיי בסדר געהאַלטען פאַרדעכטיגט...

און די צוויי חברים האָבען אַזוי ווי שטאָלצירט מיט זייער ציניזשער אונמאָראַליטעט, זי אַפּישירט און זי דעמאָנסטריט ביי יעדער

געלעגענהייט. צו יענער צייט איז שטארק אריין אין מאָדע ניטשע און ניטשעאיזם... די מאָראַל פילאָסאָפיע פון איבער־מענשען האָט שטארק אימפּאָנירט צו די צוויי פארהונגערטע וועלף... די גרעסטע געמיינהייט האָט געקענט דיענען אַלס אַ מאַנטעל פון איבער־מענש און אז מען האָט ניט געקענט באַגעהן אַזאַ געמיינהייט אין דערווירקליכקייט, איז מען זי באַגאַנגען אין דער פאַנטאַזיע, זי אויס־געטראַכט און שטאַלצירט מיט איהר...

און דערפאר טאַקע האָט וואסערמאַן זיך גענומען שטאָלצירען מיט מייזעל'ס באשולדיגונגען „משומד", „מיסיאָנער", אין וועלכע עס איז געווען זעהר ווייניג אמת...

פאר'ן אַקטיאָר וואסערמאַן איז דאָס געווען די בעסטע געלעגענ־הייט אויפצוטרעטען אין קאָסטיום און גרים פון אַן איבער־מענש, וואָס טרעט די מאָראַל פון פיליסטער מיט די פיס...

יאָ, די באַשולדיגונגען האָבען יעצט קיינעם ניט אינטערעסירט, און אפשר אויך דערפאַר, וואָס וואסערמאַן איז געווען דער זיעגער און זיעגער משפּט מען ניט.

דער איינציגער וואָס האָט זיך ניט באַטיילינט אין געשפּרעך ביים טיש אין דער ציוניסטישער „סטאָלאָווע" איז געווען מייזעל...

מערקווירדיג! גראָדע מייזעל, וואסערמאַן'ס טויט־פיינד, האָט געשוויגען.. פיליכט האָט ער יעצט געוואָלט, אַז זיין נעבטיגעס אויפ־טרעטען געגען וואסערמאַן'ען און זיינע באַשולדיגונגען זאָלען פאר־געסען ווערען. פיליכט האָט ער מורא געהאַט יעצט פאר משה גלעקעל.

און אַזוי ווי דער עולם, מענער און פרויען זיינען געזעסען אין געדיכטען טשאָד, וואָס איז געגאַנגען, ווי אַ שווערער וואָלקען, פון דער קיך, ארום דעם לאַנגען טיש, וועלכער איז געווען געדעקט מיט שמוציגע טישטיכער און האָט געגעסען און דעבאַטירט די געשיכטע, זיינען אריין אין „סטאָלאָווע" טאַטע, משה גלעקעל אין באַגלייטונג פון זיינע איבעריגע אַדיוטאַנטען.

מיט אויסגעשטשיריטע צייהן פון אַ בייזען וואָלף איז טאַטע צו צו מייזלען, האָט אַ קלאַפּ געטהאָן אין טיש אַזוי, אַז אַלעס אויפ'ן טיש איז אונטערגעשפּרונגען, און אויסגעשריהען איין וואָרט:

— „באַווייזע!"

מייזעל האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל אַן איבערגעשראָ־קענער און בלייכער, פון אויפרעגונג איז אַרונטערגעשפרונגען די פענ־סנע פון זיין האַרבאַטער, פויגלשער נאָז. איידער אָבער ער האָט זיך געכאַפּט, האָט טאַפּף ווידער אַ קלאַפּ געטהאָן אין טיש:

„באַווייזע!"

אַנגעשטעקטע מיט אימפעט פון זיין צאָרען, האָבען שוין אויך משה און זיינע אַדיוטאַנטען אָנגעהויבען צו קלאַפּען אין טיש און שרייען „באַווייזע! באַווייזע!", שרייען מיט שוים פון עפּילעפּטיקער אויף זייערע ליפּען.

אין „סטאַלאַווקע" האָט זיך אויפגעהויבען אַ מהומה. אַלע זיינען שוין געשטאַנען אויף זייערע פיס און פאַרפאַלגט מיט אויפגערעגטע אויגען דעם סקאַנדאַל. דער קליינער מייזעל האָט געציטערט און אויסגעזעהן ווי אַ שטשור, וואָס איז אַרויס פון וואַסער.

— האָט דען ניט וואַסערמאַן אַליין באַשטעטיגט? נאָך וואָס באַ־ווייזע? — האָט קוים געקענט אַרויסרעדען דער פּאַרלוימדער.

— אַ ליגען! — האָט אַ קלאַפּ געטהאָן אין טיש טאַפּף.

— אַ ליגען! — האָבען איהם נאָכגעקלאַפּט משה און די אַדיו־טאַנטען זיינע.

— אַ ליגען? האָט ער זיך ניט אַליין בארימט? — האָט זיך מייזעל אַזוי ווי געווענדעט צו די אַנוועזענדע, ווי צו עדות.

— דאָס איז דאָך זיין אונגליק... זיך באַרימען... אויסטראַכטען אויף זיך כל עריות, — האָט גע'טענה'ט שוין משה, אָבער ניט מיט מייזלען נאָר מיט דער קאַלאַניע.

— באַווייזע! — האָט ווידער געקלאַפּט אין טיש טאַפּף, — באַווייזע זאָג איך דיר, מערזאַוועץ! — האָט געקריצט מיט די צייהן טאַפּף און געכאַפּט דעם פּאַרלוימדער ביי די לאַצען.

און אַ הרף עין האָבען זיך טאַפּף און מייזעל שוין געדראַפּעט און געשלאָגען ווי קעץ, וועלכע ס'איז געוועזען שווער פאַנאַנדערצוטהמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער זעלבער צייט איז וואַסערמאַן, אַן אָבגעגאָלטער און אַ פּאַרפיומירטער, אין אַ נייעם אַנצוג און אין זויבערע וועש געגאַנגען

געארעמט מיט פראפעסאר קאראטעצקי פון זיין ווילא אין שטאדט אריין צו מעלדען זיין ערפינדונג און צו ערהאלטען פאר איהר א פאטענט.

— 5 —

אין א שעהנעם פארנאכט, האט טאפף ווידער געקאכט זיין רייז און איז ארומגעלאפען מיט האסטיגע טריט איבערן צימער, און אקאמפאנירט און דיריזשירט און באזונגען דעם קאכענדען רייז, דעם זונען־אונטערגאנג און דעם שעהנעם רוהיגען פארנאכט, וואס האט ארומגעבאפט אין זיינע ארעמס די אלפען, די שטאדט און האט צוגאסען איבער שטאדט און מענשען א זאנפטיגע, רוהיגע און שטילע צופריעדענהייט.

אין צימער זיינען אריין משה גלעקעל, פאסטערנאק מיט דער סמארגאנער סטודענטקע, קאץ, קוגעל און נאך א פאר סטודענטקעס, וועלכע האבען געבעטען זייער באגלייטער זיי פיהרען און ווייזען, וואו און ווי אזוי עס לעבען די צוויי באריהמטע וועלף פון דער קאלאניע, ארום וועלכע עס האבען זיך געוועבט גאנצע לעגענדעס.

— נאך ניטא, אה? — האט האסטיג א פרעג געטהאן גלעקעל.

— בירי־בירי... בירי־בירי... — איז געוועזן טאפף׳ס אנטווארט

— וואס ביריבירעסטו מיר, דו, משוגע׳נער טאפף? איך רעד דאך צו דיר... אלץ נאך דארט?ביים פראנצויז, אה?

— ביריבירי... ביריבירי... בירי בירי...

— טפו זאלסטו ווערען! — האט משה אוסגעשפיגען מיט כעס. זיינע באגלייטער האבען זיך צולאכט.

— ווייסט איהר? ווי אזוי מען דריקט אויס אט דאס א?... דאס קאכען און ברויזען? — האט זיך טאפף געווענדעט צו דער קליינער סמארגאנער סטודענטקע, וועלכע האט אויף איהם געקוקט אזוי שטיפעריש.

— פון אייער רייז? — האט זי געפרעגט מיט א פאר קינדערש־אויסגעגלאצטע אויגען, און זיך צולאכט.

— פון דעם רייז... פון א וואסערפאל... לאכט ניט, אז מען רעדט צו אייך ערנסט! — האט אויף איהר א טופע געטהאן מיט די פיס טאפף.

זיין טופּע האָט זי דערשראָקען און זי האָט איבערגעריסען דעם געלעכטער.

— ווי אַזוי? — האָט זי איהם געפרעגט.

— באַראַבאַ.... באַראַבאַ... ביריבירי.. — — — — ——— ———

— באַראַבאַ, באַראַבאַ... ביריבי, ביריבי... באַראַבם... בראַבאַם!

— און ווי אַזוי וואָלט איהר דאָס אויסגעדריקט? — האָט געפרעגט אַן אַנדערע סטודענטקע, צייגענדיג מיט דער האַנד אויף דעם זונען־אונטערגאַנג

— דעם זונען־אונטערגאַנג? אַה, דאָס איז וואָס אַנדערש... זאַנפט און עלעגיש.

— טיראַראַ.... טיראַראַ... טיראַראַ..

דאָס סמאַרגאַנער מיידעל האָט זיך ווידער הערצליך צולאַכט, צולאַכט ווי אַ קינד

— און איהר שרייבט עס אַלעס אויף? — האָט איהם געפרעגט די צווייטע סטודענטקע.

— איהר מיינט נאָטען? ניין... ניין... דאָס מאַטעריאַליזירט שוין דעם טאָן... דער טאָן דאַרף נאָר שוועבען ווי אַ גייסט אָהן אַ ליב... שפּעטער אין עטליכע יאָהר־הונדערט וועט די מוזיק פאַרדרענגען די שפּראַך... אַלע שפּראַכען... די שפּראַכען זיינען דאָך פאַלשע... אַ וואָרט איז אַ ליגנער... אַ מאַשעניק... אַ פאַדליעץ און ווייטער גאָר נישט... — האָט כמעט געקריצט מיט זיינע וואָלפישע צייהן טאַפּף — דאָס וואָרט האָט דאָך געמאַכט דעם מענשען פאַר אַ ליגנער... זעהט איהר, דער טאָן, דער טאָן, — ער איז עהרליך.... וויניגסטענס אַנשטענדיג. מענשען וועלען זיך שפּעטער צוזאַמענרעדען נאָר דורך מוזיק — האָט טאַפּף געהיימניספול, ווי אַ וויכטיגען סוד, איינגערוימט די סטודענטקע און האָט ווידער אָנגעהויבען זיין טיראַרירא.... טיראַרירא... — צוערשט אָבער מוזען זיי אויפהערען אָבנאַרען איינע דעם אַנדערען דורך די ווערטער... נידער מיט די ווערטער! די שפּראַך האָט אַלעס פאַרפּעלשט: די נשמה, דעם גייסט, טיראַרירא.... טיראַרירא...

און טאַפּף האָט האַסטיג אַ שפּרונג געטהאָן איבער'ן צימער און געמאַכט מיט ביידע הענט, ווי מיט אַ פּאָר רודערס.

— ווי אזוי וואלט איהר קאנט'ס געדאנקען אויסגעדריקט אין מוזיק? — האט געפרעגט די זעלבע סטודענטקע.

— א גרויסע מציאה... אפילו דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו... באראבאם... באראבאם... באראבאם.. אָט האָט איהי עס, א באטרעף!

— געגנוג דיר שוין! ווי איז וואסערמאנ'ען פון דיר דער קאָפּ ניט נעשוואלען געווארען פאר די זעקס יאהר, איז א ריינער נס, ווי איך בין א איד. זאג נאר, ער איז אלץ דארטען ביי דעם פראנצויז? — האט איהם משה נאך א מאל אונגעדולדיג געפרעגט.

— ביראראבירא... ביראראבירא... ביראראבירא... — איז ווידער געווען טאפּף'ס ענטפער.

— זאגט טאפּף! וואס דענקט איהר יעצט פון וואסערמאן'ען? — האט איהם געפרעגט א סטודענטקע, וועלכע האט זיך צוגעזעצט אויף זיין שמוציגען געלעגער

— דאס זעלבע וואס פריהער... א גרויסער מענש!...

— טאקע? איהר האט איהם פריהער אויך געהאלטען פאר א גרויסען מענשען?

— יא, א גרויסער מענש... נאר א גרויסער... נאר די נשמה איז ביי איהם פארברענט... אין גאנצען פארברענט — האט געענטפערט טאפּף, ניט קוקענדיג צו קיינעם און איז ווייטער געלאָפען איבער דעם צימער און האט גע־בא־רא־בי־רעט...

— אזוי? אויף אייביג פארברענט? — האט געגאפט די קליינע סמארגאנער סטודענטקע, מהפך פשטה'ס פראטעזשע...

— געוויס אויף אייביג, — האט נערוועז געענטפערט טאפּף, — א נשמה אז זי ווערט פארברענט איז אויף אייביג... בי־רא־בי־רי... בי־רא־בי־רי...

די מענער האבען זיך אין דעם געשפרעך ניט באטייליגט און זיינען געזעסען אזוי ווי אנגעבלאזען און ברוגז. דער אינטערעס, וואס די סטודענטקעס האבען ארויסגעוויזען צו וואסערמאנ'ען און וועלכער האט זיי איצט געבראכט אין זיין צימער, האט זיי פארשאפט פאר־דרוס און געמאכט אייפערזיכטיג...

— פון דעסטוועגען רעכען איך ווען ער קריגט עמיצען שטארק ליעב... א פרוי מיט א גרויסען אינטעלעקט צום ביישפיעל... נו, א

גייסטרייכע פרוי זאָלען מיר זאָגען... דאַכט זיך מיר — האָט אַנגעהויבען טרוימעריש פאַרקלערט און מיט אַ שווערען זיפץ די סמאַרגאַנער — און האָט געוואָרפען אַ בליק אויף איהר חבר פאַסטערנאַק, וואָס האָט געשריבען אונטער דעם נאָמען: „מהפך פשטא״.. מהפך פשטא האָט אויף איהר בייז אַ קוק געטהאַן דורך זיינע ברילען און האָט אַנגעהויבען מאַכען „קעבע.... קעבע....״ און זי האָט זיך פאַרשעמט און איז אַנשווייגען געוואָרען.

— אַן איבערגעבערענטע נשמה קען קיינעם ניט ליעב האָבען... דער פּאַר איז זי דאָך איבערגעבערענט — האָט שטרענג באַמערקט טאַפּף, לויפענדיג איבער דעם צימער ווי אַ ווינד.

— און איהר? — האָט איהם געפרעגט די סטודענטקע וואָס איז געזעסען אויף זיין געלענגער....

— וואָס איך? — האָט ער זי איבערגעפרעגט און איז אויף אַ מאָמענט שטעהן געבליבען אין מיטען צימער...

— אייער נשמה?

— מיינע? אויך איבערגעבערענט... בייביידען איבערגעבערענט... איבערגעבערענט... — און טאַפּף האָט אַ גלאַנץ געטהאַן מיט זיינע אויגען און האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ...

— איהר קענט שוין אויך קיינעם ניט ליעב האָבען? — האָט איהם געפרעגט די סמאַרגאַנער מיט אַ נאַאיווען טאָן פון אַ קינד...

— איך? ניין... ניין... — האָט אַזוי ווי מיט כעס געענטפערט טאַפּף און איז אַוועק איבער'ן צימער... זיין ביראַבירי... ביראַבירי... איז געוואָרען נאָך עלענדישער.

— ער וועט אייך דערצעהלען... ביראַבירי, ביראַבירי... נו, און ביי סאָלאָווייטשיק? די פּיאַניסטקע? — האָט ממזר'יש אַ וואונק גע־טהאַן גלעקעל.

טאַפּף האָט אַ ציטער געטהאַן מיט דעם גאַנצען קערפּער.

— איהר זעהט? איהר זעהט? כאַ־כאַ־כאַ... נו, מאַך נאָר איצט ביראַבירי, ביראַבירי... אָה? — האָט אַנגעהויבען משה גלעקעל זעהר ניט ערעל צולייגען אויף טעלער טאַפּף'ס געפיהלען און דער עולם האָט געלאַכט...

אינצווישען איז אין צימער אריינגעקומען וואסערמאן, אין א נייעם, טייערען זומער־אנצוג און לאקירטע שיך און א נייעם פאנאמא הוט, א פארפיומירטער און אין האנדשוה האט ער אויסגעזעהן ווי אן עכטער דענדי און ניט ווי דער געוועהנליכער וואסערמאן. אונטער איהם האט א דיענער פון א ווארענהויז געטראגען צוויי נייע לעדערנע טשעמאָ־דאנעס.

דער עולם האט זיך אויפגעהויבען פון די ערטער און פון אלע ברוסטען האבען זיך ארויסגעריסען באוואונדערונגס־רוף, אן אלגע־מיינער איבעראשטער „אה!“

אויף וואסערמאנ׳ען האט שוין געשיינט דער גביר און ער האט שוין אויסגעזעהן ווי א מענש פון אן אנדערער, ניט זייער וועלט...

וואסערמאן האט לאנגזאם, מיט א באזונדערען טעם, אנגעהויבען אראבצוציהען זיינע האנדשוה און האט בטראכט די חברה, די בוי־מייסטער, מיט א לאנגען איראנישען בליק. אבער קיין בייזקייט, קיין ניפט איז שוין מעהר ניט געווען אין זיין בליק, אזוי קוקט תמיד אן עלטערער, ערפאהרענער און גוטמוטיגער מאן אויף דער יוגענד, אויף דער גרינער, ניט באפעדערטער, נאאיווער יוגענד.

— נו, וואס הערט זיך? געמאכט, הא? געפאקט די מנה יפה? אה? וויפיעל כאטש? — האט איהם משה באשאטען מיט פראגען.

— געדולד... ווארט א ווייליגקע! — און וואסערמאן האט זיך לאנגזאם און רוהיג, מיט דער ווירדע פון א רייכען לעבעמאן, אויס־געדרעהט צום דיענער. — ביטע, שטעלען זי די זאכען דא אין ווינקעל. היער האבען זי טרינק־געלד! — און וואסערמאן האט ארויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע א געלדטאשע, האט ארויסגענומען פון דארטען א סנאקענדע 25־פראנקנאטע און האט זי מיט א גלייכגילטיגער און לאנגווייליגער האנד־באוועגונג, אזוי ווי עס וואלט געווען נאר פינף סאנטים, דערלאנגט דעם דיענסטמאן.

דער דיענער האט צוערשט געמיינט, אז עס איז א שפאס און האט ניט געוואגט אויסצושטרעקען די האנד, און וואסערמאן האט איהם געמוזט אריינשטופען דאס געלד אין דער האנד אריין, דער דיענער האט לאנג זיך געבויגען און געדאנקט, און האט זיך אלץ ניט געריהרט פון זיין ארט, ביז וואסערמאן האט איהם ניט געהייסען געהן.

— איך שטעה יעצט צו איהרן דיענסטען, הערר גלעקעל! — האָט זיך צערעמאָניש פאַרבויגען וואַסערמאַן, שפּיעלענדיג דעם דענדי און דעם דזשענטלמען.

— קוקט איהם נאָר אָן! וואָס זאָגט איהר צו איהם, חברה? וואָס־זשע טאַקע אַ מנה יפה? — האָט געפרעגט גלעקעל.

— טאַקע אַ מנה יפה, הערר גלעקעל!

— היינו? וואָס הייסט?... — האָט ער זיך געוואָלט דערפרעגען.

— היינו... היינו!... — האָט געצויגען וואַסערמאַן, און האָט צוגלייך געצויגען ביי משה'ן די נשמה מיט די אָדערען.

— זאָג שוין אַ סוף! — האָט משה שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען.

וואַסערמאַן האָט גאָרניט געענטפערט, האָט נאָר אַרויסגענומען פון דעם געלדטאַש אַ פּעקעלע באַנקנאָטען פון 3.000 פראַנק און אַ טשעק אויף 47 טויזענד פראַנק, סך הכל 50,000 פראַנק. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע האַנד־געלד, וואָס ער האָט געקראָגען פון מאָססיע דיאַראַן פאַר זיין פּאַטענט, פאַר דעם ענטדעקטען פאַרב־שטאָף. דער קאָנטראַקט האָט איהם געזיכערט אַ יעהרליכע הכנסה ביז 30,000 פראַנק.

משה'ס פּנים האָט זיך אויסגעצויגען און ער האָט אָנגעהויבען צו פייפען. אַלע זיינען געשטאַנען ווי געליימטע, מיט אָפענע מיילער. וואַסערמאַן איז געוואָרען אַ גביר, פאַרזאָגט אויף לעבענסלאַנג, און האָט זיך געקענט יעצט ווידמען אין גאַנצען דער וויסענשאַפט. עס איז געווען וואָס מקנא צו זיין און צו באַוואונדערען. נאָר איין איינציגער איז געבליבען גלייכגילטיג און אַזוי ווי פרעמד צו דער גאַנצער געשיכטע. — דאָס איז געווען טאָפּף.

אַז איין צימער איז געוואָרען שטיל, שטיל פון איבעראַשונג, פון קנאה און פון טויזענדער אַנדערע געפיהלען, וואָס האָבען זיך יעצט געראַנגעלט אין די ברוסטען פון אָט דעם „מהפך פשטא“, וואָס האָט זיך געקליבען צו שרייבען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אידישען פאָלק, אַ מאָנומענטאַלעס לעבענס־ווערק, און פון די איבעריגע בוימייסטערס, האָט טאָפּף אָנגעהויבען זינגען אַ בירי־ראַבירי, אַ שטילעס און עלענדישעס בירי־ראַבירי, וואָס האָט געקלונגען אין דער שטילקייט פון צימער ווי אַ הבל הבלים.

„50,000 פראנק! הבל־הבלים... הבל־הבלים....", האט אזוי ווי גע־זאגט זיין מוזיקאלישער געדאנק.

— און וואס איז דא אין די טשעמאדאנעס? — האט פלוצלונג געפרעגט משה, אויפהויבענדיג א טשעמאדאן. — זעה נאר ווי שווער ער איז! אזוי ווי מיט באמבעס אנגעלאדען!

— דאס איז מתנות ובגדים בעד חברי טאפף! — האט אויסגע־שריען וואסערמאן און ארויפגענומען איין טשעמאדאן אויף דעם צואווארפענעם און שמוציגען געלעגער און אנגעהויבען ארויסצואווארפען פון דארט א קאסטיום, העמדער, זאקען, נאז־טיכלעך, האנדשוה, קורץ, א גאנצען גארדעראב.

— געה שנעל און טהו זיך איבער, טאפף טייערער, — האט זיך צו איהם געווענדעט וואסערמאן. — זאל איך דיך ניט אנקוקען אין דיינע געניאלע טראנטעס.

און וואסערמאן האט איהם צוגעדריקט צו זיך ווי א טייער קינד. דער עולם האט געטאפט, באוואונדערט און געשאצט דעם קאסטיום און דעם גאנצען גארדעראב. טאפף אבער איז געבליבען קאלט און גלייכגילטיג, כמעט אזוי ווי געערגערט איבער די מתנות, און איז גע־שטאנען פארטראכט, זיך ניט ריהרענדיג פון ארט.

— וואס־זשע שטעהסטו אזוי ווי א קוה צום מעלקען? הא? געה טהו זיך איבער! — האט אזוי ווי א ביסעל געשריען אויף איהם וואסערמאן.

— איך וויל זיך ניט קליידען פאר פרעמד געלד! — האט שטאלץ געענטפערט טאפף און זיך גענומען אויסווישען א טעלער. און מיט וואס? מיט א זאק.... מיט אן אלטען זאק!...

— פאר פרעמד געלד? אה, דו טאפף! מיט דעם לעצטען ביסען האסטו זיך געטיילט מיט מיר, און יעצט, אז איך בין געווארען א רייכער מאן, א פארזארגטער; אז מיר קענען אונבאזארגט לעבען און שאפען... שעהן פון דיין זייט! אפשר וועסטו מיך גאר אוועק־ווארפען? — וואסערמאן איז געוועזן שטארק געערגערט.

— איך ווארף דיך ניט אוועק! — האט א בורטשע געטהאן טאפף און האט זיך אומגדרעהט, אויסווישענדיג א טעהר.

— נו, מאַרש! נעהם די זאַכען און געה צו דער בעל־הבית'טע און טהו זיך איבער — האָט איהם געלערנט משה, — זיי ניט קיין אידיאָט! וויפיעל מאָל האָב איך איהם אוועקגעגעבען דעם לעצטען פראַנק? מאַרש, זאָג איך! — און משה האָט איהם אַרויסגעשטופּט פון צימער.

אַז טאָפּף איז אַריינגעקומען אַ פאַרשעהמטער, אַן אונבאַהאָלפענער און איז געבליבען שטעהן ווי אַ פּאַיאַץ אין מיטען צימער אין זיינע נייע מלבושים, האָט זיך אַנגעהויבען אַ געלעכטער, דער עולם האָט איהם געדרעהט אין אַלע זייטען, האָט איהם געטאַפּט און מושטירט, און דער לייטענער טאָפּף האָט געלאָזט פון זיך מאַכען וואָס מען האָט געוואָלט. קורץ, עס איז געווען פרעהליך, אונענדליך פרעהליך...

וואַסערמאַן אָבער איז געוואָרען פון דעם אַלעם ביסלעכווייז מיעד און האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון דער חברה.

— אויב דו ביסט יאָ אַזאַ שעהנער בחור, — האָט זיך וואַסערמאַן געווענדעט צו זיין חבר מיט אַ מיעדען פּנים, — געה און דינג אַ דראָשקע... איך האָב געדונגען צוויי צימערען אין אַלפּען האָטעל... מיט אַ פּיאַנאָ פאַר דיר.

— מיט אַ פּיאַנאָ! — האָט זיך קינדעריש דערפרעהט טאָפּף.

— יאָ מיט אַ פּיאַנאָ פאַר דיר... און מיר וועלען באַלד אַהין אַריבערפאָהרען.... און אייך, חברה, לאַד איך איין אויף מאָרגען צו מיר אין האָטעל, אויף אַ מאָלצייט מיט שאַמפּאַניער.

גלעקעל האָט פאַרשטאַנען וואַסערמאַן'ס וואונק, האָט פאַרנומען די חברה און פאַרלאָזען דאָס צימער.

— —

וואַסערמאַן איז געבליבען אַליין און זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן איינציגען פאַרשטויבטען שטוהל, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, און האָט זיך פאַרקוקט אויף די אַלפּען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין די פלאַמען פון אַ זומערדיגען זונען־אונטערגאַנג.

געהילטע אין אַ פּורפּור־קלייד פון זונען־שטראַהלען, אין דעם גלאַנז פון אַ זומער־אָוועגד, זיינען די אַלפּען אין מערב זייט געבליבען עפּעס כמורנע און בייזע... אָהן אַ שמייכעל פון גליק, אָהן פרייד און האָפענונג אויף זייערע אַלטע, געקנייטשטע פּנים'ער...

אזוי, וויינינגסטענס, האָט זיך איהם אויסגעוויזען...
ווייל אויך ער אליין איז געזעסען קאלט און פארקלערט, מיט א גלייכגילטיגען און אויסגעלאָשענעם בליק אויפ׳ן זונען־אונטערגאַנג...

— 6 —

— פריילין פלאַרא! פריילין פלאַרא! עס איז שפּעט... די הער־שאפטען געהען שוין מיטאג עסען, —
געקלאפּט האָט אין פלאַרא׳ס טיהר מאגדא, א דיענסט־מיידעל אין פּאנסיאָן, וואו די סאלאָווייטשיקעס האָבען געלעבט.
פלאַרא איז אָבער שוין לאַנג ניט געשלאָפען. איז זי איבער־הויפּט געשלאָפען? וויינינגסטענס האָט דער קורצער, געשפּאנט וואַ־כענדער, נערוועזער שלאָף ניט צוריסען דעם פאָדעם פון ווירקליכקייט... וואָס אָבער איז אַזוינס געוועזען די ווירקליכקייט? ביי וואָס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעבראָכען די ווירקליכקייט? — האָט זיך פלאַרא איצט, ליגענדיג אין בעט, באַמיהט צו דערמאָהנען.
יאָ, דאָס איז געוועזען משה גלעקעל... ער האָט זיי פארטאָג באַגלייט אַ היים... צופוס... צוגאַנגען איז מען זיך פון באל אין כנופיות און די כנופיות האָבען גערעדט הויך אין דער שטילער, ווייט־אָבהילכענדער נאַכט־לופט.. מען האָט אין דער פינסטערער פאַרטאָג־שטונדע גערעדט אין פראַנט פון זיי און הינטער זיי... מען האָט גערעדט אַלץ פון די צוויי חברים, וועלכע האָבען זיך אַזוי אויסגעצייכענט אויף דעם באל, וואָס וועט פארבלייבען אפשר אויף שטענדיג אין די לעבענס־זכרונות פון אַלע, וואָס האָבען בייגעוואוינט דעם באַל. וואַסערמאַן און טאַפּף... טאַפּף און וואַסערמאַן... די נעמען האָבען די כנופיות ניט אויפגעהערט צו דערמאָהנען... מען האָט גערעדט פון זיי מיט גאַל, מיט אבשוי, מיט פאַראַכטונג.. און הויפּטזעכליך מיט קנאה... מיט געוואַלדיגער יונגער און ליידענשאַפטליכער קנאה.... אָבער משה גלעקעל? ער איז געגאַנגען ביי איהר זייט און גערעדט פון זיי מיט שטאָלץ, מיט׳ן ליידענשאַפטליכען שטאָלץ פון איד מיט זיין פאָלק, מיט דער אידישער ראַסע... און דערפאַר האָט זי דעם גלעקעל אַזוי ליעב באַקומען און דערפאַר האָט זי אזוי פּעסט געדריקט צו איהר

קערפּער זיין ארעם, אויף וועלכען זי האָט זיך געשטיצט אין דעם נאכט־שפּאַציר....

— גלויבט איהר, אז די גאַנצע געשיכטע איז אַ ליגען, אז ער האָט עס אויסגעטראַכט? — האָט זי געפרעגט משה׳ן.

—אבסאָליוט! איך האָב דאָך מיט איהם געלעבט אין לאָנדאָן... אויף איין קווארטיר... די זאַך איז אויסגעטראַכט פון אָנהויב ביז׳ן סוף, — האָט איהר ליידענשאַפטליך פאַרזיכערט משה, — אזוי ווי ער וואָלט פאַרטיידיגט זיך, זיין רעפּוטאַציע און ניט וואַסערמאַן׳ס.

— פון וואַנעט זשע האָט עס גענומען אָט דער... ווי אַזוי איז זיין נאָמען? — האָט פלאָרא געפרעגט משה׳ן.

— מייזעל... מייזעל איז זיין נאָמען.

— זעהט אוים ווי אַ מייזעל, — האָט באַמערקט פלאָרא און משה האָט דערפיהלט ווי זי האָט ביי דעם נאָמען אויפגעציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער איהרען.

— אַ פּאַסקודע, —

— ער מוז דאָך האָבען באַווייזע... פאַקטען פון וואַנעט האָט ער עס גענומען? — האָט איהם נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט פלאָרא.

— פון וואַסערמאַנ׳ען טאַקע אליין... ער האָט זיך ליעב בארימען, דאָס איז זיין קראַנקהייט.... שטאָלצירען מיט אונמאָראַליטעט... שפּיע־לען דעם איבער־מענשען... דאָס ניטשעלע...

אה, אַזוי גאר! — האָט זיך ארויסגעריסען פון פלאָרא׳ס ברוסט ווי אַ טיעפער זיפץ פון ערלייזטערונג, — איצט פאַרשטעה איך... אה, איך פאַרשטעה... איך פאַרשטעה...

אה, ווי דאַנקבאַר זי איז פון דעם מאָמענט געווען משה גלעקעל... אַזוי ווי ער וואָלט אַ שווערע לאַסט ארונטערגענומען פון איהר הארץ...

אַ העלע פרייד האָט פאַרפלייצט אין דעם מאָמענט איהר נשמה און צוגלייך אָפּגעפרישט איהר מיעדען קערפּער... אַ פרייד און עפּעס אַ טיעפע דאַנקבאַרקייט... צו וועמען? פאַר וואָס?... וואָס איז איהר די נפקה מינה, צו דער וואַסערמאַן איז יאָ געווען אַ מיסיאָנער צי ניין? איז זי דען ניט אליין האַלב קריסטין? איז זי דען ניט נעהענטער צום קריסטענטום, ווי צום אידענטום?

און אזוי איז זי שוין לאנג געלעגן אין בעט מיט אָפענע אויגען און איבערגעלעבט די פּאסירונגען פון דער פארגאנגענער נאכט און פון באל... א מערקווירדיגער באל דאָס איז געווען... די איבערלעבונגען זיינען געלאפען פאר איהרע אָפענע אויגען אין צוריסענע שטיקער, ווי עס לויפען וואלקענס, צוריסענע און געטריבענע פון ווינט... אזוי איז דאָס געווען אויך אין איהר קורצען, וואכענדען שלאָף... טאָפּף און וואסערמאַן... וואסערמאַן און טאָפּף... אין פארשיעדענע פאָזען, אומארעמטע און צושיידטע האָבען זיי געשפּאַנט פאר איהר... ביי איהר זייט... זיך געריצט מיט איהר... זי געערגערט ביז צו טרעהרען... ווי צוויי אונערטרעגליכע שטיפערס... זי געמאכט לאכען ביז צו טרעה־רען... אה, ווי זי האט געלאכט אין שלאָף! היסטעריש געלאכט... באזונדערס, ווען די צוויי חברים האָבען זיך פארוואנדעלט אין צוויי פו־דעלס... איינער א שווארצער, מיט'ן קאפּ פון א טאָפּף און איינער א ברוינער מיט'ן קאפּ פון א וואסערמאַן... די פודעלס זיינען איהר פאר־אויסגעלאָפען אויף א שפּאציר ביים ים אין ניצע... זיך געשלאָגען צווישען זיך, זיך געביסען... און דאן האט זי גענומען ווארפען שפּינדלאך אין ים און די פודעלס האָבען זיך געווארפען כאפּען די שפּינדלאך און זיי ברייגגען צו איהר, אָבטרייסלענדיג פון זיך דאָס וואסער אין רעגענטראָפּען...

און אז זי האט ערוואכט און געעפענט די אויגען זיינען שוין די צוויי חברים געשטאנען פאר די אויגען, ווי א זאקיציע... און דאך האט עס זי ניט געערגערט... פארקערט — זי האט ווידער געטראכט פון ביידע, ניט נאר מיט'ן גרעסטען אינטערעס, נאר אויך מיט פאר־געניגען... און ווייל זי האט געטראכט פון ביידע, האט זי איהר איני־טערעס ניט פארשטאנען... ווייל זי האט זיך אינטערעסירט מיט צוויי, האט זי ניט געקענט האָבען דעם מינדעסטען פארדאכט, אז דער איני־טערעס איז ליעבע... אז עמיצער פון די ביידע איז דער עיקר און דער צווייטער איז א טפל... און ווי אזוי האט זי געקענט האָבען אזא פארדאכט? האט זי דען ניט, ווי א נאָנע, געגעבען דעם נדר פון אייביגער יונפרויליכקייט? זי האט באלאנגט צו איהר בלינדען ברודער, וועמענס אויגען זי איז געווען אין לעבען און זי האט געשווארען זיך אליין דעם הייליגען נדר, אז קיין ליעבע וועט זיך ניט שטעלען

צווישען זיי, זיי צוצושיידען... א, ווי אייפערזיכטיג דער ברודער איהרער איז געווען צו יעדער באקאנטשאפט איהרער!

איבעריגענס האט זיך פלארא ניט געגריבעלט אין איהרע געפיהלען, זי איז סתם ניט געווען קיין גריבלערן... א גאנצע, גלייכע נאטור, א גלייכער בוים אהן סוקעס... ווען עמיצער פרעגט זי, ווארום זי האט אזא אינטערעס צו דעם טאפף און צו דעם וואסערמאן, וואלט זי אליין ניט געקענט ענטפערען... זי וואלט אפשר געזאגט, אז זי נעמט דעם זעלבען אינטערעס אין קעץ, צודראפעטע און צושלאגענע פון לעבען, אין הינטלאך... ווי פודעלס וואלט זי דיביידע חברים צוערשט געלאזט אויסבאדען און אבוואשען פון זייער לעבענס-שמוץ... ווי שמוציג די צוויי קערלען מוזען לעבען! — האט זיך געטראכט פלארא, — פאר וועלכער שמוץ איז געווען דער גרעסטער גרויל אין לעבען... דאס געפיהל האט זי גע'ירשנט פון איהר דייטשער מוטער, וועלכע האט תמיד צוליעב דעם זיך געקריגט מיט איהר פאטער, וואס איז געווען א ליידענשאפטליכער רויכערער פון דיקע סיגארען און אין אלע צימערען געלאזען שפורען פון דער ליידענשאפט... דערמאנענדיג זיך איצט אין חלום מיט די צוויי פודעלס, ווי אזוי זי האט ביידע געוואשען אין די ים-כוואליעס — האט זיך פלארא ווידער הערצליך צולאכט.

— —

אז מאגדא האט איהר דערלאנגט די קאפע צו בעט, האט זי איהר אויך געגעבען די מארגענצייטונגען.

— אייער ברודער האט געשיקט די צייטונגען... עטוואס אינטערעסאנטעס פאר זי, האט ער געזאגט, — און מאגדא האט איהר אנגעוויזען אויפ'ן אינטערעסאנטען פלאץ אין די צואוויקעלטע צייטונגען.

— איז מיין ברודער שוין אויפגעשטאנען? — האט זי געפרעגט.

— אה, שוין לאנג פריילין! שוין לאנג!

— ווי שפעט איז עס מאגדא? —

— צוויי אוהר, פריילין!

— צוויי אוהר! ווארום האבען זי מיך ניט געוועקט? —

— הערר סאלאווייטשיק האט מיך ניט געהייסען, איך האב איהם געפרעגט, וואלען זי איצט אויפשטעהן? — האט זי געפרעגט מאגדא.

— אַה, מאגדא! — האָט אויסגערופען פלאַרא, און גענומען ציהען איהרע מיעדע, ווי מיט בליי אָנגעגאָסענע אברים, — איך בין מיעד... אזוי מיעד...

— דאַן שלאָפט! טרינקען זי קאפע און שלאָפען זי ווייטער, — האָט צו איהר שעלמיש געוואונקען דאָס דיענסטמיידעל, אזוי ווי זי וואלט זי אָנגערעדט צו טהאָן אַ פארבאָטענע זאך.

— ציה אָרויף די גארדינען! — האָט זי געבעטען פלאַרא.

— זי ווילען אויפשטעהן? — האָט מאגדא איהר איבערגעפרעגט אַנטוישט.

— יאָ! —

ווען דער העלער זומער־טאָג האָט זיך אָבער אַריינגעריסען דורך די פענסטער מיט די כוואַליעס פון זונענליכט און טאַצענדע שטראַהלען און ווען פלאַרא האָט ביים העלען ליכט דערזעהן וואסערמאַן'ס נאָמען מיט גרויסע אותיות אין די צייטונגען, וואס זיינען געלעגען אויפ'ן בעט פאר איהרע אויגען, איז איהר מיעדקייט פלוצים פארשוואונדען.

פלאַרא האָט זיך שנעל אויפגעזעצט ווי פון אַן אינערליכען שטויס, געכאַפּט די צייטונג אין איהרע ציטערענדע הענט און צוגעפאַלען צו די געדרוקטע צייל֒ען מיט דורשטיגע אויגען.

דריי צייטונגען האָט איהר אַריינגעשיקט איהר ברודער, אלע דריי צואוויקעלטע אויף דער זייט, וואו מען האָט געשריבען וועגען וואסער־מאַן. אלע דריי האָבען געזינגען אַ לאַנגען, עטליכע צייטונגס־שפאַלטען פארנעהמענדען הימן צום „דיאלעקטיש דיינקענדען כעמיקער". אלע האָבען איהם פארגליכען מיט וויקטאָר מייער און מענדעליעוו, אַז ער האָט אָנגעווענדעט אויף זיין ענדעקונג דיזעלבע דיאלעקטישע מע־טאָדע, וואס די צוויי גרויסע כעמיקער האָבען אָנגעווענדעט...

פלאַרא האָט געלייענט און איבערגעלייענט...

מאגדא האָט געקוקט אויף איהר מיט געקרייצטע אָרעמס.

אַז ערשעפטע האָט פלאַרא אַרונטערגעלאָזט איהר קאָפּ אויפ'ן קישען...

— טרינקען זי איהר קאפע, פריילין! אום גאָטעס ווילען! עס ווערט דאך קאַלט! — האָט זיך געכאַפּט מאגדא.

פלאַרא האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט צושטרייטע און צוטומעלטע אויגען, אַזוי ווי זי וואָלט זי ניט פאַרשטאַנען.

— דער קאַפע איז דאָך שוין קאַלט... זאָל איך אַנדערען ברינגען?

— האָט זיך מיט אַנגסט געטאָפּטשעט פאַר׳ן בעט מאַגדאַ.

— לאָזט צוריק אַרונטער די גאַרדינען! — האָט איהר באַפעהלען פלאַרא.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און זי איז ווידער אַליין אין דער האַלב-טונקעלהייט פון איהר צימער, אַליין מיט איהרע צוריסענע און צופליקטע געדאַנקען... האָט עפּעס פּאַסירט אין איהר לעבען? אום צו ענטפערען אויף דער פראַגע האָט זי באַדאַרפט צו קאָנצענטרירען ניט נאָר איהרע געדאַנקען, נאָר אויך איהר ווילען. ביי דע, די געדאַנקען און דער ווילען, האָבען אָבער ניט באַלאַנגט צו איהר, האָבען זי ניט געפאָלגט, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע. ווי פרעמדע, זיינען איהרע געדאַנקען זיך צולאָפען אין אַלע זייטען, אין אַלע ריכטונגען, האָבען אָנגענומען פאַרשיעדענע קאָלירען, די פאַרבען פון דער ווירקליכקייט, וואָס צו־ברעכען זיך אין חלום... די פאַרבען פון ספּעקטאַר צובראָכען אין אַ רעגענבויגען... און אפשר איז זי צוריק איינגעשלאָפען, איינגעשלאָפען מיט אָפענע אויגען?... זי איז דאָך געווען אַזוי מיעד!... די מיעדיג־קייט איז אָבער געווען אַזאַ זיסע, אַזאַ גלעטענדע און לאַשטשענדע.... אַזאַ מיעדיגקייט וויגט איין דעם קערפּער און די נשמה, פאַרכישופט און פאַרוואַנדעלט ווירקליכקייט אין אַ שעהנעם חלום, אין אַ טראַנס...

און פלאַרא האָט ווידער גע׳חלום׳ט, אַז זי שפּאַצירט ביים ברעג פון ניצע... שפּאַצירט אַ גליקליכע, פול פון לעבענס-פרייד און די צוויי פּודעלס זיינען ווידער געלאָפען פאַר איהר... און פלאַרא האָט זיי ווידער געבאָדען אין ים, זיי געבאָדען און געלאַכט, געלאַכט ווי קיין מאָל אפשר אין איהר לעבען... דאָס מאָל אָבער איז דער ברוינער פּודעל איהר געוואָרען טייערער פון שוואַרצען... זי האָט איהם געבאָדען לענגער... לענגער געגלעט זיינע גלאַט געשאָרענע פעל און שטיפעריש געפּאַטשט וואַסערמאַן׳ס פּנים...

— האַוו! האַוו! — האָט אייפערזיכטיג געבילט דער שוואַרצער ווילד באַוואַקסענער פּודעל מיט אַ קאָפּ פון טאָפּף.

און פלאָרא האָט געלאַכט פון זיין אייפערזוכט און איהם שטי־פעריש געדראָהט מיט'ן פינגער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין עטליכע טעג ארום, אין אַ פאַרנאַכט, ווען די אַלפען זיינען שוין געשטאַנען אין די פלאַמען פון אַ זונען־אונטערגאַנג, איז פלאָרא ווידער געשטאַנען ביים בערנגראַבען און געהאָרעוועט פון אַ פּאַפּי־רענעם סקאַרמעטש די בערען... דאָס מאָל האָט זי די ארבייט געטהאָן צושטרייט און אויטאָמאַטיש... זי איז געקומען אַ הער ניט צו האָרעווען און זיך שפּילען מיט די בערען, נאָר צו באַגעגענען וואַסערמאַן'ען, זי האָט איהם שוין דאָ איינמאָל באַגעגענט און אַזוי ברוטאַל צוריקגע־וויזען... דעם בלייך געוואָרענעם פּנים, די גרימאַסע פון פּיין, וואָס די וואונד האָט דאַן ארויסגערופען אויפ'ן פּנים, איז געבליבען פאַר איהר אונפאַרגעסליך... ווי ברוטאַל זי איז! איז זי טאַקע אַזוי ברוטאַל?

— האָט זי זיך איצט געפרעגט — וועט ער קומען? אָה, ער וועט קומען!... ער וועט דערפיהלען, אַז זי שטעהט דאָ... אַז זי וואַרט אויף איהם — און זי האָט געשיקט אין דער ווייטקייט, וואו ער האָט זיך איצט ערגעץ געפונען, איהרע היפּנאָטיזירענד רופענדע בליקען...

האָב איך איהם ליעב? — האָט זי זיך פּלוצים געפרעגט צום ערשטען מאָל — און די פיער ווערטער האָבען אויפגעפלאַקערט פאַר איהרע אויגען אין דער לופט מיט פייערדיגע אותיות פון אַן עלעק־טרישען שילד.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן בערנגראַבען, פאַרמאַכט די אויגען מיט די הענט...

די הענט אָבער האָבען ניט געקענט פאַרשטעלען... די פייערדיגע אותיות, זיי האָבען געברענט פאַר איהרע פאַרמאַכטע אויגען... זי האָט זיך דערמאָנט אָן איהר בלינדען ברודער, אָן איהר הייליגען נדר, צו בלייבען אונפאַרהייראַט און אַ נזירה, און אַ שוידער איז דורכגעלאָפען איבער איהר לייב...

— ניין! זי האָט איהם ניט ליעב... ווי איז דאָס מעגליך? זי האָט פיינט ציניקער... ציניקער זיינען תמיד שמוציג... אָה, ווי שמוציג די צוויי קערלען מוזען לעבען!... שרעקליך!... — און פון דעם געדאַנק, ווי שמוציג די צוויי חברים לעבען, האָט עס זי נאָך מעהר געשווידערט...

אינצווישען האָט אַ פייער רויטע זוהן געצונדען אין מעריב־זייט איהר טעגליכען גיגאַנטישען שייטערהויפען... זי האָט זיך גענומען אַרונטערלאָזען און זינקען אונטער די אַלפּען, זינקען טיעפער און טיעפער... און וואָס טיעפער זי האָט געזונקען, אַלץ שוואַכער איז געוואָרען דער אָפּגלאַנץ פון דעם שייטערהויפען, אַלץ נעהענטער האָבען זיך גערוקט די שאָטענס פון אַ זומער־נאַכט...

און ער איז ניט געקומען... און האָט זי געלאָזט וואַרטען... וואָס קערט ער איצט וועגען איהר? ער איז בּאַרימט געוואָרען, איבער־נאַכט... רייד געוואָרען... מען פאַרגלייכט איהם מיט אַ וויקטאָר מייער און אַ מענדעליעוו.... ווער זיינען זיי? איינער אַ דייטש, דער צווייטער אַ רוס... מסתמא ביידע באַרימט אין בעמיע... זי מוז אַ קוק טהאָן אין ענציקלאָפּעדיע ווער זיי זיינען... אַבּסאָליוט וועט זי אַ קוק טהאָן— באַשליסט פלאָרא.

און פּלוצים דערמאָנט זי זיך, ווי אַזוי אַ באַרימטער מוזיק־קריטיקער אין וויען, האָט געשריבּען וועגען איהר, אַז זי איז בּלויז אַ געבּאָרענע אַקאָמפּאַניסטקע און ניט קיין ווירטואָז, אַז נאָר זי איז אומשטאַנד געוועזען צו מאַכען איהר ברודער צום ווירטואָז, אַרויסצורופען ביים ברודער די שעהנסטע טענער, גרויסע עמאָציעס אין זיין נשמה.... אַך, ווי די קריטיק האָט זי דאַן פאַרוואונדעט! האָט זי דען ניט געשפּיעלט אַליין גרויסאַרטיגע קאָנצערטען? האָט זי דען אויף גלעקעלס באַל ניט געגעבּען אַזאַ קאָנצערט? ווי באַגייסטערט זי האָט געשפּיעלט נאָך טאַפּף'ס „כאַאָס"!... ווער האָט זי באַגייסטערט? דער "כאַאָס"?... טאַפּף?...

איצט איז איהר געוועזען קלאָהר, אַז טאַפּף איז דער תפל, די באַגלייטענדע ערשיינונג... אַז דער עיקר איז וואַסערמאַן... אַז ווען עס כאַפּט זי אַן טאַפּף און ניט ער, וואָלט זי זיך געפיהלט ביטער ענטוישט...

זי האָט ווידער געטראַכט וועגען דעם קריטיקער וואָס האָט זי דאַן אַזוי פאַרוואונדעט און איז געבליבּען ווי אַ דאָרען אין איהר נשמה... איצט אָבער האָט דער דאָרען, די קריטיק ניט געשמערצט... פאַרקעהרט — זי האָט שטאָלצירט מיט זיך... זי האָט געמאַכט איהר ברודער צום ווירטואָז, פאַר דעם גרעסטען פיעדעל־שפּיעלער אויף

דער וועלט...

פלוצים האט זי זיך פארגעשטעלט, אז זי אקאמפאנירט ניט איהר ברודער, נאר וואסערמאן, אז זי האט אויך איהם געמאכט צום ווירטואז!

ווי אזוי? ווי איז דאס מעגליך?...

פלארא האט זיך אליין צולאכט... א העלע פרייד האט פארפלייצט איהר הארץ... עס האט זי געריסען צו דער פיאנא... שפּיעלען, זינגען, טאנצען.

— האב איך איהם ליעב? —

פאר איהרע אויגען האט זיך אנגערוקט דער בין השמשות מיט די פייערדיגע אותיות: „האב איך איהם ליעב?"

און זי האט זיך געלאזט געהן.

— וואוהין? — האט זיך געפרעגט פלארא.

אבער ניט א היים... זי האט זיך געפיהלט ווי אן אונטרייע פרוי, וואס געהט פון א ליעבעס־ראנדעוואו... זי האט ניט געהאט דעם מוטה איצט צו באגעגענען זיך מיט איהר ברודער... צום ערשטען מאל אין איהר לעבען האט זי זיך דערפיהלט אונטריי צו איהם אין איהרע געדאנקען... און ער איז געווען אזא אונפעלבארער געדאנקען־לעזער... ער פלעגט איהרע געדאנקען אנטאפען מיט זיין לאסקענדער האנט אויף איהר פנים... מיט א באריהרונג אין איהר קערפער...

פאר איהר געהט ווידער א כנופיא... און מען רעדט ווידער פון טאפף און וואסערמאן... מען רעדט מיט קנאה... מיט א ליידענשאפטליכער קנאה... דאס איז געווען די זעלבע כנופיא, וואס האט פארלאזען וואסערמאנ'ען אליין אין זיין צימער... משה געהט אויך און דערמאנט איהר נאמען... א שאקירטע, ווי א געכאפטע ביי א פרעמדער טיהר מיט אן אנגעבויגענעם אויער, פארקירעוועט זיך פלארא איין א זייטען־געסעל... זי מאכט עטליכע הונדערט שריט און זעהט ווי טאפף טראגט ארויס פון א הויז צוויי שווערע טשעמאדאנעס און פאהרט מיט זיי אפּ אין א דראשקע...

— א, דא וואוינען עס די צוויי קערלען!... ווי שמוציג עס מוז זיין זייער צימער! — דער געדאנק, אז זיי פאהרען אוועק... און אפשר פון בערן און אויף שטענדיג, דער געדאנק פארוואונדעט זי.... טאפף

וואַלט דאַך באַדאַרפט זיך קומען געזעגענען, זי איז אויפ'ן באַל געווען אַזוי גוט צו איהם... מסתמא גוט און האָט אַזוי שטאַלצירט מיט איהם... זייט דעם האָט ער זי ניט באַזוכט אפילו... איצט פאָהרט ער אַוועק אין דער דראָשקע און באַמערקט זי אפילו ניט... וואַסערמאַן איז שוין מסתמא פריהער אַוועקגעפאָהרען... איצט קען זי אַריינגעהן און אַנקוקען זייער צימער... ווי שמוציג דאָס צימער מוז אויסזעהן...

זי וועט זאָגען דער בעל הבית'טע, אַז זי וויל דינגען דאָס צימער... אַ וואונדערבאַרער אויסרייד!

— —

אנגעטהון באַשיידען, אָבער געשמאַקפול, איז זי, געבליבען שטעהן ביי דער טהיר מיט דעם אויסדרוק פון אַ מענשען וואָס קוקט אַריין אין אַ טיעפען אָפּגרונד פאַר זיך... עס איז אַזוי שרעקליך אָבער גע־היימניספול און אנציהענד!... און מען האָט געקענט זעהן, ווי די פעסט געבויטע ברוסט איהרע באַוועגט זיך דורך דער דינער בלוזע פון ווייסען מוסלין... באַוועגט זיך און גיט אַרויס און פערראַט אַ קלאַפּענדעס און פלאַטערענדעס האַרץ.

אַז זי האָט דערזעהן וואַסערמאַן'ען ביים פענסטער האָט זיך זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער אַ וואַרף געטהאָן צוריק מיט אַן ענטווישטען: „אה!...“ זי האָט אָבער די אבזיכט צו פאַרמאַכען הינטער זיך די טהיר און צו פערשווינדען ניט אויסגעפיהרט, זי איז געבליבען שטעהן אין דער אָפענער טהיר, האַלטענדיג דאָס הענטעל, ווי אַ פּאַראַליזירטע און ווילענלאָזע... ער געהט אָבער איהר אַנטקעגען...

וואַסערמאַן האָט זיך רוהיג אָהן אַ מינדעסטער איבעררעאַשונג אויפגעהויבען פון זיין אָרט, האָט איהר שטיל אָהן אַ באַגריסונגס־וואָרט דערלאַנגט די האַנט, געהאַלטען אַ מאָמענט איהר האַנט אין זיינער און האָט געזאָגט שטיל און קאַלט, כמעט גלייכגילטיג...

— אַה, דאָס זייט איהר!

דער קאַלטער טאָן האָט זי אויפגעשוידערט, טיף פאַרוואונדעט.

פלאָרא האָט אויף איהם שנעל אויפגעהויבען די אויגען.

— יאָ, דאָס בין איך... איהר האָט מיך געוויס ניט ערוואַרטעט?...

— אומגעקעהרט, איך בין געוועזן זיכער, אז איהר וועט קומען, — און א לייכטער, קוים באמערקבארער שמייכעל האט א שימער געטהאן אויף זיינע בלאסע ליפען...

— איהר זייט געוועזן זיכער? ווארום זייט איהר געוועזן זיכער? — האט פלארא געפרעגט און איהר שטימע האט זיך ווי אפגעריסען פון אויפרעגונג, דאס גאנצע בלוט איז איהר אריין אין פנים...

וואסערמאן האט א ווײלע געשוויגען.

— דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז איהר וועט באלד קומען... דערפאר האב איך אלע מיינע געסט אוועקגעשיקט, — אויף זיינע ליפען האט אנגעהויבען צו טאנצען און קרימען זיך זיין, איהר גוט באקאנטעס, שפאטישעס און ציניזשעס געלעכטערל...

פלארא האט אויפגעציטערט מיט איהר גאנצען קערפער ווי פון א טיעפער באליידיגונג.

— צו וואס? פאר וואס האט איהר זיי אוועקגעשיקט? — האט זי אויפגערעגט און פארדריסליך געפרעגט, — וואס דענקט איהר דערמיט?

וואסערמאן האט זי שטום גענומען ביי דער האנד און האט זי צוגעפיהרט צום פענסטער...

— פאר וואס? זאגט, פלארא, און איהר וואלט געוועזן צופרידען זיי דא אלע צו טרעפען? אה? זאגט דעם אמת! — האט ער זי גע־פרעגט מיט א בליק, וואס וויל אריינקוקען טיף אין דער נשמה...

— פלארא, וואס פאר א פלארא בין איך איהם? — האט זי זיך געפרעגט מיט אן אינוועניגסטען ציטער — ווער האט איהם געגעבען דאס רעכט?

דער ענטפער אבער איז געבליבען שטעקען אין האלז און האט ניט געוואגט זיך פון דארט ארויסצורייסען...

וואסערמאן האט זי שטילערהייט אוועקגעזעצט אויף דעם ביינקעל און געקוקט אויף איהר,ווארטענדיג אויף א תשובה. פלארא האט זיך באלד צוריק אויפגעהויבען פון שטוהל און איז געבליבען שטעהן א שוויינענדע, אזוי ווי זי וואלט געטראכט א ווײלע, דערנאך האט זי ווידער א ציטער געטהאן מיט דעם גאנצען קערפער, ווידער אויפ־געהויבען אויף איהם ענטשלאסען די אויגען ווי נאך א קורצען אינער־

ליכען קאָמף און האָט איהם געענטפערט מיט אַ פעסטער און שטילער שטימע: ניין! — און חרטה געהאַט...

אַ לאַנגע פויזע... זייערע בליקען האָבען זיך געגעגזייטיג עקזאַ־מינירט... יעדער האָט געוואָלט אריינקוקען אין צווייטענס נשמה... אויסטאַפּען אַלע איהרע ווינקעלאַך...

— ווארום זייט איהר געווען זיכער, אַז איך וועל קומען? גלויבט איהר פיליכט, אַז אייער ערפאָלג האָט מיך אַהער צו אייך געבראַכט?

— און זי האָט איהם שוין געמאָסטען מיט אַ קאַלטען און פרעמדען בליק פון איהרע שטאָהל גרויע אויגען, — איך בין גאָר ניט געקומען צו זעהן אייך... נאָר מיין פריינד טאָפף...

— אַה! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ טאָן פון שפּאָט און איראָניע.

— איך פאַרזיכער אייך —.

— איך גלויב אייך, פריילין!...

זיינע קעצישע אויגען האָבען זיך געלויכטען אונטער דער פענסנע... געלויכטען מיט אַ בייזען שפּאָט, ווי כסדר.

— זעצט אייך, ליבער גאָט! זעצט אייך אויף דעם ביינקעל... אַז איין און איינציג ביינקעל פאַרמאָגט מיין אָרים צימער און דאָס באַט איך אייך אַז... ווי אַלעם איז דאָ שמוציג... כאַ, כאַ, כאַ! — און וואָסערמאַן האָט אָנגעהויבען בלאָזען דעם שטויב פון דעם ביינקעל.

— ניין... ניין... איך וויל ניט זיצען, — האָט פּראָטעסטירט פלאָראַ מיט אַ ציטער פון עקעל און האָט זיך אָבגערוקט פון פענסטער...

ווידער אַ לאַנגע שווערע פּאַוזע. ביידע זיינען געשטאַנען, איינער פאַר דעם צווייטען, ווי צוויי באַקסער פאַר'ן קאַמף, איבערלעגענד וואָס און ווי אַזוי אָנצוגרייפען דעם פיינד...

— איהר האָט אַ טעות... אייער ערפאָלג אינטערעסירט מיך גאָר ניט — פלאָראַ האָט אַ שטילען זיפץ געטהאָן... אַזוי ווי זי וואָלט מיט דעם זיפץ באַפרייט איהר האַרץ, איהר באַוועגטע ברוסט פון אַ לאַסט... פון אַן אומאָנגענעם און שווער געפיהל...

— איז דאָס אמת, פלאָראַ? זייט איהר דאָס מאָל אויפריכטיג מיט זיך אַליין? האָט דעם מוטה צו זיין אויפריכטיג... מוטה איז שעהנער פון שטאָלץ... ערהאַבענד...

איצט האָבען זיינע אויגען געבעטעלט... דער בייזער שפּאַט האָט זיך מאָמענטאַל אויסגעלאָשען און אויף זיין אָרט האָט זיך אָנגעצינדען דער אומעט און צער פון דער וועלט... א צער וואָס האָט זי ערשיטערט... מיט דעם נייעם בליק און מיט די נייע קליידער איז פּלוצים פאַר איהר אויסגעוואַקסען א נייער וואַסערמאַן, אזא נאָהענטער און אזא טייערער, אז איהר מיידעלשער שטאָלץ, דער שטאָלץ פון א קינסטלערין איז צורונען געוואָרען... איהר פּנים האָט פּלוצים אויפגעשטראַהלט, ווי אן אויפגעהענדע זוהן, אויפגעשטראַהלט און זיך באַלויכטען מיט א נייעם פלאַם... זי האָט שטיל ארויפגעלעגט איהר ווייסע דורזיכטיגע האַנד מיט די לאַנגע ווי פון עלפענביין אויסגעטאַקטע פינגער, וואָס האָבען אזוי וואונדערבאַר געשפּיעלט, אויף זיינע פּלייצעס, האָט אייניגע סעקונדען שווער געאָטעמט איהם גלייך אין געזיכט אריין און האָט געזאָגט צו איהם שטיל, אזוי ווי זי זאָל איהם איינרוימען א טיעפען און טייערען סוד:

— איך וואָלט סיי ווי סיי געוועזן געקומען... פריהער... פאַר דעם ערפאָלג. — פון די ווערטער האָט זיך ביי איהר אליין פאַרדרעהט דער קאָפּ, אזוי ווי אַן אַבגרונד וואָלט זיך געעפענט פאַר איהרע אויגען... זי האָט זיך פאַר זיי פאַרשעהמט, שטאַרק חרטה געהאָט...

וואַסערמאַן האָט געוואָלט אויסשרייען פון גליק, פון ווילדער פרייד. איהר אָטעם, איהר שווערער הייסער אָטעם, די גלוט פון איהר אזוי נאָהענטען קערפּער האָט עס אָנגעצינדען אין איהם די ווילדע פרייד. אָבער נאָר אויף א הרף עין... באַלד איז פון ערגעץ געקומען, ווי א בייזער ווינט, א צווייפעל און האָט די גרויסע און העלע פרייד אויסגעלאָשען.

— נאָר וואָס האָט אייך אָבגעהאַלטען? — האָט ער זי געפרעגט מיט א טיעפען, קאַלטען ציטער.

— איהר אַליין... אייער כאַראַקטער, — און איהר שטראַהלענדער פּנים האָט זיך באַדעקט מיט א וואָלקען און האָט זיך אויך צוריק פאַרלאָשען און איז געוואָרען אזוי ערנסט טרויעריג... טרויעריג ווי דאַן... אין אָווענד, ווען ער איז געשטאַנען אין בערנקעלער אויף דער עסטראַדע און האָט געלאַכט פון זיך, פון אַלעם און פון אַלע...

ביידע זיינע געבליבען שטעהן שטיל... פאַרטיעפט אין אַ געדאַנק, אין אַ צווייפעל, אין איין גרויסען שמערץ...

— און איצט? — האָט ענדליך זיך אָנגערופען וואַסערמאַן מיט אַ פרעמדאַרטיגער שטימע און האָט פאַריסען די הענד אויף זיין קאָפּ...

— ניין!... ניין!... איצט זייט איהר אַ נייער מענש... אַן אַנדער וואַסערמאַן... אַ, איך גלויב, אַז דער ערפאָלג האָט אייך געמאַכט פאַר אַן אַנדערען מענשען, — האָט זי זיך אַזוי ווי געראַנגעלט מיט דעם ביטערען, גיפטיגען צווייפעל און האָט אָנגעשטעלט אויף איהם אַ פאַרשענדען און צוגלייך בעטענדען בליק. זי האָט געוואַרט אויף איהר אורטהייל...

וואַסערמאַן האָט איהר אָבער גאָר נישט געענטפערט און האָט אָנגעהויבען שפּאַנען הין און צוריק איבער דעם צימער, באַוועלטיגט פון אַ שווערען אינערליכען קאַמף, פון אַ שווערען שמערצליכען צווייפעל...

— אַן אַנדער מענש... אַן אַנדער וואַסערמאַן... און ווען ניט, פלאָרא? האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין ברוסט ווי אַ האַרצענגעשריי, ווי אַ טיעפער וועהטאָג זיין ביטערער צווייפעל... — ווען איך בין ניט דער־זעלבער... דערזעלבער וואַסערמאַן?...

— וויל איך אַז איהר זאָלט ווערען אַן אַנדער מענש... אַן אַנדער וואַסערמאַן און דאָס האָט מיך אָהער צו אייך געבראַכט, — דער געדאַנק איז איהר געקומען אין קאָפּ אויף דער שטעלע און האָט זי דערפרעהט, אַזוי ווי ער וואָלט איהר אַליין ערקלעהרט איהר באַזוך, און רעכטפערטיגט און פאַרענטפערט אַלעס אין איהר אויפפיהרונג. אַ זיסער געהיימניספולער שמייכעל האָט באַלויכטען איהר פּנים.

וואַסערמאַן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער און האָט טיעף אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איהר ווילט עס? כאַ, כאַ, כאַ! אַן אַנדער מענש... אַן אַנדער וואַסערמאַן? כאַ, כאַ, כאַ! איך וויל עס אויך... אַך מיין גאָט! ווען דאָס זאָל מעגליך זיין, ווען דאָס זאָל מעגליך זיין, פלאָרא! גלויבט איהר, אַז איך קען ווירקליך ווערען אַן אַנדער מענש, אַן אַנדערער וואַסערמאַן? — האָט זיך אַזוי ווי געבעטען וואַסערמאַן, ברעכענדיג פאַרצווייפעלט די הענט...

— יא, איך גלויב ! איך גלויב ! — האָט זי געטופּעט מיט די פיס.— און ווען איך זאָל ניט גלויבען וואָלט איך ניט געקומען צו אייך... — האָט זי איהם, ווי געטרייסט.

— זאָגט־זשע מיר, פלאָרא, וואָרום האָט מיך דער ערפאָלג אזוי טרויעריג געמאַכט... אַזוי טרויעריג? — האָט איהר נאָך אַ קורצער פּויזע געפרעגט וואסערמאַן און אין זיין שטימע האָבען געציטערט דערשטיקטע טרעהרען.

— טרויעריג? וואָרום טרויעריג? — האָט אויסגעשריען פלאָרא ווי אַ פאַרוואונדעטע און האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן ביים הארצען, ווי פון אַ שלעכטער בשורה.

— יא, טרויעריג, פלאָרא ! פריהער בין איך געווען צו אַלעם אין לעבען גלייכגילטיג, אַלעס וואָס מענשען פאַרגעטערען און פאַר עהרען. די שעהנסטע טרוימען זייערע און שטרעבונגען זיינען פאַר מיר געווען קליין, ווערטהלאָז, און הויפּטזעכליך לעכערליך, לעבערליך ביז צום עקעל. איצט אָבער, איז מיר טרויעריג, פלאָרא, טרויעריג ווי אַט דער זוהנענאונטערגאַנג דאָרטען... איהר זעהט? אַט האָט איהר דאָרט ליכט און גלאַנץ, אָבער עס איז ניט פון זוהנענאויפגאַנג... עס וואַרעמט ניט! מיר איז קאַלט, פלאָרא, שוידערליך קאַלט... דער ערפאָלג האָט אין מיר אַריינגעגאָסען ניט קיין פרייד, נאָר גיפט אין הארצען און אין די אָדערען. — און וואסערמאַן האָט זיך אַזוי ווי ערשעפּט אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן בענקעל און האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אין פענסטער...

די אוונד־דעמערונג האָט זיך שטילערהייט און ביסלעכווייז גע־גנב'עט אין צימער אריין. ביידע האָבען אַ ווײַלע אונהיימליך גע־שוויגען....

— פלאָרא! וואָס האָט איהר געטראַכט פון מיר אין דעם אָוונד אויף דעם באַל, ווען מייזעל איז מיך באַפאַלען און האָט געמאַכט יענע ענטדעקונגען? — האָט וואסערמאַן איהר געפרעגט מיט אַ פאַר־שטיקטע אַזוי ווי פון אונטער דער ערד געהענדער שטימע...

פלאָרא האָט געקוקט אויף די אָלפּען און האָט איהם ניט גע־ענטפערט.

— איהר שווייגט? איהר ווילט מיר ניט ענטפערען? כאַ, כאַ, כאַ!

— און וואָסערמאַן איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און האָט אָנגעהויבען צו מעסטען זיין צימער מיט ברייטע און האַסטיגע טריט.

— וואָס האָט איהר געטראַכט, פלאָרא? — האָט ער זי נאָך אַמאָל צודרינגליך געפרעגט...

— איך האָב איהם ניט געגלויבט! אַ וואָרט ניט געלויבט... —

— ניט געגלויבט? — האָט ער זי געפרעגט מיט אַ טאָן פון צווייפעל — איך האָב דאָך דאָס ניט נאָר ניט געלייקענט, נאָר באַשטעטיגט?...

— איהר פאַרלוימדעט זיך אַליין... דאָס איז אייער מאַניע... עס איז היינט אַזאַ מאָדע, — זי האָט זיך אָבער דערמאָהנט, אַז זי רעדט נאָך משה גלעקעל, אַז דאָס איז ניט איהר אייגענער געדאַנק, און זי האָט זיך פאַרשעהמט.

— פלאָרא! — האָט וואָסערמאַן אויסגערופען אין טיעפער דאַנקבאַרקייט און פאַרקלעמט איהרע ביידע הענט אין זיינע, אַזוינע וואַרימע און ווי סאַמעט גלאַטע הענט...

אַ ווייַלע האָבען זיי זיך אַזוי אָנגעקוקט מיט פלאַקערענדע אין דעם בין השמשות אויגען, אויגען, וואָס האָבען געלעכצט ווי שפּיזען און, ווי פּראַזשעקטאָרס טאַפּען די נאַכט-פינסטערקייט, געטאַפּט און געזוכט די באַהאַלטענע ווינקעלאַך פון יעדענס נשמה...

און די בליקען האָבען אַלעס אויסגעפינען... אַלעס פאַראַטען...

— האָט איהר מיך ווירקליך ליעב, פלאָרא? — האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען פון דער ברוסט ווי אַ שטילער קרעכץ...

אַ ווייַלע האָט זי געשוויגען און געלאָזט רעדען פאַר זיך איהרע אויגען...

— איהר זעהט דאָך... איך בין דאָך צו אייך געקומען... מיין גאָט! ווער וואָלט מיר געקענט זאָגען דאָן, אויף דער וועראַנדע פון „רויטען הירש", ווען איהר האָט מיך אַזוי טיעף באַליידיגט, אַז איך וועל קומען צו אייך? — האָ זיך אַרויסגעריסען פון איהר ברוסט ווי אַ וועה-געשריי און האָט זיך צובראָכען און צושאָטען אין דער אונהיימליכער אוועגד-דונקעלהייט.

פלאַרא האָט פאַרדעקט דעם פּנים מיט איהרע ווייסע און צאַרטע הענט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט מיט אַט די שעהנע, געטאָקטע פינגער איהרע, פאַרדעקען אַ שאַנדע, פאַרמאַכען די אויגען אויף איהר גע־קריינקטען שטאָלץ...

ווען ער האָט אַראָבגענומען פון איהר פּנים איהרע צאַרטע הענט האָט ער דערזעהן ווי טרעהרען פּערלען זיך אויף איהרע באַקען...

— וואָרום זשע וויינט איהר, פלאַרא? באַטראַכט איהר דאָס פאַר אַן אומגליק פאַר אייך? — האָט ער זי געפרעגט מיט'ן אָפּגעריסען האַרץ.

— זי האָט אויסגעריסען איהרע הענט פון זיינע און ווידער פאַר־דעקט מיט זיי דאָס פּנים.

— איך האָב מיך געגעבען אַ נדר ניט חתונה צו האָבען... צו בליי־בען טריי מיין בלינדען ברודער... בלייבען זיין אייביגע פיהרערין...

אה! — האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אַ קרעכץ פון אַ שווער־פאַרוואונדעטען. און דאַן האָט ער זיך גענומען זי טרייסטען:

— אה, וויינט ניט פלאַרא! איהר האָט מיר שוין פיעל געגעבען, מעהר וויפיעל איך בין ווערטה... אייער געזיכט, אייער געשטאַלט, האָב איך אויף קיין איינציגע מינוט פון די אויגען ניט פאַרלאָרען... ביי טאָג ווי ביי נאַכט... אַז איך האָב אין דער קורצער צייט יאָ וואָס געשאַפען, האָב איך עס נאָר אייך צו פאַרדאַנקען... נאָר איהר האָט מיך געקענט באַוועגען די לעצטע צייט צו אַרבייטען... דער ערפאָלג וואָס איך האָב איז אייערער....

זיין שטימע האָט זיך איבערגעריסען פון גרויסער אויפרעגונג. זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אין דער קריטיק, וואָס האָט איהר ערקלעהרט פאַר אַ געניאַלער אַקאָמפּאַניסטקע, וואָס רופט אַרויס טיעפע עמאַציעס, באַהאַלטענע נשמה אוצרות. זי האָט געמאַכט צום ווירטואָז איהר ברודער, איצט דעם שעהנעם מאַן וואָס שטעהט פאַר איהרע אויגען. זי האָט פון דעם סטודענט־פּעדלער געמאַכט אַ וויקטאָר מייער און אַ מענדעליעוו, איהר נשמה האָט געיובעלט פון שטאָלץ מיט'ן נייעם ווירטואָז...

— איז דאָס וואהר? — האָט זי אויסגעשריהען אין אַ ווילדער שטורמישער פרייד און האָט זיך אַליין דערשראָקען פון דעם אייגענעם

געשריי און איז אַנטשוויגען געוואָרען אויף אַ מאָמענט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו דעם ווידערקלאַנג פון דער פאַרשטאָרבענער שטימע, צו איהר גליק, וואָס האָט זיך צו איהר גע׳גנב׳עט און שטי־לערהייט געקראָכען צו איהר אין דער שטילער טונקעלהייט פון צימער... זי האָט זיך צוגעהערט אַ מאָמענט און דערנאָך זיך האַסטיג און שטורמיש אַרויפגעוואָרפען אויף זיין האַלז.

— אַה, דו שלעכטער מענש! וואָרום האָסטו מיר עס באַלד ניט געזאָגט? האָסטו יאָ געוואָלט, אַז איך זאָל קומען צו דיר?

וואַסערמאַן האָט זי אַ גליהענדע און פלאַטערענדע איינגעשלאָסען פעסט אין זיינע אָרימס און האָט אָנגעהויבען זי צו קושען, צו טרינקען דעם זאַפט, דעם זיסען ליעבעס־זאַפט פון איהרע הייסע ליפּען.

פּלוצים אָבער איז צווישען זיי, ווי אַ געשפּענסט, אויסגעוואַקסען דער בלינדער ברודער און אַ קוק געטהאָן אויף איהר מיט אַ טויטען פאַרוואורף פון זיינע פאַרגליווערטע אויגען...

פלאָרא האָט אויסגעשריהען, האָט זיך אויסגעריסען פון זיינע פעסטע אָרים און איז אַבגעשפּרונגען צו דער טיהר.

— ניין! ניין! ניט דאָס האָב איך געמיינט... איהר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען, — האָבען געשעפּטשעט איהרע ליפּען אין דער טונקעלהייט פון צימער.

— ניט דאָס? כאַ, כאַ, כאַ.... וואָס דען בלייבט, אַז נישט דאָס? כאַ, כאַ, כאַ....

און ער לאַכט ווי פריהער, ווי דער אַלטער וואַסערמאַן פלעגט לאַכען, ציניש און געל...

בררר!

אַ שוידער לויפט ווידער אויף איהר לייב פון דעם אַלטען צינישען געלעכטער...

די אילוזיאָן איז מיט אַמאָל אויסגעלאָשען און אין דער טונקעלהייט פון דעם שמוציגען צימער כאַפּט זי אָן אַ גרויל און אַ פּאַניק....

און ווען ער מאכט א באוועגונג זי צו כאפען ביי דער האנד שרייט זי אוים: ניט וואגען! ניט וואגען!

וואסערמאן איז פארגליווערט געווארען אויף זיין ארט, פלארא האט אנגעבויגען דעם קאפ און איז ארויס פון זיין צימער, ווי פון א שמוציגען ווערטעפ, לאזענדיג איהם אליין מיט זיין געלען געלעכטער. מיט זיין פארצווייפעלטען געלעכטער...

✧ ✧ ✧

שפּעט אין דער נאַכט.

זעקסטער קאַפּיטעל

צום ווינטער־סעמעסטער האָבן בײדע קאָלאָניעס צוגעקראָגן פּנים חדשות, נײַע געשטאַלטן. אײניגע פון זײ זײַנען געווען אַלטע סטודענטן, וואָס האָבן זיך יאָהרען־לאַנג געוואָלגערט אין הײדעל־בערג און אין אַנדערע דײַטשע אוניווערסיטעטן, האָבן דאָרטן שטו־דירט און אַוועקגעוואָרפן שטודירען, געוואָרען אין רוסלאַנד קרע־מערס און סוחרים, האָבן אַוועקגעוואָרפן מסחר און ווידער אָנגע־הויבן צו שטודירען. דאָס זײַנען געווען אַמאָליגע ישיבה־בחורים פון די יוצאי וואָלאָזשין און סלאָבאָדקע, אויך גאַליציאַנער און אונ־גאַרישע טיפּען, ישיבה־בחורים וואָס האָבן געהאַט סמיכות אויף רבנות, אָבער קײן אַטעסטאַט פון אַ גימנאַזיע. אין דײַטשלאַנד האָבן זײ דערפאַר ניט געקענט מאַכען דעם דאָקטאָר עקזאַמען און זײ זײַנען געקומען אין דער שווייץ.

דער טיפּ איז מעהרסטענטײלס געווען אַ באַווײַבטער... אין דער הײם איז געבליבען אַ פערציג יעהריגע פאַוועלקטע אידענע מיט קינדער, וואָס האָבן שוין אויך געקענט זײַן סטודענטען... עס איז געווען אַ טראַגישער טיפּ... דער טיפּ פון אַ בוים וועלכען דער אוראַגאַן פון דער שטורעם און דראַנג־פּעריאָדע האָט אויסגעריסען מיט די וואָרצלען פון איהר באָדען... אַ טיפּ פון אַן אײביגען ישיבה־בחור און אײביגען סטודענט... און צו וואָס האָבן זײ זיך געדאַרפט אײַלען מיט זײער שטודיום און זײערע דאָקטאָר־עקזאַמענס? וואָס האָט אויף זײ געוואַרט אין דער הײם, אין די שטעדט און שטעדטלאַך פון אידישען תחום־המושב? זײערע פאַמיליעס? זײערע פאַרוועלקטע אונגליקליכע ווײַבער, די פּשוט'ע כשר'ע, אידישע טעכטער, פון וועלכע זײ זײַנען אַוועק אַזוי ווײַט? די אוניווערסיטעט יאָהרען האָבן זײ אָבגעטײלט פון זײערע פאַמיליעס ווי אַן אָבגרונד, אויף וועלכע פיעלע האָבן זיך שוין מורא געהאַט אומצוקוקען...

צווישען די נײַע געשטאַלטען זײַנען געווען אויך פּאָעטען און ליטעראַטען, מענשען מיט לאַנגע האָהר און אויפגעדרעקטע, געווינקעלטע

שטערן, ליטעראַרישע נעמען און רעפּוטאַציעס, וואָס האָבן אַריינ־געטראָגן אין לעבן פון די קאָלאָניעס אַן אַטמאָספערע פון ראָמאַנ־טיזם אין די יונגע הערצער פון די יונגע סטודענטקעס זיסע און געשפּאַנטע האָפענונגען... עס האָבן זיך שנעל געשלאָסן באַקאַנט־שאַפטן, פון די באַקאַנטשאַפטן זיינען שנעל אויסגעוואַקסן אינטימע פריינדשאַפטן, עס האָבן זיך גענומען וועבן נייע ראָמאַנען און נייע טראַגעדיעס. באַזונדערס איז אין דעם ווינטער פאַרשטאַרקט גע־וואָרן גלעקעלס אַרמיי מיט נייע כחות און נייע טאַלאַנטן... משה האָט פאַרלאָרן אַלס אַ שטאַרקן פּאָלעמיזאַטאָר וואַסערמאַן. האָט אָבער ענטדעקט אַ נייע קראַפט אין דעם וואָלאָזשינער עילוי, וועמענס פּרצוף האָט ניט געהאַט קיין מינדעסטע ענליכקייט צו אַ אידישען... אַ הויכער, אַ רויטער, מיט קליינע, ווי צוויי אויסגעדרעלעוועטע לעכלאַך, אויגעלאַך און מיט אַ לאַנגען אויסגעצויגענעם פּנים — האָט ער אויס־געזעהן ווי אַן אמת'ער פּאָניע. און דער בחור האָט געקענט בעל פּה ש"ס, ספרא, תוספתא, ווי אויך לאַטיינישע און גריכישע קלאַסיקער. דער עילוי האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלען זכרון, וועלכער פלעגט ווי אַ שוואָם איינשלינגען אַלעס, וואָס זיינע אויגעלאַך האָבן בלויז דורכגעקוקט און עס באַהאַלטען אויף אייביג... צו דעם פענאָמאַלען זכרון איז צוגעקומען נאָך אַ מין יעזואיטיש תמ'וואַטע און ממזרי'יש צבוע'דיגע און שמן־זית'דיגע אויפפאַסונג פון זאכען און מענשען, אַ כיטרע צונאַנג צו זיי, אַ צוגאַנג מיט גע'גנב'עטע שפּיאָנסקע טריט, אַ צוגאַנג אויף די שפּיץ פינגער, אַזוי אַז מען זאָל איהם ניט באַמערקען... און מיט דעם צוגאַנג, מיט דער אויפפאַסונג האָט ער ענדעקט דאָס ווידערשפּרעכענדע, לעכערליכע און נאַרישע ביי מענשען און אין אידען. זיי כאַפּען, ווי מען כאַפּט ביי דער האַנד. און ווען ער פלעגט זיך מעלדען צום וואָרט, ווען דער לאַנגער סטעלעוואַטער בעק מיט'ן פּרצוף פון אַ פּאָניע פלעגט זיך אויפהויבען און זיך נעהמען ריידען ווי אַ תם, ניט זעלטען מיט דער מינע פון אַן כלומרשט־דיגען אידיאָט, ריידען מיט אַן אַלטען אָרטהאָדאָקסישען שימעל, וואָס פלעגט אַרויסרופען כסדר אַ הילכיגען געלעכטער, באַליידיגונגען און שפּאָט, פלעגט דער עילוי ניט נתפּעל ווערען און זיך ניט לאָזען שטערען. צום סוף אָבער פון זיין רעדע איז שוין זיין אָפּאָנענט געווען

דער אידיאָט און ניט ער... דער תם פלעגט ענטדעקען ערגעץ וואו זיין לעבערליכקייט און איהם פאַרניכטען מיט זיין תמ'עוואַטע באַמערקונג, אַ באַמערקונג, וואָס פלעגט טרעפען, ווי אַ גיפטיגע פייל, און טויטען אויפן אָרט...

נאָך אָריגינעלער איז געווען דער צווייטער באַכמוטסקי, דאָס קלענערע ברודערל, וועלכער איז געווען דער היפך פון ברודער ניט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיג. אַ קליינער, אַ חלוש מיט אַ פויגעלשער נאָז און דערצו נאָך אַ גרויסער יאַבעדנער גייסט. אונטער'ן פּען נאָמען כלב בן יפונה האָט ער באַלד זיך גענומען שרייבען קאָרעספּאָנדענציעס אין לשון קודש'דיגע און רוסישע צייטונגען און פאַרלוימדען אין די קאָרעספּאָנדענציעסביידע קאַלאַניעס. די קאָרעספּאָנדענציעס האָבען אַרויסגערופען אַ טומעל, אַן עמפּפערונג, דער פּסעוודאָנים אָבער איז געבליבען לאַנג אונענטדעקט... אין דעם זעלבען יאַבעדנע דענאַנציערענדען סטיל האָט דערזעלבער כלב בן יפונה זיך גענומען שרייבען רעפּעראַטען פאַר משה'ן און פּאַלעמיזירען, פּאָלעמיזירען מיט די אייגענע צוויי שוועסטער און זיך דראַפּען מיט זיי ביז צום בלוט.

די ברידער און שוועסטער באַכמוטסקים האָבען געלעבט צוטיילט זיינען ניט געגאַנגען איינער צום צווייטען, האָבען זיך פאַרהאַלטען צווישען זיך, ווי פרעמדע און אומבאַקאַנטע, און זיינען געקומען אין קאָנטאַקט בלויז אין די דעבאַטען און שלאַכטען צווישען באַרג און טהאַל...

די דיאַלעקטישע טורנירען צווישען די ברידערלאַך און די שוועסטערלאַך, זיינען געווען באַגלייט מיט עקסקורסיעס אין די ביאָגראַפיעס פון די דעבאַטאַנטען און פאַמיליען-געשיכטע, מיט זכרונות פון די קינדער-יאָהרען. אַ מאָל פלעגט ציפּקע אָנהויבען איהר ויכוח מיט איהר עלטערען ברודער, ווי אַזוי ער פלעגט ליעב האָבען קאָמפּאָט און איהם אַרוים'גנב'ענען פון דער קאַמער, ווי אַזוי די מאַמע האָט איהם איינמאָל געבאַפט און געשמיסען. אַ צווייטען מאָל דערציהלען אַ קאָמישען עפּיזאָד איבער'ן יונגערען ברודער. די ברידערלאַך האָבען זיי געצאַהלט מיט דערזעלבער מטבע און אַזוי פלעגען זיי זיך געגענזייטיג בייז אויסלאַכען, בייסען און דראַפּען ווי קעץ, ווי זיי פלעגען עס וואַרשיינליך טהאָן אין זייערע קינדער-יאָהרען. און אויף אַזאַ

אופן באַלעבען די דעבאַטען צווישען בארג און טהאַל מיט'ן הומאָר פון קינדער זכרונות און מיט פאָלקלאָר.

— —

אין טאהל זיינען כמעט אַלע געווען „ריינע פילאָסאָפען", אידישע ליטעראַטען, מענשען שוין מיט נעמען אין דער העברעאישער ליטע־ראַטור און צו דער צייט, ווען יעדער פון די אינגערע האָט נאָך גע־בלאַנדזשעט פון פאַקולטעט אין פאַקולטעט און האָט נאָך ניט גע־וואוסט, וואו און אויף וועלכען געביט ער קען און וועט גרויס ווערען — גרויס ווערען האָט יעדער געמוזט — זיינען אָט די אַלטע ישיבה־בחורים שוין געגאַנגען זייער באַשטימטען וועג אין לעבען: ווער עס האָט געשריבען אַ בוך איבער קאַנט'ן און ווער איבער שפּינאָזאַ'ן... עטוואָס וויכטיגעס און אונשטערבליכעס האָט יעדערער געשריבען, ווער סקיצען און ווער שירים און ווער עס האָט ערשט איינגעטונקט די פעדער און האָט זיך ערשט געקליבען שרייבען...

אַלעס צוזאַמען האָט געמאַכט דאָס לעבען אין דער קאָלאָניע אין דעם ווינטער־סעמעסטער זעהר רוישיג, אינטערעסאַנט און פאַר יעדען געשפּאַנט... אין דעם ווינטער זיינען פאָרגעקומען, אַ סך נייע רעפעראַטען מיט נייע שטאַנדפּונקטען, גרויסע דעבאַטען מיט היציגע דיסקוסיאָנען....

דאָקטאָר לאָווקאַטש, דער אָפּגאָט פון אַלע מיידלאַך, האָט אין דעם ווינטער באַקומען געפערליכע קאָנקורענטען און האָט אָנגעוואָרען אַ ביסעל זיין גלאַנץ... דער ציוניזם איז סתם איבערגעגאַנגען פון פאַר־טיידיגונג צו אָנגריף און האָט שוין געוואַגט שטאַרק אָנצוגרייפען די סאָציאַליסטען...

דער יום טוב איז איצט געווען אויף גלעקעלס גאַס... ער האָט געליפערט אַ גאַנצע רייהע פון נייע שלאַכטען און דאָקטאָר לאָווקאַטש איז שוין ניט געווען דער זיגער ווי כסדר... משה גלעקעל האָט אַרויס־געשטעלט שאַרפערע און שטאַרקערע רעדנער פון איהם און לאָווקאַטש פלעגט שוין אַוועק פון אַ דעבאַטע מיט ריסוק אברים, ווי מען זאָגט, אַז אויסגעלאַכטער און צושמעטערטער...

אַבער אויסגעלאַכט צו ווערען אין אַ דעבאַטע איז געווען אַ גע־פעהרליכע זאַך, אַ לעבעדיגער טויט ביי די מיידלאַך אין די אויגען...

זייער סימפּאַטיע האָט נאָר געקענט זיין אויף דער זייט פון דעם זיעגער...

יאַ, לאַווקאַטש איז אַ ביסעל אַרונטער פון זיין הויכען פּעדעסטאַל, צו וועלכען די סטודענטקעס פלעגען אַרויפקוקען, ווי צו אַ גאָט, מיט באַוואונדערונג און ליעבע... די קאָלאָניע האָט זיך געשאָפען נייע געטער...

ווייטער איז אין דעם ווינטער־סעמעסטער געווען אַ גערעטעניש אויף דאָקטוירים. פיעלע אַלטע סטודענטען, וואָס מען האָט זיך שוין אויף זיי ניט גערעכט, אַז זיי וועלען אַמאָל ענדיגען, האָבען געזאַמעלט זייערע כחות און געענדיגט און באַקומען די טיטול „דאָקטאָר פילאָסאָפיע" און נאָך מיט אַן אויסצייכנונג, מיט „מאַקסימום קום לאַאודע", ווי מען זאָגט אויף דער אוניווערסיטעט־שפּראַך...

דער ערשטער איז געווען מהפך פשטא... זיין דיסערטאַציע איז טאַקע געווען אָט די אָבהאַנדלונג איבער דעם טראָפּ פון דער תורה... אַ גליקליכע אידעע דאָס איז געווען!... און אַזוי האָט מען איהם טאַקע געשטעמפּעלט: דאָקטאָר מהפך פשטא...

אָר, ווי שטאָלץ איז געווען מיט איהם די קליינע סמאָרגאָנער מעדיקערין! דאָס האָט זי געמאַכט פון איהם דעם דאָקטאָר... איצט האָט איהר שוין ניט באַנג געטהאָן וואָס ער איז ניט קיין נאַטור־פאָרשער, גלייך ווי זי... זאָל ער זיך געהן מיט זיין וועג און זי מיט איהרען... ביי נאַכט פלעגען זיי זיך צוזאַמענקומען און דערצעהלען איינם דעם צווייטען די פּאַסירונגען פון טאָג...

יאַ, מהפך פשטא איז געוואָרען אַ דאָקטאָר און האָט זיך געקליבען אוועקזעצען זיך שרייבען: „די פּסיכאָלאָגיע פון אידישען פאָלק"... דער אַפּטייקער, דער טאַטע פון דער סמאָרגאָנער סטודענטקע, האָט ער דערפיהלט פון ווייטענס, ער האָט עס אויסגעלייענט פון צווישען די שורות פון איהרע בריעף און האָט אָנגעהויבען פון זיך אַליין שיקען 35 רובל אַ חודש... און דאַן האָבען זיי זיך ביידע באַזעצט אין איין צימער, ערגעץ אין אונטערשטען טייל פון דער שטאָדט, ווייט פון דער קאָלאָניע און נעהענטער צום הימעל, דאָס הייסט אין אַ מאַנסאַרדע, האָבען געלעבט ביידע אויף די 35 רובל אַ חודש — די 15 פראַנק,

וואס ער פלעגט קריגען אלס סטיפענדיע פון פראנקפורטער רויטשילד, האט ער פארלארען.

דער צווייטער איז געווען נאטירליך, מייזעל. זיין דיסערטאציע איז געווען עפעס גאר א גרויסארטיגע, אלא מען, אין סטיל און אין אינהאלט. דער בחור האט זיך אין דער אמת'ן איינגערעדט, אז ער איז דער אידישער טען. ער האט באלד אפגעדרוקט וויזיט־קארטען „דאקטאר דער פילאסאפיע מאזעס מייזעל" און האט יעדען פון זיינע באקאנטע געגעבען א „קארטעטשקע". דאקטאר מייזעל האט אבער ניט געהאט קיין פריינדין, וועלכע זאל מיט איהם שטאלצירען. ער האט זיך אין גאנצען געהאלטען ווייט פון „די ווייבער" ווי ער פלעגט זאגען מיט פאראכטונג... אה, ער האט געוואוסט זיין וועג אין לעבען!... ער האט געהאט א פעסטעס פראגראם: צוערשט איינפיהרען א נייעם שטאנד־פונקט אין דער אידישער פובליציסטיק און דערנאך קריגען א רייכע כלה...

אזוי שנעל ווי ער האט געענדיגט דאקטאר דער פילאסאפיע, האט ער באלד אבגעדרוקט אין דעם „פראנקפורטער איזראאיליטישען פא־מיליענבלאט" אן אנאנסע בזה הלשון:

„א יונגער דאקטאר דער פילאסאפיע, פאר דרייסיג, העכסט ליטעראריש באגאבט און גייסטרייך, מיט א שטרענגער אידיש־נאציא־נאליסטישער וועלט־אנשויאונג, אבער מעהר אדער ווייניגער פריי־זיניג געזאנען... א מאן מיט א נאמען אין דער העברעאישער ליטע־ראטור און אין דער אידישער וועלט און מיט די רייכסטע אויסזיכטען און אנלאגען צו ערווערבען זיך אין דער וועלט אן עהרענהאפטע און לייטענדע שטעלונג, זוכט די באקאנטשאפט פון איינער פארמעגענדען — מיט איינעם פארמעגען ניט אונטער 1000000 מארק — און אינטע־לעקטועלער דאמע אין די דרייסיג יאהרען — וויטווע מיט קינדער ניט אויסגעשלאסען. צוועקס הייראט... איינע, נאציאנאל־רעליגיעזע וועלט אנשויאונג איזט זעהר ווינשענסווערטה, אבער ניט אונבאדינגט נויטיג. פאטאגראפיען און אנטרעגע ערזוכט נאר פון די יעניגע, וועלכע שטרעבען די לעבענס־באגלייטערין פון אזא צוקונפטסרייכען און פיעל פארשפרעכענדען אידישען שריפטשטעלערס און געזעל־שאפטס־פיהרערס צו זיין. שטרענגע דיסקרעציאן פערשפראכען".

די מורעה האָט ער געלאָזט דרוקען עטליכע מאָל און האָט זיך געזעצט וואַרטען אויף פאָטאָגראַפיעס מיט אַנטרעגע.

ווייטער האָט איהם גערעדט אַ שידוך משה גלעקעל, אַ שידוך עפּעס מיט אַן אלמנה פון קעניגסבערג, וואָס האָט בעדאַרפט ירשנ'ען אַ מיליאָן מאַרק. די אלמנה איז געווען קרוב צו די פופציגער, איז געווען פריהער אַ דייטשען ראַבינערס אַ ווייב, האָט שוין אפילו גע־האַט אַ זוהן אַ סטודענט אין בערלין... מייזעל אָבער האָט געהייסען ריידען...

אזוי האָט מייזעל געוואַרט אויף אַ רייכען שידוך. דערווייל אָבער האָט ער אויך איינגעטונקט די פען און האָט זיך געזעצט שרייבען, ניט מעהר און ניט וועניגער... ווי זיין אייגענע ביאָגראַפיע.

געמאַכט האָבען דעם ווינטער דעם „דאָקטאָר" נאָך אַ פּאָר בוי־מייסטער, אמת'ע בוימייסטער פון אידישען לעבען, וואָס זיינען באַלד אוועקגעפאָהרען קיין ארץ ישראל בויען אויף־ס'ניי דעם שיקזאַל פון אידישען פאָלק.

פלענער מיט פּראָיעקטען האָט זיי מיטגעגעבען געוועהנליך משה, וועלכער האָט געמאַכט אַ ציוניסטישען באַל, האָט זיך נאָך דערצו אַ ביסעל פערבאָרגט, וואו נאָר ער האָט געקענט, און האָט זיי געגעבען אויף הוצאות...

דאָס געזעגענען זיך איז פאָרגעקומען זעהר פייערליך און ריהרענד. משה מיט זיין שטאַב האָט זיי באַגלייט ביז באַזעל און אז ער איז געקומען צוריק, איז ער געווען עטליכע טעג שטאַרק אומעטיג און ניעדערשלאָגען... ער אַליין האָט פייערליך געשוואָרען צו קומען באַלד צו זיי מיט די רגלים... ניט אַנדערש... און האָט זיי אָנגעזאָגט טויזענ־דער מאָל, אַז זיי זאָלען איהם שרייבען און פריהער מיט איהם זיך באַראַטהען וועגען יעדען שריט און וועגען יעדען בנין. אַלס פּראַקטישער כלל־טהוער קען ער, גאָט צו דאַנקען, געבען אַן עצה.

די גרעסטע איבערראַשונג פאַר דער קאָלאָניע און די לענגסטע געשפּרעך טהעמא איז אָבער ווידער געווען וואַסערמאַן.

וואַסערמאַן האָט געמאַכט זיין דאָקטאָר, נאָך צום סוף פון דעם זומער־סעמעסטער, מיט „מאַקסימום קום לאַאודע", ער איז אָבער באַלד

פאַרשוואונדענע געוואָרען, באַלד ווי די סאָלאָווייטשיקעס זיינען פאַר־שוואונדען געוואָרען פון האָריזאָנט פון דער קאָלאָניע.

טאַפּף איז געבליבען אין בערן, מען פלעגט אָבער זעהר זעלטען ערגעץ־וואו איהם זעהן. ער האָט זיך באַלד אַרויסגעקליבען פון רייכען אַלפּען־האָטעל, אָבוואָהל וואַסערמאַן האָט באַצאָהלט דעם האָטעל פאַר עטליכע חדשים. טאַפּף האָט ניט געקענט לעבען אין אַ זויבערען צימער. ער האָט זיך דערפאַר ווידער אַריינגעקליבען צו דער אַלטער בעל־הבית׳טע, האָט ווידער געוויישט אַ גלאָז מיט אַ נאָז־טיכעל אָדער מיט אַ זאָק, אָדער ווידער געקאָכט זיין רייז און קאָמפּאָנירט און דיריזשירט דערביי זעהר עלעגיש...

און ווער עס האָט זיך צוגעהערט צו זיינע אומעטיגע קאָמפּאָ־זיציעס האָט געקענט לייכט פאַרשטעהן, אַז גליקליך איז אָט דער טאַפּף ניט, אָבוואָהל וואַסערמאַן האָט איהם מאָנאַטליך געשיקט געלד, אַז ער זאָל קענען לעבען ווי אַ מענש און ניט דאַרפען קאָכען קיין רייז.

אַז מען פלעגט איהם פרעגען וואו איז וואַסערמאַן און וואו זיינען די סאָלאָווייטשיקעס, פלעגט ער ענטפערען מיט כעס: „איך וויים ניט!“...

אַזוי האָט קיינער ניט געוואוסט, וואו איזווירקליך וואַסערמאַן.

אייניגע האָבען געזאָגט, אַז ער האָט ערגעץ חתונה געהאַט מיט דער פּיאַניסטקע סאָלאָווייטשיק און ביידע מאַכען איצט אַ האָכצייטס־רייזע, די אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז וואַסערמאַן איז געוואָרען די־רעקטאָר פון דער כעמישער פאַבריק „דיראַן עט קאָמפּאַני“ אין פּאַריז.

אַזוי שנעל ווי דער פריהלינג־סעמעסטער האָט זיך אָנגעהויבען, איז וואַסערמאַן געקומען צוריק קיין בערן, און אָבגעשטיגען אין דעם זעלבען אַלפּען־האָטעל, האָט צו זיך געשיקט רופען טאַפּף׳ן און אין עטליכע טעג אַרום איז געוואָרען באַקאַנט, אַז וואַסערמאַן איז באַ־שטימט געוואָרען אַלס פּריוואַט־דאָצענט פון כעמיע.

זיין אייגטריטס־לעקציע אין דער גרויסער אַקטענזאַל, אין „אַוילאַ מאַגנאַ“ פון דער אוניווערסיטעט האָט געטראָגען דעם נאָמען „כעמי און נאַטור פילאָסאָפיע“ און דער נאָמען האָט צוזאַמענגערופען ניט נאָר די גאַנצע קאָלאָניע און אַלע פּראָפעסאָרען, נאָר אויך פאַרטרעטער

פון דער ליטעראַטור און דער פּרעסע און די שווייצאַרישע אינטע־ליגענץ פון שטאָדט.

די איינטריטס־לעקציע איז פאָרגעקומען אַ זייגער 8 אין אָווענד. וואַסערמאַן האָט באַשטיגען די קאַטעדרע מיט לאַנגזאַמע און רוהיגע טריט אַהן אַ מינדעסטער אויפרעגונג. אַזוי ווי ער וואָלט פון דער קאַטעדרע שוין יאָהרען־לאַנג געלערענט... אַ ווײַלע האָט ער זיך אַרומ־געקוקט איבער די פּענסנע, אַזוי ווי ער זאָל עמיצען זוכען צווישען דעם פּיעלקעפּיגען עולם.

ער האָט אָנגעהויבען זיין איינטריטס־לעקציע שטיל און קאַלט מיט אַ רוהיגער און געלאַסענער שטימע, וועלכע איז אָבער געוואַקסען אַלץ שטאַרקער און העכער און האָט באַלד אָנגעהויבען טראָגען זיך איבער דעם גרויסען זאַל און קלינגען מיט דעם טיעפען ערנסט און איבערצייגונג פון אַ נייער לעהרע.

און ווירקליך איז דאָס געווען אַ נייע לעהרע פון אַטאָם און ענערגיע, אַ נייע נאַטור פילאָסאָפיע.

באַלד האָט די קאָלאָניע באַמערקט, אַז פאַר איהר שטעהט שוין אַ נייער מענש, אַ נייער וואַסערמאַן, אַז דער אַלטער וואַסערמאַן, דער בן הרב און ישיבה־בחור, דער סאַטיר און פּאַיאַץ, זיינען פער־שוואונדען אויף אייביג. די קאָלאָניע האָט דערזעהן פאַר זיך אַ ראַ־פינירטען דזשענטעלמאַן אין אַ שוואַרצען עלעגאַנטען גהע־ראָק, מיט רוהיגע און געלאַסענע מאַניערען און פרייע באַוועגונגען. אַזוי פריי און אונגעצוואונגען פיהלען זיך נאָר מענשען, וועלכע האָבען שוין הינטער זייערע פּלייצעס דעם ערפאָלג און דעם גלויבען אין די אייגענע קרעפטען.

און אויב אַלע האָבען נאָכגעפאָלגט זיינע בליצאַרטיגע געדאַנקען מיט איבעראַשונג און באַוואונדערונג, איז געווען אין זאַל אַ פּערזאָן, וועלכע האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם און אַ קלאַ־פּענד הארץ פון אַ מענשען, וועלכער שטעהט און בעאָבאַכטעט, ווי דאָס טייערסטע פון זיין לעבען באַלאַנסירט אין דער הויך אויף אַ שטריק. אַ פאַלשער טראַט, אַ לייכטער ציטער — און ער פאַלט אַרונ־טער און ווערט צושמעטערט!...

דאָס איז געווען פלאָרא.

זי איז געזעסען גאַנץ אונטען אין אַ ווינקעלע, אונבאַמערקט פון קיינעם און געציטערט, אַז דער אַלטער וואַסערמאַן, דער פּאַיאַץ, זאָל ניט לעבעדיג ווערען און זאָל ניט, ווי דאַן אין בערנקעלער, אראָפּ־שליידערען פון דער הויך דעם ניי־געבוירענעם וואַסערמאַן און זאָל איהם ניט צושמעטערען...

אָט האָט ער שוין אָבער געענדיגט!... גאָט זיי דאַנק! דער פּחד, דער טוידט־שרעק איז פאַרביי און זי אָטעמט אָפּ שווער און באַ־פרייט... לאַנגע און שטורמישע אָוואַציעס באַגלייטען די איינטריטס־לעקציע. דער יונגער פּריוואַט־דאָצענט איז ענטוזיאַסטיש באַגריסט געוואָרען פון עולם און דער גאַנצער קאָלעגיום פון פּראָפעסאָרען דריקען איהם וואַרעם די האַנט און דער רעקטאָר באַשטייגט נאָך איהר די קאַטעדרע און גראַטולירט דעם יונגען געלערענטען און צו־גלייך די אוניווערזיטעט מיט דער נייער ערוואָרבענער קראַפט...

אַז וואַסערמאַן האָט גענומען פאַרלאָזען דעם זאַל האָט זיך פון פּובליקום אונערוואַרטעט אַרויסגעוויזען פלאָרא און האָט איהם דער־לאַנגט די האַנט.

וואַסערמאַן איז געבליבען שטעהן און האָט אויפגעציטערט. ער האָט די שטראַהלענדע און גליקליכע פלאָראַ׳ן באַטראַכט אַ ווייל־ע מיט איבערראַשונג. ער האָט זי אָבער באַלד געכאַפּט אונטער דער האַנט און מיט איהר שנעל פאַרלאָזען די אוניווערזיטעט.

די קאָלאָניע האָט דאָס באַמערקט און לאַנג און פיעל דעריבער גערעדט...

.2

קורץ נאָכדעם ווי וואַסערמאַן איז געוואָרען פּריוואַט־דאָצענט פון כעמיע איז אין לייפּציג אַרויס זיינס אַ ווערק אונטער דעם זעלבען טיטעל ווי זיין איינטריטס־לעקציע: „כעמיע און נאַטור פילאָזאָפיע“.

דאָס בוך איז געווען געווידמעט דער בעריהמטער פּיאַניסטין פלאָרא סאָלאָווייטשיק און האָט געבראַכט אַן איבערראַשונג צו אַלע פילאָסאָפען.

די קאַלאָניע האָט ערוואַרטעט, אַז וואַסערמאַן זאָל באַלד קריגן אַן איינלאַדונג פון איינעם פון די שווייצאַרישע אוניווערזיטעטן אַלס פּראָפעסאָר. פלאָראַ איז געווען אין גענף און ווען זי האָט זיך דער־וואוסט, דאס וואַסערמאַן האָט איהר געווידמעט זיין ווערק, האָט זי טעלעגראַפיש ווארעם געדאַנקט דעם מחבר און האָט אויסגעדריקט איהר וואונש איהם צו זעהן...

וואַסערמאַן איז געפאָהרען קיין גענף און זיך צוריקגעקעהרט מיט פלאָראַ׳ן אַלס זיין געזעצליכע פרוי און האָט אויך מיט געבראַכט איהר ברודער.

זיי האָבען געדונגען א שעהן הויז אַנטקעגען דער לאַבאָראַטאָריע וואו וואַסערמאַן האָט געאַרבייט, און האָבען זיך דאָרטען רייך און געשמאַקפול איינגעאָרדענט.

נאַטירליך, האָט זיך דער בלינדער סאָלאָווייטשיק אויך באַזעצט מיט זיי. זיין שוואַכעם געזונד איז פון זיין אייביגען נע־ונד־זיין נאָך שוואַכער געוואָרען און דאָקטוירים האָבען איהם פאַרגעשריבען פאָל־שטענדיגע רוהע פאַר א לענגערער צייט.

טאַפּ איז געבליבען וואַסערמאַנ׳ס קעסט־קינד... אַזוי האָט פאַר־לאַנגט פלאָראַ, און וואַסערמאַן האָט איהר געדאַנקט דערפאַר. מען האָט איהם געגעבען אַן אויבערשטע אָפּגעטיילט צימער און פאָלשטענ־דיגע פרייהייט צו לעבען ווי ער וויל, אפילו צו קאָכען רייז...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די וואַסערמאַנס האָבען געלעבט איינזאַם, צוריקגעצויגען און אַזוי ווי איזאָלירט פון דער גאַנצער קאָלאָניע.

וואַסערמאַנ׳ס שנעלער און גרויסער ערפאָלג, דער שפּרונג פון א פעדלער צו א רייכען ערפינדער און פּריוואַט־דאָצענט האָט געשאַ־פען א הויכען באַריער צווישען איהם און דער קאָלאָניע...

נאָר איין משה גלעקעל איז אַריבערגעשפּרונגען איבער דעם הויכען באַריער. ער איז ביי זיי געוואָרען א גאַנצען בן־בית, פלעגט אָפט און האַסטיג אַריינלויפען צו זיי אין שטוב מיט „א נייער, שפּאָגעל־נייער אידעע״, מאַכען עטליכע טויזענד האַסטיגע, ברייטע טריט איבער זייער גרויסען עס־צימער, אָפּעסען א גוטען מיטאָג אָדער וועטשערע,

זעהר אפט כאפּען ביי פלאראַ׳ן א גמילת חסד׳ל מיט דער באמערקונג: „לייהט מיר אזוי פיעל און אזוי פיעל, וועל איך אייך שולדיג זיין אזוי פיעל און אזוי פיעל״ — און דאן האסטיג פארשווינדען... איבעריגענס פלעגט ער איצט אט די „שפּאגעל נייע און קאלאסאלע אידעען״ אויס־שיטען נאר פאר איהר און פאר׳ן בלינדען ברודער. וואסערמאן איז תמיד געווען באשעפטיגט מיט זיין כעמיע, האט מעהר פארבראכט אין לאבאראטאריע ווי אין דערהיים און האט זיך אפילו פון גלעקל׳עך און טאפּפּ׳ן דערווייטערט, זיך אפּגעצאמט פון זיך מיט א מחיצה פון א שווייגענדער און קאלטער האלטונג...

וואסערמאן דער סאטיר און דער אייביגער שפּאספּויגעל איז אנטשוויגען געווארען ניט נאר פאר זיינע חברים, נאר אפילו פאר פלאראַ׳ן און איהר ברודער, וועלכער האט איהם אנטקעגענגבראכט דעם גרעסטען רעספּעקט און פארעהרונג.

דער תמיד־אייפערזיכטיגער ברודער איז געווען דער ערשטער, וואס האט אנגעהויבען ריידען מיט דער שוועסטער פון א שידוך, אזוי שנעל ווי ער האט דערפיהלט און אנגעטאפּט איהר אינטערעס צו וואסערמאנ׳ען און האט אזוי לאנג גערעדט איבער איהר, ביז ער האט דעם שידוך דורכגעפיהרט...

יא, וואסערמאן איז אזוי ווי אנטשוויגען געווארען אפילו פאר פלאראַ׳ן. ער האט זיך אינגאנצען געענדערט אינערליך ווי אוי־סערליך, האט ער איצט אויסגעזעהען גאנץ אנדערש, ווי א נייער מענש, ווי א פרעמדער...

פון זיינע אויגען האט איצט ארויסגעקוקט א טיפער, פארבארגענער אומעט, עפּעס אזוינס ציטערענדעס און אונרוהיגעס, און האט געמאכט דעם איינדרוק פון א טיעף־פארבארגענעם סוד, און א פחד, אז דער סוד זאל ניט דערוואוסט ווערען; פון א וועהטאג, וואס איז טיעף בעהאלטען און טליהעט אין דער נשמה ווי א געפעהרליך פארבארגענע קראנקהייט...

אפילו זיין קול איז געווארען שטילער. און איבערהויפּט האט ער זעלטען און ווייניג גערעדט, אבער פיעל, זעהר פיעל, געארבייט אין דער לאבאראטאריע, ביז אין דער שפּעטער נאכט אריין...

פלאראַ׳ן האָט די ענדערונג אין זיין גאַנצען וועזען ניט איבער־ראשט און ניט געשראָקען, און נאָך וועניגער געערגערט.

פאַרקעהרט, זי האָט עס שטילערהייד באַגריסט און געשפּאַנט נאָכגעפאָלגט, ווי אַ דאָקטאָר פאָלגט נאָך דעם לאַנגזאַמען אָבער זיכערען היילונגס־פּראָצעס פון אַ געפעהרליכען חולה.

און איז ער דען ניט געקומען צו איהר, ווי אַ געפעהרליכער און פאַרצווייפעלטער חולה? האָט ער דען ניט שטעהענדיג אויף די קניה, זי געבעטען און געוויינט איהם צו העלפען ווערען אַ נייער מענש, אַ נייער וואַסערמאַן?

און האָט זי דען ניט מיט איהם חתונה געהאַט אויף אָט דעם תנאי?...

יעדער שריט פון דעם היילונגס־פּראָצעס האָט איהר דערפאַר דער־פרעהט, ווי אַ זיעג, ווי דער זיעג פון איהר היילונגס־קונסט... און מיט דעם זיעג איז געוואַקסען איהר ליעבע צו איהם, ווייל ער, דער נייער וואַסערמאַן, איז געווען דער פּראָדוקט פון איהר ליעבע, דאָס נייע מוסטערווערק פון דער פּיאַניסטקע, וועלכע האָט מיט איהר אַקאָמפּאַנימענט געקענט מאַכען איהר ברודער פאַר אַ גרויסען און וועלט־באַריהמטען פידעל־שפּילער... איצט האָט זי איהם אַקאָמפּאַ־נירט... זיין רייכען שאַפונגס־גייסט... איצט איז איהר אויפגאַבע געווען צו מאַכען פון דעם אַלטען וואַסערמאַן אַ וועלט־באַריהמטען בעמיקער און נאַטור־פילאָסאָף... איהר אַמביציע איז געווען ניט קיין קלענערע, ווי איהם צו ערהויבען צום אָרדענטליכען פּראָפעסאָר פון בערלינער אוניווערזיטעט...

אָבער כדי דעם פּראָצעס ניט צו שטערען, האָט זי זיך אַוועקגע־שטעלט ווי אַן אַ זייט און האָט איהם פאַרפאָלגט פון ווייטענס, ניט נור מיט דער גאַנצער פיבערישער שפּאַנונג פון אַ טיעף־ליעבענדער פרוי, נאָר פון אַ מאָלער, וואָס שטעלט זיך פון ווייטענס און קוקט אויף זיין נייע־קונסטווערק. און אַזוי האָבען זיי ביידע שטיל געלעבט, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך ביידע טיעף פאַרטראַכט, אָדער זאָלען זיין פאַרגאַפט איבער אַ טיעפען אינערליכען זעעלען־לעבען... יעדער איי־נער פון זיי איז אַזוי ווי געגאַנגען איינער נעבען אַנדערען מיט שטילע

און פארזיכטיגע טריט, אזוי ווי זיי וואלטען מורא געהאט איינער דעם אנדערען צו שטערען, צו איבעררייסען איינער דעם צווייטענס געדאנקען, דאס געוועב פון אינערליכען זעעלע־לעבען.

פלארא פלעגט אפילו זעלטען געהן שפאצירען מיט איהר מאן. מען פלעגט זי אפט באגעגענען אויף דעם שפאצירגאנג, אדער אונטער'ן ארעם מיט איהר בלינדען ברודער, אדער אין דער באגלייטונג פון טאפפ'ן... אין לעצטען פאל זיינען זיי זעלטען געגאנגען איינס נעבען אנדערען. טאפפ האט ניט געקאנט געהן צוזאמען מיט א דאמע: אדער ער פלעגט איהר פאראויסלויפען, זי איבערלויפען און דערנאך מוזען ווארטען אויף איהר, אדער איהר נאכגעהן ווייט פון הינטער איהר.

פלארא האט אבער מיט איהם פיעל געשפיעלט, גענומען זיין מוזי־קאלישע בילדונג אין איהרע הענט און טאפפ האט איצט געמוזט שטונדען־לאנג זיצען ביים קלאוויר און שפיעלען איינפאכע גאמעס, כדי צו ערווערבען זיך אביסעל טעכניק... זיינע קאמפאזיציעס האט ער שוין געמוזט אויפשרייבען אויפ'ן פאפיר, דאס הייסט אויף זיין לשון, מאטעריאליזירען די מוזיק. דרוקען עפעס פון זיינע קאמ־פאזיציעס האט זי ניט געשטרעבט און כמעט ווי ניט געוואלט. זי האט געווארט אויף זיין געניאלעס ווערק, וועלכעס זאל איהם מיט איין קלאפ באריהמט מאכען...

און אזוי זיינען אין וואסערמאנ'ס הויז געלאפען מאנאטען נאך מאנאטען, שטיל און רוהיג, ווי דער לויף פון א רוהיגען קלארען וואסער, אהן גרויסע שטורמישע פריידען און אהן וואלקען, אבער דאך אין א מין־געשפאנטער ערווארטונג און ארויסקוק...

זי, די צוריקגעהאלטענע און שטאלצע, האט ניט געקענט זיין אויפדרינגליך מיט איהר ליעבע, מיט איהרע פרויען־לאסקעס...

וואסערמאן, וועלכער האט זיך געראנגעלט מיט'ן ציניקער און זיך געוואלט פון איהר אינגאנצען באפרייען, דער וואסערמאן, פאר וועמען פלארא איז איצט געווען א טייערע וואזע, א געניאלעס און ברעכיגעס סקולפטור־ווערק, איז אויך געווען זייער צנוע'דיג, פארזיכטיג און צוריקגעצויגען אין זיין ליעבע...

און דאָך האָבעןביידע געוואוסט, אַז זיי זיינען געגענזייטיג געליעבט... דאָך האָט קיינער ניט געצווייפעלט אין דעם צווייטענס ליעבע...

דער בלינדער ברודער האָט אין דער שטילער צנועה׳דיגער ליעבע עפּעס ווי יאַ געצווייפעלט... ער האָט די שאַרפע ענדערונג אין זיין שוואָגער׳ס כאַראַקטער ניט פאַרשטאַנען. גליקליך פאַרהייראַטע מענער ווערען ניט אנטשוויגען פון גליק, בפרט נאָך אימפּולסיווע מענער און טעמפּעראַמענטפולע, ווי וואַסערמאַן. ער האָט דערפאַר אָפט גע־רעדט וועגען איהם מיט זיין שוועסטער, פיעל אָפטער ווי די פרוי האָט גערעדט וועגען איהר געליעבטען מאַן... אין דער אמת׳ן האָט זי וועגען איהם גערעדט זעהר ווייניג, וואָס דער ברודער האָט נאָך ווייניגער געקענט פאַרשטעהן, און וואָס האָט איהם כמעט ווי געשראָקען און געערגערט... ער האָט זי דערפאַר זעהר אָפט געמאַטערט מיט פאַרשיידענע פראַגען וועגען זייער גליק, וועגען דעם קאָליר פון וואַ־סערמאַנ׳ס האָר, פון זיינע אויגען, ווי אַזוי ער לאַכט, און דאָס גלייַ־כען, פראַגען, וועלכע זי האָט איהם אונצעהליגע מאָל געענטפערט און וועגען וועלכע ער האָט דאָך ניט אויפגעהערט צו פרעגען... פלאָראַ פלעגט זיך באַמיהען זיך אָפּצוטשעפּען פון איהם מיט עפּעס אַ שפּאַס און אַ געלעכטער און האָט איהם צוליעב די צודרינגליכע פראַגען געגעבען דעם נאָמען די „נייגעריגע שוויגער“. און אין אמת׳ען האָט דער בלינדער אַרויסגעצייגט צום שוואָגער דעם אינטערעס פון אַ נייגעריגער שוויגער...

.3

שפּעט אין אַ וויטערנאַכט איז פלאָראַ געשטאַנען ביי דעם פענ־סטער פון איהר מאַנ׳ס קאַבינעט, אָנגעשפּאַרט מיט דעם הייסען און גליהענדען שטערען צום קאַלטען גלאָז און האָט איהם נאָכגעפאָלגט מיט אָנגעשטרענגטע בליקען. דער גרויסער פענסטער פון לאַבאָראַ־טאָריע איז געווען העל באַלויכטען און פלאָראַ האָט פון איהר פאַרבאָר־גענער פּאָזיציע געקענט פאַרפאָלגען וואַסערמאַנ׳ס האסטיגע און ברייטע טריט אין דעם העלען עלעקטרישען ליכט, דאָס אָפטע פאַרדייסען פון די הענט אויפ׳ן קאָפּ, וואָס איז תמיד געווען אַ צייכען פון זיין פאַר־

לעגענהייט... אה, זי האט שוין גוט געקענט אלע זיינע באוועגונגען, יעדען פארבארגענעם קנייטש פון זיין נשמה! פיעלע נאכטשטונדען פון זייער קורצען צוזאמענלעבען האט זי שוין פארבראכט אט דא, נעבען פענסטער, און האט איהם פון דארט פארפאלגט, אזוי ווי שפיאנירט, אז קיין איינציגע באוועגונג זיינע זאל פון איהר באאבאכטענדען בליק ניט פארלארען געהן.

די לעצטע נעכט האט וואסערמאן פיעל געשריבען אין זיין לאבאראטאריע. געשריבען און דערנאך לאנג, לאנג געשפאנט הין און צוריק מיט די פארריסענע הענט אויף דעם קאפ און איז ווידער צוגעפאלען צום טיש און לאנג, שטונדענוויין, האסטיג און נערוועז געפיהרט מיט דער ציטערדיגער האנד איבער דעם פאפיר.

דער טיש איז געראדע געשטאנעןביים פענסטער און פלארא האט געקענט פון קאבינעט אונגעשטערט ארייגקוקען איהר מאן גלייך אין פנים אריין און נאכפאלגען די פיבערישע בעוועגונגען פון זיין פעדער, וועלכע איז נאכגעלאפען און האט ניט געקענט דעריאגען זיינע געדאנקען...

פון זיין גאנצען ארט שרייבען, פון זיין אויפגערעגט געזיכט, האט זי געקענט נאר אויסלייענען, אז זיין שרייבען האט ניט צו טהאן מיט דער כעמיע, אז זיינע געדאנקען באוועגען זיך איצט אין אן אנדער וועלט.

אבער וואו?

די פראגע האט געבויערט איהר מוח, האט דרינגליך פארלאנגט אן ענטפער און האט די לעצטע נעכט געהאלטען איהר נשמה אין א פיבערהאפטער שפאנונג...

פרעגען איהם וועגען דעם האט זי ניט געקענט. דאן וואלט זי געמוזט ארויסגעבען איהר שפיאנירענדע פאזיציע ביים פענסטער און דאס האט איהר ניט ערלויבט דער טאן, אין וועלכען עס האט זיך אנגעהויבען זייער צוזאמענלעבען אין דעם הויז אנטקעגען דער לאבאראטאריע, אן טאן פון פאלשטענדיגער גייסטיגער אויטאנאמיע און דעליקאטער, אפווארטענדער צוריקגעצויגענקייט...

ווייטער האט זי מורא געהאט טאמער וועט זי זיך דערמיט צו־ריהרען צו אן אלטער אונפערהיילטער וואונד, צו א בעהאלטענעם וועהטאג.

אבער זי האט גארניט געקענט אויסלייענען פון זיין, איבער דעם פאפיר געבויגטען פנים, פון זיין האסטיגען שרייבען...

עס איז געבליבען פאר איהר א דראהענדער סוד...

און נאך א לאנגען און שווערען אינערליכען קאמף האט זי מיט א טיעפען און קאלטען שוידער זיך ענטשלאסען אנצובויגען זיך אי־בער דעם אפענעם אבגרונד פון זיין פארגאנגענהייט און א קוק טהאן אהין און זעהן וואס עס טהוט זיך דארטען, פונקט אזוי ווי זי וואלט געקענט דארטען אויסלייענען דעם אינהאלט פון זיין איצטיגען שרייבען, פון זיינע איצטיגע פארבארגענע געדאנקען און שאפען...

מיט א ציטערדיגער האנד האט זי ארויסגענומען פון איהר טיש־קעסטעל א מאנוסקריפט, דעם איהר גוט באקאנטען מאנוסקריפט...

דאס איז געווען זיין אויטאביאגראפיע...

דערלאנגט האט ער איהם דעם מאנוסקריפט צוזאמען מיט זיין פלאטערדיג הארץ, מיט זיין צוריסענער, פארפלעקטער נשמה, פאר וועלכער ער האט געבעטען ביי איהר א תיקון... די נשמה האט ווי פון א שטורם א צושלאגענע, צוקאליעטשעטע בלום זיך נאך געצויגען צום הימעל, צו זונענשיין... דער זונענשיין איז פאר וואסענמאנ׳ען געווען פלארא, איהר ליעבע... ער, דער אידיש־אויסגעקרימטער בוים... זי אזא גלייכע און פשוט׳ע אין איהר גלייכקייט... אן אויסגעקרימטער האט ער שוין איצט ניט געקענט לעבען... זי אבער האט איהם געקענט אויסגלייכען.

מיט פארמאכטע אויגען האט פלארא איצט איבערגעלעבט דעם גרויסען מאמענט אין איהר לעבען, דעם שוידער, וואס דער מאנוס־קריפט האט אין איהר דאן ארויסגערופען...

— צו וואס? — האט זי זיך געוועהרט מיט א טיעפען ציטער איבער׳ן גאנצען לייב. — איך וויל ניט וויסען אייער פארגאנגענהייט... איך אקצעפטיר אייך אויף אייער געגענווארט... — און זי האט אויס־

געמאסטען זיין גאנצע שלאנקע און עלעגאנטע פיגור מיט צוויי שטאלצע אויגען. ..

ער האט אבער ארונטערגעלאזט די אויגען און זיך אויף לאנג פארטראכט.

— ניין, פלארא! — האט ער אויפגעציטערט — אויף דעם וועל איך ניט איינגעהן... איהר מוזט אלעס וויסען... איך וויל אייך ניט אפּנארען. איך האב עס דאך צוליעב אייך געשריבען... אומיסטנע געשריבען... איהר מוזט מיך אקצעפּטירען אויף מיין פארגאנגענהייט און ניט אויף מיין געגענווארט...

— אה, איהר שרעקט מיך אזוי!... — האט זי אויסגעשריען מיט א בלאנדזשענדען צוטומעלטען שמייכעל אויף איהרע ליפּען. — וואס איז דארט אזוינס אין אייער פארגאנגענהייט? האט איהר דען א מענשען דער׳הרג׳עט?...

— איהר וועט זעהן...

און זי האט איהם געמוזט צוזאגען איבערצולייענען זיין אויטאביאגראפיע... זי האט עס איהם צוגעזאגט, אבער ניט מקיים געווען... זי האט איהם אפּגענארט...

און אלע מאל ווען זי האט געעפענט דעם שופלאד, וואו דער מאנוסקריפּט איז געלעגען, פלעגט זי איהם האסטיג פארמאכען און אפּשפּרינגען. איינציגע מאל איז זי געווען גרייט צו כאפּען דעם מאנוסקריפּט און איהם פארברענען...

איצט אבער האט זי זיך ענטשלאסען... און מיט א גרויל, מיט א קאלטען שוידער איבער דעם לייב, האט זי זיך פארטיפט אין א נייגעריג דורשטיגען לעזען...

אבער מערקווירדיג, וואס מעהר און ווייטער זי האט געלעזען, אלץ מעהר האט זי זיך ענטוישט, אנגענעהם ענטוישט, און אזוי ווי באפרייט אויפגעאטהעמט.

אזוי ווי די קונסט אליין קען זיך קיינמאל ניט אויסשמירען, ניט פארשמוצען און בלייבט תמיד ערהאבען, ריין און גייסטיג שעהן, ווי שמוציג און אפּשטויסענד עס זאל ניט זיין איהר סוזשעט, אזוי ערהאבען, ריין און שעהן האט געלויכטען אין דעם מאנוסקריפּט אונ־

טער זיין קינסטלערישער פעדער, וואסערמאנ׳ס גייסט, זיין נשמה, אין מיטען דעם שמוץ פון זיין פארגאנגענהייט. פיעל מאל איז ער געפאלען אין דעם שמוץ. אט טרינקט ער זיך איבער די אויערען אין דער טיעפער בלאטע פון א פארהונגערטען און נויטליידענדען לע־בען, די נויט הענגט ווי א שווערער שטיין אויף זיין האלז און ציהט איהם צום אפגרונד... אבער באלד רייסט ער זיך ווידער ארויס פון אונטער דער בלאטע און עס שיינט צוריק אן עדעלע נשמה, וועלכע הויבט זיך ווידער אין דער הויך, צום הימעל, צום זונענליכט, און ציהט זיך מיט ציטערענדע און דורשטיגע הענט צו א לעבען פון גרויסע אויפטהועכצען און העלדענטהאטען...

דער גאנצער מאנוסקריפט איז געווען נאר א וידוי, א הארצריי־סענדער וועה־געשריי פון א פארגוואלטיגטער נשמה, וועלכע איז בא־שאפען געווארען פאר גרויסע ציעלען און מעשים אין לעבען און וועלכער די נויט פארפאלגט ווי א בייזער גייסט און טרייבט זי כסדר ווי א געיאגטע חיה אין זומפ אריין...

און וואס מעהר עס האט זיך פאר איהרע אויגען צעוויקעלט זיין פארגאנגענהייט מיט אלע איהרע שמוציגע פלעקען און וואס מעהר די פעדער זיינע האט זיך באמיהט צו מאכען די פלעקען גרעסער און אפשטויסענדער, אלץ מעהר איז איהר געווארען גרינגער און לייכטער אויפ׳ן הארצען...

אין איהרע אויגען איז ער געשטאנען ניט ווי א געפאלענער, נאר ווי א מארטירער. אפילו אין דער געשיכטע פון דעם פראנצויזישען מיידעל, זיין מעטרעסע, וועלכע ער האט ארויסגעשיקט אויף די גאסען פון פאריז צו פארקויפען דעם קערפער כדי צו קויפען ברויט פאר זיי ביידען...

דאס וואס מיני (אזוי האט געהייסען זיין מעטרעסע אין פאריז) האט געטהאן פאר איהם, וואלט זי אויך געטהאן, ווען זי זעהט איהם א פארהונגערטען און פארשמאכטען...

גרויסע, הייסע טרערען האבען זיך געגאסען פון איהרע אויגען, טרע־רען פון א מוטער׳ס מיטלייד צו א זוהן א מארטירער, טרעהרען פון

דאנקבארקייט פאר זיין אפענהערציגקייט, פון פארטאפעלטער און פארשטארקטער ליעבע.

אך, ווען זי האט איהם איצט אין א חרע ארעמס!

ווארום בלייבט ער דארטען אין זי׳ן לאבאראטאריע אליין מיט זיינע געדאנקען? וואס פאר א וידוי שרייבט ער איצט? ווי שטארק זי וואלט איהם איצט ארומגענומען און געדריקט צו איהר ברוסט! מיט וואס פאר א גליק און פרייד וואלט זי איצט געקניעט פאר איהם און געקושט דעם שטויב פון זיינע פיס!

— אך, ווי ער האט געליטען! ווי ער האט עס געליטען! — האט פלארא געבראכען די הענט. און דער געדאנק, אז זי האט קיינמאל ניט געליטען, אז זי איז אויסגעוואקסען אין וואוילטאג און אין לוקסוס האט זי געמאכט פיהלען אומווירדיג און נישטיג פאר זיין ליעבע...

אבער ווי אפענהערציג א מענש זאל מיט אנדערע און מיט זיך אליין ניט זיין, ווי ברייט דאס הארץ זאל זיך ניט עפענען פאר א וידוי, בלייבען דאך מאמענטען אין מענשענ׳ס לעבען, וועלכע ער וואגט ניט צו דערצעהלען, אנצופארטרויען אפילו דעם אייגענעם איך און אפצושטעלען אויף זיי זיין געדאנק אויף א רגע, און לויפט פון זיי מיט פארמאכטע אויגען, לויפט מיט פחד און טויט־שרעק...

אזוינע מאמענטען זיינען געווען אין וואסערמאנ׳ס לעבען און זיי האט ער פארשוויגען אין זיין אפענהערציגע וידוי צו פלארא׳ן...

ער האט זיי פארשוויגען פאר זיך אליין...

עס האט איהם שוין געפעהלט דער מוטה ארייגצוקוקען אין דעם אפגרונד...

.4

עס איז אבער געווען באשערט, אז אלעס זאל אין דער שרעקלי־כער נאכט אנטפלעקט ווערען...

אזוי ווי פלארא איז געלעגען אויף דעם דיוואן ביים נאכט־טישעל, אויף וועלכען עס האט געברענט אן עלעקטרישער לאמפ און איז גע־ווען פארטיפט אין וואסערמאנ׳ס בילדרייכער, קינסטלערישער לעבענס־ערצעהלונג, האט די טיהר פון קאבינעט א סקריפע געטהאן און זיך געעפענט.

פלאַראַ האָט אויפגעציטערט און אויפגעהויבען איהר געזיכט פון מאַנוסקריפּט. אין דער האַלב־טונקעלהייט פון צימער איז געשטאַנען איהר בלינדער ברודער. אין שלאַף־ראָק, אָהן די ברילען, מיט צע־וואָרפענע און צעפּאַטעלטע האָר אויף דעם קאָפּ, האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ נאַכטוואַנדערער. אַ מינוט איז ער געשטאַנען צוטומעלט מיט אויסגעצויגענע און אַזוי ווי טאַפּענדע הענט, ווי אַן איבערגעשראָקענע נאַכט־געשטאַלט...

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צו רייבען דעם שטערען מיט דער רעכטער האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט געשטרעבט צו קומען צו זיך, צו באַוועלטיגען אַ שרעק און צו באַפרייען זיך פון אַ בייזען חלום...

און איידער די דערשראָקענע שוועסטער האָט געקענט עפענען דאָס מויל און איהם פרעגען וואָס איז מיט איהם, האָט ער זי געפרעגט מיט אַ ציטערענדער, טיעפער ברוסט־שטימע, וועלכע האָט געקלונגען אַזוי שטרענג און פרעמד:

— וואָס לייענסטו, פלאַראַ?

אַריינקומען צו איהר אַזוי שפּעט, אין אַזאַ אויפגערעגטען צו־שטאַנד און איהר שטעלען אַזאַ מאָדנע פראַגע — דאָס האָט זיך איהר אויסגעוויזען זעהר מערקווירדיג... פלאַראַ האָט זיך אויפגעזעצט אויף דעם דיוואַן...

ניט נאָר איז די פראַגע געווען פּרעמדאַרטיג און אונהיימליך — די גאַנצע געשטאַלט זיינע האָט אויסגעזעהן אין דער האַלב־טונקעלהייט פון צימער אונהיימליך און שרעקענד... און אַ פאַרגעפיהל פון אַן אַנקומענדען אומגליק איז דורכגעלאָפען איבער פלאַראַ׳ס לייב ווי אַ קאַלטער שוידער און האָט צוגעפּרעסט איהר האַרץ...

סאַלאַווייטשיק האָט אָבער באַלד דערפיהלט אין איהר שווייגען, אַז זיין ערשיינונג אין דער שפּעטער נאַכט־שטונדע האָט געמאַכט אויף דער שוועסטער אַ שווערען איינדרוק און ער האָט געזוכט זי צו באַרוהיגען.

— איך קען עפּעס ניט שלאָפען, פלאַראַ — האָט ער זיך אַזוי ווי אַנטשולדיגט מיט אַ באַרוהיגטער שטימע און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם דיוואַן ביי איהרע פיס. ער האָט זיך אָבער באַלד ווידער

אומרוהיג אויפגעשטעלט און האט זי נאך אמאל געפרעגט:

— וואס לייענסטו, פלארא?

— אנטקעגען וואס פרעגסטו עס? — האט זי איהם געפרעגט מיט א לייכטען פארדרוס אין איהר שטימע.

סאלאווייטשיק האט איהר דערויף גארניט געענטפערט.

— וואס האט דיך אויפגעוועקט? — האט זי איהם ענגסטליך געפרעגט.

— איך וויים אליין ניט... — און ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט זיך צוגעהערט... זיין פיינעם און שארפעם געהער האט אזוי ווי געזוכט צו כאפען דעם אפקלאנג פון ווייטע טריט ערגעץ וואו אין דער ווייטער פינסטערער נאכט...

— וואס לייענסטו, פלארא? — האט ער זי נאך אמאל נערוועז און צודרינגליך, ווי א קאפריזנע קינד, געפרעגט.

פלארא איז אויפגעשטאנען פון דיוואן און האט געמאכט עטליכע טריט איבער'ן צימער.

— וואס איך לייען? איך לייען וואסערמאנ'ס ביאגראפיע! — און זי האט אנגעשטעלט אויף איהם איהר בליק, צו כאפען דעם איינדרוק אויף זיין פנים.

— ווער האט עס אנגעשריבען זיין ביאגראפיע? — האט ער זי געפרעגט שטרענג, ווי א ריכטער דעם פארקלאגטען.

— ער אליין.

— ער אליין? — האט זיך אזוי ווי געוואונדערט סאלאווייטשיק און האט זיך פארטראכט און איהר אנטשלאסען באמערקט:

— איך וואלט עס דיר ניט געהייסען. ווייסט ער דערפון?

— ניין.

— זעהסטו, איך וואלט עס דיר ניט געהייסען.

— ווארום? — האט איינפאך געשטוינט פלארא.

— מערקווירדיג, ווי איך האב עס אין שלאף דערפיהלט! — האט אזוי ווי צו זיך אליין באמערקט סאלאווייטשיק.

— וואס האסטו דערפיהלט?

— אז דו לייענסט אט דעם מאנוסקריפט.

— וואָס מיינסטו דערמיט? אַז איך דאַרף ניט וויסען זיין פאַר־גאַנגענהייט?

— איך גלויב, אַז ניין, פלאָראַ! — האָט ער איהר געענטפערט מיט דעמזעלבען ערנסטען טאָן — צוליעב וואָס? זיין פאַרגאַנגענהייט איז טויט און איצט איז ער אַ נייער מענש, אַן אַנדער וואָסערמאַן... דו ווייסט דאָך מיין מיינונג...

פלאָראַ האָט זיך אויסגעלאַכט. איז דאָס אַלעס? צוליעב דעם איז ער געקומען צו איהר אין אַזאַ שפּעטער נאַכט־שטונדע? און זי האָט געזוכט איהם צו באַרוהיגען.

— האָב קיין אַנגסט ניט, לעאָן! וואָס מעהר איך באַקאַן זיך מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, מעהר לעהרן איך איהם צו אַכטען און צו ליעבען. מיין ליעבע צו איהם ווערט דורכדעם ניט קלענער. אומגעקעהרט. נאָך שטאַרקער און פעסטער.

— ליעבסטו איהם ווירקליך אַזוי שטאַרק, פלאָראַ? — האָט ער זי געפרעגט, אַזוי ווי צווייפלענדיג, און האָט אַנגעשטעלט אויף איהר זיינע טויטע, פאַרגליווערטע אויגען, אַזוי ווי ער וואָלט געקענט מיט זיי אויסטאַפּען אויף איהר פּנים דעם רעכטען אמת...

— וואָס דען? דענקסטו, אַז איך בין פעהיג צו הייראַטען אַ מאַן, וועלכען איך זאָל ניט שטאַרק ליעב האָבען? — און איהר קערפּער האָט זיך דערביי אויסגעצויגען, ווי איינער זאָגט: „זעה נאַר, בין איך פון די יעניגע?“...

— יאָ... געוויס... איך קען דיך... אָבער... — און ער האָט אָפּגעהאַקט אַנטשוויגען געוואָרען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך איבער־לעגט, אַז עס איז בעסער צו שווייגען, איידער צו ריידען...

— אָבער וואָס? — האָט איהם שטרענג איבערגעפרעגט פלאָראַ.

— איך ווייס... עפּעס לעבט איהר צווישען זיך אַזוי קאַלט... אַזוי גלייכגילטיג...

— איך בין דאָך ניט קיין יונגע ציגעלע, אַז איך זאָל איהם קושען פאַר אַלעמען אין די אויגען — האָט איהם פלאָראַ אונטערבראָכען מיט אַ בייזען און באַליידיגענדען טאָן, און האָט זיך אויסגעדרעהט צום פענסטער.

— אה, איך מיין ניט דאס...

— וואס דען? — האט איהם שטרענג און בייז געפרעגט פלארא.

— איבעריגענס ווייסטו דאך אלעס בעסער פון מיר... אבי דו ביזט גליקליך — האט ער אזוי ווי אליין בארוהיגט זיין אינערליכען צווייפעל.

— גליקליך? הם... דאס איז שוין אן אנדער פראגע... גאר אן אנדערע — האט באמערקט פלארא און פון איהר ברוסט האט זיך ארויסגעריסען א טיעפער זיפץ. דער ברודער האט א ציטער געטהאן.

— וואס־זשע, דו ביזט ניט גליקליך? — האט ער געפרעגט מיט אן אנגסטליכען טאן.

— דאס זאג איך ניט...

— וואס דען? האט ער דיך ליעב?... — האט ער ניט אויפגעהערט זי אויסצופארשען.

— איך גלויב אזוי... ווען ער זאל מיך ניט ליעבען, וואלט ער ניט געווארען קיין אנדערער מענש... א נייער, גרויסער וואסערמאן... דאס איז ער דורך מיין ליעבע אזוי אויסגעוואקסען... און ער וועט נאך וואקסען און וואקסען, הויך און שטאלץ ווי א פאלמע אונטער דער הייסער זון פון מיין ליעבע. ווייסטו, לעאן, אז מען רופט איהם קיין געננף אלס פראפעסאר? — האט זי איהם מיטגעטהיילט אין א געהיימניס־פולען טאן.

— ווירקליך? וואָרום האסטו עס מיר ניט דערצעהלט?

פלארא האט איהם ניט געענטפערט אויף זיין פראגע. זי האט זיך פלוצים פארטראכט. איהר פאנטאזיע האט פלינק אויפגעכאפט אלע איהרע געדאנקען און איז מיט זיי אוועקגעפלויגען אין אן אנדער וועלט... אין א וועלט, וואו איהר וואסערמאן איז געוואקסען ווי א הויכע און שטאלצע פאלמע אונטער דער זון פון איהר הייסער ליעבע צו איהם...

סאלאווייטשיק האט אבער ווידער אנגעשפאנט זיין שארפען מוזי־קאלישען געהער און האט זיך צוגעהערט...

— אט איז עס דאך! — האט ער ענדליך אויסגעשריען, אזוי ווי ער וואלט געכאפט א גנב ביי דער האנט.

— וואס? — האט אויפגעציטערט פלארא.

— דאָס, וואָס עס האָט מיך אויפגעוועקט...

— וואָס האָט דיך אויפגעוועקט? — האָט איהם נישט פארשטאַנען פלאָרא. זי האָט נור דערפיהלט, אַז איהר הארץ האָט אָנגעהויבען שנעל, שנעל צו קלאַפּען.

— די טריט פון אויבען...

— וואָס פאר אַ טריט?...

— עס געהט אימיצער אַרום פון אויבען. — און זיין קערפּער האָט אָנגעהויבען צו ציטערען, אַזוי ווי ער וואָלט דערשפּירט דאָרטען זיין טויט־פיינט...

— אום גאָטעס ווילען! וואָס איז מיט דיר?... עס איז טאַפּף ביי זיך אין צימער... דאָס ערשטע מאָל איז דאָס דיר?

— אַך, וואָס פאר אַ טאַפּף! ווען דאָס איז טאַפּף וואָלט איך זיך ניט געקימערט... עס געהט אויבען אַרום אַ פרעמדער. איך קאָן שוין טאַפּף'ס טריט, און דעם פרעמדען האָב איך אין שלאָף דער־פילט... ער האָט מיך פון בעט אַרויסגעוואָרפען, ער מאַכט מיך פול מיט אַנגסט! — און ער האָט אָנגעהויבען צו ציטערען ווי אַן איבער־געשראָקען קינד.

— אנגסט? אום גאָטעס ווילען! וואָס פאר אַן אַנגסט? — האָט איהם געפרעגט פלאָרא, ניט באַמערקענדיג ווי זי אַליין ציטערט שוין פון דעמזעלבען אַנגסט מיט איהר גאַנצען קערפּער.

פלאָרא האָט אויך אָנגעשרענגט איהר געהער. אָבער קיין קול, קיין ליכטער שאָרך האָט זיך פון דאָרט ניט געלאָזט הערען.

— איך הער קיינעם ניט! — האָט פלאָרא געזאָגט.

— אַך, ווי איז דאָס מעגליך! — האָט ער צו איהר אויסגערופען אַזוי ווי מיט פאַרדרוס.

זי האָט אָבער צו גוט געקענט זיין פיינעם געהער־חוש, זיין שאַר־פען אינסטינקט און זיין גאַנצע גייסטיגע קאָנסטרוקציע. אין דעם געהער־חוש האָט די נאַטור אַריינגעלעגט די גאַנצע קראַפט פון זיין נשמה. ניט אומזיסט איז ער געווען אַזאַ גרויסער מוזיקער. דער חוש פון הערען האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אויגען...

און אַז ער האָט געקאָנט אין אַזאַ שפּעטער שטונדע פון דער נאַכט אַריינגעקומען צו איהר אין אַזאַ ציטערענדיגען און אויפגערעכטען צושטאַנד, ווען אַ שאָרך, אַ לייכטער גערויש פון אַ פרעמדען מענשען האָט ביי איהם געקאָנט אָוועקרויבען זיין תמיד שטאַרקען שלאָף, האָט דאָס געמוזט זיין אַ שאָרך פון אַ שונא, פון אַן אומגליק, וואָס גנב'עט זיך ערגעץ אונטער דעם טונקעלען שלייער פון דער פינסטערער נאַכט און קריכט מיט שטילע טריט צו זייער הויז...

און אַז פלאָראַ האָט אָנגעהויבען זיך גוט איינצוהערען, האָט זי ווירקליך דערפיהלט אויבען ביי טאָפּפ'ן אין צימער געדעמפּטע טריט פון אַ פרעמדען מענשען.

דער פרעמדער מענש איז באַלד אויסגעוואַקסען אין איהר אויפגע־רייצטער און הייסער פאַנטאַזיע ווי אַ דראָהענדע געפאַהר. זי האָט זיך אינסטינקטיוו אַ וואָרף געטהאָן צום פענסטער. די לאָבאָראַטאָריע איז שוין געוועזען פינסטער. וואַרשיינליך האָט איהר מאַן שוין פאַרלאָזען דעם פּלאַץ.

אָבער וואו איז ער? דער וועג פון דאָרט אַהיים איבער דער שמאָלער גאַס האָט תמיד געדויערט אַ רגע. ער וועט דאָך ניט אַזוי שפּעט, אין אַזאַ קאַלטע און נעבעלדיגע נאַכט ערגעץ־וואו אַוועקגעהן! און זי שטעהט און שטעהט ביים פענסטער אַ פיבעריגע און אַ ציטערדיגע, קלאַפּענדיג אַ צאָהן אָן אַ צאָהן און ערוואַרטענדיג אַ קלונג, דעם גוט־באַקאַנטען קלונג זיינעם. מינוטען לויפען נאָך מינוטען, די לויפענדע צייט פאַרוואַנדעלט זיך אין אַן אייביגקייט, אָבער קיין קלונג...

דער ברודער האָט דערשפּירט איהר אומרוהיגען און אַנגסטליכען געמיטה...

— ער איז אויך אויבען! — האָט אויסגעשריען סאָלאָוויטשיק.

איינינע מינוטען זיינען שוועסטער און ברודער געשטאַנען ציטערענדע און בלייכע, ווי צוויי אָנגעצויגענע און געשפּאַנטע סטרונעס, ביידע פאַרוואַנדעלט אין געהער.

אזוי זעהען טאקי אויס גור מענשען, וועלכע הערען זיך צו צו דעם נאָכקלאַנג פון ווייטע טריט און דעם שאָרך פון דעם בגנבה אַנקומענדען שונא...

און אָט קריכט ער, דער שונא... זיינע טריט זיינען שוין גאַנץ נאָהענט און הערען זיך דייטליך. דער פרעמדער מענש רעדט פון אויבען אין טאַפּי'ס צימער מיט אַ געלאַסענער באַס־שטימע און יעדעס וואָרט זיינס קלינגט ווי ליידענשאַפטליך געשליידערטע באַ־שולדיגונגען און קומט צו זייערע אויערען דורך דער סטעליע ווי אַ וויטער און פאַרדומפּטער קלאַפּ פון אַ האַמער אויף דער קאָוואַדלע, אָבער פּלוצים ווערט די געלאַסענע באַס־שטימע אונטערבראָכען פון אַן אַנדערער, אַ גרינגערע און שנעלערע, אוןביידע אונטערברעכען איינע די אַנדערע און קלאַפּען זיך צוזאַמען ווי צוויי האַמערס אויף דער קאָוואַדלע, איינער אַ גרויסער און שווערער האַמער, און דער אַנדערער — אַ קליינער און גרינגער האַמער, וועלכער טאַנצט און קלאַפּט נאָך דעם גרעסערען...

אין דעם קלענערען האָט פלאָרא באַלד דערקענט גלעקעלע'ס אויפ־געגעגטע שטימע מיט דערשטיקטע טרעהרען...

וואָס האָט ער דאָ צו טהאָן אזוי שפּעט? מערקווירדיג! מערק־ווירדיג!

דאָן איז איהר די געפאַהר שוין קלאָהר געוואָרען... זי איז איצט געשטאַנען אויסגעצויגען פאַר איהרע אויגען, ווי אַ שרעקענדע גע־שטאַלט... און דאָס וואָס וואָסערמאַן האָט אויבען געשוויגען האָט איהר געמאַכט די זאַך קלאָהרער און פאַרדעכטיגטער...

אַ גרויסער סוד ווערט אויבען צעוויקעלט... אַ שרעקליכער סוד! ניין, זי קען דאָ ניט פאַרבלייבען... זי מוז זיין דאָרט אויבען און אַ קוק טהאָן דער געפאַהר גלייך אין פנים אַריין...

אין אַ נאַכט־קלייד, מיט האַלב־נאַקעטע הענט און ברייט־צעוואָר־פענע האָר האָט זי פאַרלאָזט דעם קאַבינעט און איהר בלינדען ברודער און איז מיט האַסטיגע טריט אַרויף אויבען צו טאַפּי'ן, ברייט גע־

עפענט די טהיר פון זיין צימער און איז געבליבען שטעהן א פאר־גליווערטע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איהר ערשיינען אין טיהר האט צוערשט קיינער ניט באמערקט... אלע אויגען זיינען געווען צוגעשמידט צו אט דעם פרעמדען מענשען. א חויבער מיט צוויי לאנגע שטיוועל און אין א קורצען רעקעל מיט א גרויסער קאזאצקע, שעפסענע היטעל, וועלכע איז געווען טיעף אנגע־רוקט אויף זיין קאפ, איז ער געשטאנען אין מיטען צימער מיט די הענט אין די קעשענעס און האט אויסגעזעהען ווי א פארגליווערטער ריען...

זיינע אויגען זיינען געווען אנגעשטעלט ווי א געציעלטע, געלאדענע ביקס גלייך אויף וואסערמאנ׳ען. דער אבער, האט אויפגענומען אט די געלאדענע ביקס אונערשראקען, קאלט־בלוטיג...

וואסערמאן איז געשטאנען, אנגעשפארט הינטער זיך מיט די הענט אויף דעם טיש, מיט אן אריבערגעבויגענעם קערפער און א נייגעריג פארווארפענעם קאפ... זיינע אויגען האבען גלייכגילטיג גע־קוקט אויף דעם פרעמדען און האבען איהם געלאכט גלייך אין פנים אריין, שפאטיש און ציניש...

— נעהמט איהר אן א פארטיי־געריכט? — האט געפרעגט דער גאסט אין דער פוטערנער, טיעף־אנגערוקטער היטעל, מיט דעם פרצוף פון א גרוזין, כאטש ער האט גערעדט א פראכטפולען רוסיש מיט א מאסקווער אקצענט. ביי פלארא׳ן האבען די אריענטאלישע אויגען און די ווייסע, ווי ביי א וואלף, צייהן, מיט וועלכע ער האט א בליאסק געטהאן, עפענענדיג דאס מויל מיט א גראבער אונטער־שטער ליפ, אפגעריסען דאס הארץ... עפעס תליונ׳ישעס איז געווען אין דער פראגע און אין דער גאנצער הויכער פיגור מיט די הענט אין די קעשענים, וואס איז געשטאנען אין מיטען צימער צווישען איהר און איהר מאן, געשטאנען צו איהר מיט׳ן פראפיל, אזוי, אז זי האט געקאנט זעהן אי דעם פראפיל און דעם פנים פון וואסערמאן...

אבער וואסערמאן, וועלכער האט ניט באמערקט פלארא׳ס ער־שיינונג אין דער טיהר, צווישען די פארהאנגען, האט ניט געביטען

זיין פּאָזע און ניט אויפגעהערט שטום צו לאַכען מיט זיינע גרינע אויגען, אַזוי ווי דער גאַסט וואָלט איהם פאַרשאַפט בלויז שפּאַס. פלאַראַ׳ן איז דאָס אויך ניט געפעלען געוואָרען...

— מיר אקצעפּטירען אַ פּאַרטיי־געריכט! — האָט נאָך אַ לאַנגער שווערער פּויזע געענטפערט גלעקעל פאַר זיין חבר... דאָס איז אַ פאַרלוימדונג... אַ שרעקליכער בלבול —

משה האָט גערעדט מיט אַ שווערען, אויסגעצויגענעם אָטעם, ווי אַ מאַן, וואָס געהט שוין לאַנג באַרג אַרויף... ער האָט אָבער דערביי ניט אַראָפּגענומען זיינע אנגסטליכע בליקען פון זיין חבר, וועלכער איז געשטאַנען ווי אַ זייטיגער, זיך אַמוזירענדער צושויער, אַזוי ווי ער וואָלט גאַרניט געווען דער נוגע בדבר... אַזאַ איינדרוק האָט צו־ערשט באַקומען אויך פלאַראַ. דער איינדרוק איז נעמליך געווען דער, אַז דאָס איז עפּעס אַ פּאַראיין אָדער כלל־אַנגעלעגענהייט, אין וועל־כער עס זיינען פאַראינטערעסירט אַלע. טאַפּף איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, מיט אַ פאַרריסען קאָפּ, און האָט געקוקט אויף דער סטעלי, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט געזעהן עפּעס אַ טשיקאַווע זאַך, אָדער וואָלט זיך געשעהמט קוקען אימיצען אין די אויגען...

— יאָ, מיר אקצעפּטירען אַ פּאַרטיי־געריכט! — האָט זיך אָנגע־רופען אַ דריטער סוביעקט, וועלכער איז ביז אַהער געזעסען אַ צו־זאַמענגעדרעהטער אין אַ טיעפען פאָטעל, אין אַ ווינקעל, און פלאַראַ האָט איהם צוערשט ניט באַמערקט. וואַסערמאַן האָט אויסגעדרעהט אין זיין זייט אַ נייגעריג פּנים...

— וואָס פאַר אַ מחותן זיינט איהר צו דער חתונה? — האָבען אַזוי ווי געפרעגט וואַסערמאַנ׳ס נייגעריגע אויגען.

פלאַראַ האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם סוביעקט׳ס פּנים, וועל־כער איז געווען אין שאָטען, און האָט איהם דערקאַנט. דער בחור האָט זי נאָך מעהר איבערגעשראָקען ווי דער קאַווקאַזער אין דער שמויסענער היטעל. זי פלעגט איהם כסדר עפּעס פלוצים באַגעגענען, אַזוי ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פון דער ערד אַרויסוואַקסען. זעהר אָפט פלעגט זי זיך אינסטינקטיוו אומדרעהען און איהם דערזעהן הינ־טער איהרע פּלייצעס. דער בחור האָט אויף איהר תמיד געמאַכט

דעם שווידערליכען איינדרוק פון א שפיאָן, וועלכער פאַרפאָלגט א מענשען אויף זיינע טריט... פיעל מאָל האָט זי איהם באַמערקט אַריינ־קוקענדיג אין די פענסטער פון זייער הויז.

דער בחור איז געוועזן דער וואָלאָזשינער עילוי, וועלכער האָט זי כסדר באַלעסטיגט מיט די בליקען פון זיינע קליינע אויגעלאַך אויף די לעקציעס, איבעראַל, וואו נאָר זי האָט איהם באַגעגענט. זי האָט וועגען דעם פאַרשווין זיך שוין עטליכע מאָל באַקלאָגט פאַר משה'ן און פאר איהר מאַן.ביידע האָבען איהר בלויז שפּאַסיג באַמערקט, אַז ער איז וואַרשיינליך שטערבליך פאַרליעבט אין איהר.

פלאַראַ'ן האָט עס דערפון געשווידערט...

— עס הויבט זיך ניט אָן! איך נעהם ניט אָן, ניט אייער גע־ריכט, ניט די יורידיקציע איבער מיך פון פאַרטיי אייזלען — האָט וואסערמאַן שטיל און רוהיג זיך אויסגעגליכען. דאָס שפּאָטישע גע־לעכטער אין זיינע אויגען האָט זיך אויסגעלאָשען און אויפ'ן פנים האָט זיך צוגאָסען א מידע אומגעדולד.

— אָה! — האָט א ברום געטאָהן דער פרעמדער, און ווידער א בליאַסק געטהאָן מיט זיינע ווייסע צייהן — די פאַרטיי־אייזלען וועט לען אָבער ניט דערלאָזען, אַז א פּראָוואָקאַטאָר זאָל אַנטרונען ווערען פון זיינערע הענט אומבאַשטראָפט.

דאָס וואָרט „פּראָוואָקאַטאָר" האָט זיך אַריינגעשניטען אין פלאָ־ראַ'ס האַרץ ווי דער קלינג פון א קינזשאַל... מיט א קרעכץ פון א טויטליך פאַרוואונדעטען, האָט זי זיך גענומען אַרונטערלאָזען... דאָרט אויפ'ן שוועל פון דער טיהר, וואו זי איז געבליבען שטעהן אַן אומ־באַמערקטע פון אַלע אַנוועזענדע.

דער קרעכץ האָט אַלעמען אויפגעשווידערט, אפילו דעם פרעמדען מיט די וואָלפישע צייהן.

גלעקעל איז געוועזן דער ערשטער, וועלכער איז מיט איין שפּרונג צו צו איהר און זי אַנגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז גלעקעל און טאַפּף האָבען פלאָראַ'ן אָוועקגעלעגט אויף דער זאָפע און זיך גענומען זי מינטערען, האָט זיך דער פרעמדער

ערשט באקוועם צוזעצט אין א פאטעל... ער און דער מאן פון דער פאר׳חלש׳טער פרוי זיינען געבליבען ווי גלייכגילטיגע צום אינצידענט און האבען ניט אויפגעהערט זיך צו דועלירען מיט די אויגען.

וואסערמאן איז דאבוי ווידער געשטאנען געבויגען איבער׳ן טיש, מיט א פארוואַרפענעם קאפ און מיט צוויי לאַבענדע גרינע אויגען. דער פרעמדער האט דאבוי אויך געלאכט, אבער בלויז מיט די וואַל־פישע צייהן, געלאכט עפעס אונהיימליך, ווי א תליון לאכט...

און ווען פלאַרא איז געקומען צו זיך מיט א צווייטען קרעכץ און איהר אויסגעצויגענער באוועגליכער קערפער האט אנגעהויבען קאנוואולסיוו צו ציטערען און פון איהר האלז האט זיך אנגעהויבען צו כליאפען... א כליאפ נאך א כליאפ...— דאן איז דער ביז־אהער פאר־שטומטער טאפף צוגעגאנגען צום פרעמדען, צוגעגאנגען אזוי נאהענט צו איהם, אז זייערע קערפערס האבען זיך כמעט באריהרט, און האט זיך צו איהם געווענדעט מיט א כריפענדער, פארשטיקטער שטימע:

— מילאסטיוועי גאסודאר! אייער מאַרדע איז מיר עקעלהאפט!...

דער פרעמדער האט צו איהם פארריסען דעם קאפ פון פאטעל:

— מילאסטיוועי גאסודאר! — איך קען מיך ניט העלפען!...

— איך וויל אבער העלפען אייך און אייער גזלנ׳ישער מאַרדע זיך צו דערווייטערען פון מיינע אויגען...— און כאפענדיג דעם פרעמ־דען ביי די לאצען פון קורצען רעקעל האט דער ווילדער טאפף מיט וואהנזיניג פלאקערדיגע אויגען גענומען שלעפען דעם פרעמדען פון פאטעל, טופען מיט די פיס און שרייען ווי ניט מיט זיין קול:

— וואן! וואן פון דאנען! וואן! וואן!...

אז איבערראשטער און פאראליזירטער פון דעם מענשענס וואהנ־זיניגען כעס, האט זיך דער פרעמדער געלאזט אזוי שלעפען ביז צו דער טיהר...

ביי דער טיהר איז ער געקומען צו זיך, האט זיך באפרייט פון טאפף׳ן און איהם פון זיך אפגעשליידערט מיט אזא קראפט, אז טאפף האט זיך איבערגעקוליעט אויפ׳ן דיל און איז הילכיג פארפאהרען מיט׳ן קאפ אין דער שאפע, וועלכע איז געשטאנען ביי דער וואנט, אנטקעגען דער טיהר.

און ווידער איז שטיל געוואָרען אין צימער, אונהיימלאך שטיל...
אפילו דאָס כליאָפּען פון פּלאָראַ׳ס האַלז האָט זיך איבערגעריסען...

דערנאָך איז דער פּרעמדער צוגעגאַנגען צום טיש, וואו וואַסער־מאַן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָנגעשפּאַרט און באַוועגלאָז, האָט אַרויס־גענומען פון קעשענע אַ רעוואָלווער און האָט איהם אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש מיט די ווערטער:

— „דאָס איז דער ווערדיקט פון דער פּאַרטיי!“ — האָט זיך אויס־געדרעהט, אַנגערוקט זיין שמוציגע היטעל איבער די אויגען און מיט זיכערע טריט פאַרלאָזען דאָס צימער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַלד ווי דער פּרעמדער האָט פאַרלאָזען דאָס צימער, האָט אַ בליץ פון אינטואיציע אָנגעצונדען אין פּלאָראַ׳ס קאָפּ אַ געדאַנק, אַז דער פּרעמדער איז דאָ עפּעס אַ טפל אין דער גאַנצער מעשה, אַז דער עיקר איז דער סוביעקט, וואָס זיצט דאָרט אין ווינקעל אַ צוזאַמענ־געדרעהטער אין פּאַטעל... דער, וואָס האָט זי כסדר שפּיאָנירט און פאַרפאָלגט...

דער געדאַנק איז פאַר איהר אַליין געווען אַזאַ איבערראַשונג, אַז עס האָט זי אויפגעהויבען פון דער זאַפע, אויף וועלכער זי איז גע־לעגען... דער געדאַנק האָט איהר באַלויכטען דעם בחור׳ס גאַנצע באַנעהמונג זיינע. איצט האָט זי באַקומען אַ נייע און זעהר וויכטיגע באַדייטונג.

— איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס פאַר אַ ראָליע עס שפּיעלט אָט דער הערר אין דער גאַנצער געשיכטע! — האָט זיך פּלאָראַ געווענדעט צו משה׳ן, אָנווייזענדיג מיט די אויגען אויף באַכמוטסקי׳ן.

די דאָזיגע פראַגע האָט איבערראַשט אַלע דריי מענער, אפילו וואַסערמאַנ׳ען. דריי פּאָר נייגעריגע אויגען האָבען זיך אָנגעשטעלט אויפ׳ן וואָלאָזשינער עילוי, אַזוי ווי זיי וואָלטען ערשט באַמערקט זיין אַנוועזענהייט...

— יאָ, וואָס פאַר אַ ראָליע שפּיעלט דאָ אָט דער פּאַטראָן? — האָט זיך וואַסערמאַן געווענדעט צו משה׳ן. אַ ציטער פון גרויל האָט אויסגעקרימט זיין פּנים. משה האָט דערויף גאָרניט געענטפערט,

ווייל ער אליין האט אויך ניט געוואוסט וואס דער עילוי טהוט דא, ווי אזוי ער איז מיט זיי נעקומען און זיך צוגעטשעפעט צום דעם גאנצען ענין.

זיינע אויגען האבען אויך געפרעגט דיזעלבע פראגע. אלע האבען גע־ווארט, אז דער עילוי אליין זאל זיי ערקלעהרען, וואס ער טהוט דא. ער האט זיי אבער לאנג געלאזט ווארטען אויף א תשובה...

— וואס פאר א ראליע איך שפיעל דא? כא־כא־כא! די ראליע פון א גואל הדם... ראבינאוויטש איז מיין אייגען שוועסטער־קינד... הער פראפעסאר! — האט ער זיך געווענדעט צו וואסערמאנ׳ען — איהר געדענקט דאך מסתמא דעם „איינזאמען דארען"? אה, געוויס גע־דענקט איהר איהם! ווי קען מען עס פארגעסען?... איך וועל עס אין מיין גאנצען לעבען ניט פארגעסען... א וואונדערבארע רעדע... ווארום האט איהר זי ניט געענדיגט? א שאד! א גרויסער שאד!... א קלאסישע רעדע...

אן איינזאמער דארן! — און דער בחור האט זיך אוועקגעשטעלט אין דער פאזע פון א רעדנער, אין דערזעלבער פאזע, אין וועלכער וואסערמאן איז געשטאנען ביים אפענעם קבר פון דעם „איינזאמען דארן" און האט איבערגע׳חזר׳ט זיין רעדע, אימיטירענדיג דערביי דעם רעדנער׳ס שטימע און אפילו זיינע אראטארישע העויות...

און דאס אלעס איז דורכגעמאכט געווארען מיט דער גרעסטער תמימות, מיט דער נאאיוויטעט פון א קינד וואס ציטירט א ליעד, וואס ווייסט ניט פון קיין חכמות...

דער ערשטער, וועלכער האט שנעל געכאפט דעם גאנצען זין פון בחור׳ס ראליע, דעם גאנצען יעזואיטיזם פון דער תמימות, די גאנצע פראוואקאציע פון דעם תמ׳עוואטען שפיעל — איז געוועזן וואסערמאן.

— אה, דו לומפ! — האט ער אויסגעשריען אין א ווילדען, מער־דערישען כעס, און געכאפט דעם רעוואלווער, וועלכען עס האט דארט געלאזען דער פרעמדער, און איהם אנגעשטעלט אויפ׳ן וואלאזשינער עילוי...

געקעטעט פון א זיכערען טויט האט איהם פלארא... מיט איין שפרונג האט זי זיך געשטעלט צווישען דעם רעוואלווער אין דער

אויסגעשטרעקטער האנד פון איהר מאן און דעם ישיבה בחור, וועלכער האט שטודירט צוגלייכער צייט מעדיצין און יוריספרודענץ און אויך די וויסענשאפט פון שפיאן און פראוואקאטאר אין דער קאנצעלאריע פון רוסישען קאנסול...

יא, פלארא האט דעם עילוי, וועלכער האט אויסגעשפיאנירט וואסערמאנ׳ס אונשעדליכע פארבינדונגען מיט דעם רוסישען שפיאנענסיסטעם, פארשטעלט מיט איהר ברוסט און גערעטעט איהם פאר א גרויסער עילוי׳עשער קאריערע פון א שפיאן און פראוואקאטאר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א שטונדע איז פאראיבער זינט דער שרעקליכער סוד פון איהר מאנ׳ס לעבען האט זיך צעוויקעלט פאר פלארא׳ס אויגען... א שטונדע איז פאראיבער זינט דער פרעמדער האט אריינגערוקט א קינזשאל אין אין הארצען...

איין שעה האט געבלוטעט דאס הארץ און איז פארטעמפט געווארען...

איצט איז זי געזעסען אין א ווינקעל פון דער זאפע, מיט די פיס אונטער זיך, אן אויסגעלאשענע און א גלייכגילטיגע צו אלעמען און צו אלעם אויף דער וועלט...

זי האט אפילו פארגעסען אן איהר אייגענעם בלינדען ברודער, וועמען זי האט געלאזען דארט אונטען איינער אליין אין דער גאנצער וואוינונג, איינער אליין אין א הילפלאזען אין דעם לעבענסשטורם, וועלכער האט אויסגעבראכען אין דער פינסטערער נאכט איבער דעם דאזיגען הויז...

איצט זיצט שוין וואסערמאן אין דעם פאטעל, וואו דער פרעמדער איז פריהער געזעסען, און גלעקעל טאנצט נעבען איהם און קארטשעט זיך אין א גסיסה פון א פארצווייפעלטער חבר־ליעבע...

— וואסערמאן! איצט איז די צייט! קום מיט מיר קיין ארץ־ישראל! איידער עס וועט ווערען טאג אין דרויסען... וואסערמאן! לאז דיך ראטעווען!... איך וויל דיר אפראטעווען!... דו ביזט א חולה מסוכן, וואסערמאן!... דו דארפסט האבען ארץ־ישראל־לופט... דו ביזט א גרויסער מאן, וואסערמאן... איך פארשטעה דיך... נאר

א קראנקער... מיר זיינען אלע קראנק, אבער דו ביזט דער געפעהר־ליכסטער.... קום... טוה זיך אן... איך מוז דיך רעטען פאר'ן אי־דישען פאלק... דאס אידישע פאלק דארף האבען גרויסע בעמיקער... דארט אין אונזער אוניווערזיטעט... האב רחמנות אויף זיך, וואסער־מאן! — האט זיך ביי איהם געבעטען גלעקעל מיט א קול פון א מענ־שען, וואס בעט זיך ביי א חולה מסוכן, אז ער זאל זיך לאזען מאכען אן אפעראציע און ראטעווען זיין לעבען.

און לאנג, לאנג האט גלעקעל גערעדט איבער איהם אין דעם זין, זיך געווארפען פון איהם צו פלארא'ן און פון פלארא'ן צוריק צו איהם.

וואסערמאן איז געזעסען די גאנצע צייט אונבאוועגליך, אנגעבוי־גען און איינגעגראבען מיט'ן פנים אין די הענט, אונגעריהרט און קאלט ווי א שטיין, ביז גלעקעל איז מיעד געווארען ריידענדיג איבער איהם...

— פון דאנען קיין וויען, פון וויען איבער בעלגראד, סאפיע נאך קאנסטאנטינאפאל — האט וואסערמאן איבערגע'חזר'ט משה'ס אלטען מארשרוט פאר אן עלית רגל קיין ארץ־ישראל, וואס איז געווען זיין לעבענסטרוים.

— יא, קיין קאנסטאנטינאפאל... קיין קאנסטאנטינאפאל... — האט איהם נאכגערעדט משה, ווי איינער וואס געפינט זיך אין א הינ־הער־פלעט.

— און דאן א שפרונג איבער'ן באספאר? כא־כא־כא! — און ער האט זיך צולאכט עקעלהאפט, מיט א ביטערען, גאליגען געלעכטער.

— לאך נישט! לאך נישט! — האט משה אויסגעשריען ווי א פארוואונדעטער.

— ניט לאכען! אך, דו נארישער גלעקעל! דו טיפש איינער! — און וואסערמאן האט איהם אפגעשטופט פון זיך מיט פאראכטונג און זיך צולאכט הויך און ווילד מיט א ציניששער אויסגעלאסענקייט, פונקט ווי עם לאכען אמאל באטרונקענע און פארלארענע נאסענפרויען...

און פלארא האט אין דעם געלעכטער ווידער אמאל דערזעהן פאר איהרע אויגען דעם אלטען וואסערמאן... דעם אייביגען סאטיר און קלאון, וועלכער איז איהר געווען אפשטויסענדער, עקעלהאפטער פון

דעם פּראוואָקאַטאָר... פון דעם נייעם וואַסערמאַן, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געוועבט און געוואַקסן פאַר איהרע אויגען, פון איהר מייסטערווערק, איז קיין שפּור ניט געבליבען...

און אַלעס אונטער איהר ציטערט און פאַלט. די געבויטע וועלטען פאַלען ווי דורך אַן ערדציטערניש און אַט וועלען די חורבות זי צו־דריקען...

— אונג גאָטעס ווילען! וואָרום העלפט איהר מיר ניט? איז ער אייך ניט טייער? ליעבט איהר איהם ניט? ווירקט אויף איהם! איהר האָט דאָך אַזוי פיעל אויף איהם געווירקט! לאָמיר צוזאַמען אוועקגעהן פון דאַנען! — האָט זיך ביי איהר געבעטען גלעקעל.

— אַך, גלעקעל, גלעקעל! איהר זעהט דאָך וויפיעל איך האָב אויף איהם געווירקט!... — האָט זי געזאָגט מיט אַ טרויעריגען שמייכעל, דורך וועלכען עס האָט געטריפט דאָס בלוט פון איהר צוריסען הארץ. — אַ, אום גאָטעס ווילען! לאָך נישט!... לאָך נישט אַזוי! אַט דער צינישער געלעכטער, דיינער איז שענדליכער ווי די פּראוואָ־קאַציעס... פאַרדין איך ניט קיין מיטלייד? — און אויף איהר פּנים האָט אויפגעפלאַקערט אַ ביטערע שנאה צו איהם...

— וואָס? ניט לאַכען? נאַ דיר גאָר ניט לאַכען! דאָס לאַכען איז מיין לעבענס־אָטעם, מיין לופט... כאַ־כאַ־כאַ!...

— לאַך! לאַך! איצט מעגט איהר שוין געוויס לאַכען.

— איבעריגענס איז מיר וואורשט... אַלעס וואורשט! אונז מישפּט מען ניט, כאַ, כאַ, כאַ, איבער־מענשען האָבען זייער אייגענע מאָראַל...

— גלויבסטו, אַז דו ביסט אַן איבער־מענש? — האָט פלאָרא אויפגעפלאַקערט אין אַ לעצטער האָפענונג.

— געוויס, גלויב איך, כאַ, כאַ, כאַ...

זיין קרומער געלעכטער האָט אָבער אויסגעלאָשען די לעצטע האָפענונג איהרע...

— יאָ, פלאָרא, דו האָסט געהאַט אַ טעות... אַ גרויסען טעות, אַ קרומער בוים, ווי איך, קען זיך שוין ניט אויסגלייכען, — האָט ער ווייטער גערעדט, אָבער שוין מיט אַ מיעדען גענעץ.

פּלוצים האָט זיין מיעדער, שוין אויסגעלאָשענער פּנים זיך ווידער באַלעבט.

— אוי, גלעקעל, ווען דו לעזט מיין ניי ווערק איבערן אידישען פאלק און אידישע ראסע, כא, כא, כא, איך וועל עס ווידמענען איהם, משה'ן! — האט ער זיך געווענדעט צו פלארא, כמעט אן ענטציקטער פון דער אידעע, — וועט דאס איהם פערשאפען פארגעניגען! וועלען זיך עס די אנטיסעמיטען פרעהען מיט מיין בוך! —

גלעקעל האט געקראגען א נייעם טשמעל איבער'ן קאפ.

— וואס פאר א ווערק? וואס איז דאס? נאט מיינער, וואס טהוסטו? וואס האט ער געטהאן, פלארא? אום גאטעס ווילען! דערצעהלט מיר! לאמיך וויסען!

וואסערמאנ'ען האט זיין פיין, זיין פחד, פארשאפט גרויס פארגעניגען.

— קוק איהם נאר אן! כא־כא־כא! א, דו גלעקעל, ארעמער גלעקעל! הער, איך האב אנגעשריבען א ניי ווערק איבער ראסענקאמף און ראסען־בלוט און ווידמע דארטען די אידען עטליכע קאפיטלעך... אזעלכעס, וואס דער ביטערסטער אנטיסעמיט האט ניט געקענט שרייבען... כא־כא־כא! עס וועט ווערען א געפעהרליכע וואפען אין די הענט פון דעם מאדערנעם אנטיסעמיטיזם, אך ווען דו לייענסט עס, גלעקעל! — האט ער איהם געפייניגט מיט א לייידענשאפטליכער פרייד.

פלארא האט זיך אויפגעהויבען פון דער זאפע און זיך געלאזט צום ארויסגאנג. משה האט זי געכאפט ביי דער האנט.

— וואוהין? אום גאטעס ווילען!...

— מיין פריינד! איך האב דא ניט וואס צו טהאן!

— ניין, ניין! זאגט עס ניט! געהט ניט אוועק פון דאנען! ווירקט אויף איהם! פארלאזט איהם ניט איצט! ראטעוועט איהם! וואס פאר א ווערק האט ער געשריבען? נעהמט עס צו ביי איהם! — האט ער גיט אויפגעהערט ביי איהר זיך צו בעטען.

— ניין, ניין, מיין פריינד!... איך האב דא מעהר ניט וואס צו טהאן!... אלעס איז פארלוירען! איך מוז שנעל, שנעל אוועק פון דאנען... דיין אייגען פאלק האסטו דאך געקענט שאנעווען!... זיך אליין!... קיין געלט דארפסטו דאך ניט!...

— אמווענינסטענס בין איך גענויגט זיך צו שאנעווען! ווער

עס פאַרדינט שמיץ זאָל זיי קריגען, אפילו איך אַליין! כאַ־כאַ־כאַ!...

— ניין, ניין! — זייט איהם מוחל!... זייט איהם מוחל און פאַר־בלייבט דאַ מיט איהם!... דאָס ווערק וועל איך מיט געוואַלד ביי איהם צונעהמען! — האָט זיך געבעטען משה, ווי מען בעט רחמנות...

— דעם נייעם וואַסערמאַן בין איך געווען גרייט אַלעס מוחל צו זיין... די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט... איך האָב איהם דאָך מוחל גע־ווען... איך וואָלט איהם אפילו מוחל געווען דעם שרעקליכען און עקעלהאַפטען סוד, וועלכער איז דאַ אויפגעוויקעלט געוואָרען, אָבער דעם אַלטען וואַסערמאַן?... דאָס איז אונמעגליך, איבער מיינע כחות, מיין ליעבער, הארציגער מענש!... דער אַלטער וואַסערמאַן, אַט דער אַ עקעלט מיך!... אַ שרעקליכער עקעל!...

און אַ קאַלטער טויט־שוויים איז אַרויסגעטראָטען אויף איהר שטערען און אויף איהר גאַנצער לייב... זי איז ווידער שטעהן גע־בליבען, ווי אַ צוטומעלטע און פאַרטשאַדעטע, אָהן אַ ווילען און אָהן געדאַנקען...

אָבער אַז טאַפּף האָט אַראָפּגענומען זיין פּאַלטאָ פון הענגער און איהם אָנגעהויבען אָנצוטהאָן און פאַרלאָזען דאָס צימער, האָט פלאָרא זיך ענטשלאָסען אויסגעשטרעקט, אַזוי ווי צוזאַמענצוקלייבען איהר ווילען און איהרע געדאַנקען, און געבעטען איהם, ער זאָל וואַרטען אויף איהר, ביז זי וועט זיך אָנטהאָן און זאָל מיט איהר און דעם ברודער צוגעהן צום נאָהענסטען האָטעל.

— טאַפּף! פון די דרייסיג זילבערנע שקלים האָסטו יעדעס מאָל גענעסען גלייך מיט מיר! כאַ־כאַ־אַ! — האָט איהם נאָכגעשריען וואַ־סערמאַן, בעת ער איז שוין געשטאַנען אין דער טיהר.

טאַפּף האָט שנעל אָנגעבויגען דעם קאָפּ, אַזוי ווי מען וואָלט איהם פון אונטען דערלאַנגט מיט אַ האַק איבער׳ן שאַרבען.

— דו וועסט דאָך פּגר׳ן פון הונגער, אונגליקליכער טאַפּף! — האָט ער איהם נאָכגעשריען.

— מיט דיין ברויט וועל איך זיך אָבער דערוועגערגען! — האָט ער איהם נעענטפערט פון דער טיהר, ניט קוקענדיג אויף איהם.

פלאָרא האָט זיך געלאָזט צו דער טיהר מיט וואַקלענדע טריט...

ע נ ד ע.